YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i24

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 24
June 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 24)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/43

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 24 — New York, Friday, June 27, 1919. — פרייטאג, דעם 27טען דזשון, 1919 — PRICE 3 CENTS

דער וואונדערבארער אויפטו און דער גרויסער ביי־שפיעל פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק.

איצט, אז דער גרויסער קלאוק מאכער סטרייק איז שוין פאקטיש געענדיגט, איצט, אז די גאנצע קלאוק אינדוסטריע איז אזוי ארגאניזירט, אז כמעט אלע איבלען און צרות פון וועלכער דער קלאוק מאכער האט געליטען, זינט עס איז געווען א קלאוק-אינדוסטריע, זיינען ווי מיט'ן ווארצעל אויסגעריסען געווארען; איצט ערשט דערמאנען מיר זיך אן א געפיהל, וואס האט אונז באהערשט אויף דעם מי־טינג אין קופער יוניאן, וואס לאקאל 1 האט איינבערופען אום פארצולייגען פאר די קלאוק מאכער דעם אגרימענט, וועלכען די יוניאן-פארשטעהער האבען אויסגע־ארבייט.

מיר געדענקען גענוי, וואס מיר האבען דאן געטראכט, כאטש מיר הא־בען ניט געגעבען קיין אויסדרוק דעם גע־דאנק. און געטראכט האבען מיר:

„זיינען די מענשען משוגע געווארען? ווי קענען זיי גאר ערווארטען דאס אלעס איינצופיהרען? ווי קענען זיי ערווארטען אז די באסעס זאלען זיי דאס נאכגעבען? און ווידער, אויב זיי דיינקען פיעלע פון די געשטעלטע פאדערונגען שפעטער אויפ־צוגעבען אין גאנצען אדער שטארק אראפ־לאזען פון זיי, טו וואס פאר א זין האט עס צו געבען די ארבייטער פאלשע האפ־נונגען, וועלכע קענען קיינמאל ניט ער־פילט ווערען, און וועלכע קענען איהם שפעטער מאכען פיהלען ביטער ענ־טוישט?"

אבער וואס האט פאסירט אין דער ווירקליכקייט? קיין איינציגע פון די עקסטראוואגאנטע — ווי עס האט אויס־געזעהען אונז — פאדערונגען איז ניט איי־נגעגעבען געווארען. פון קיין איינציגער פאדערונג איז גארניט אפגעדונגען געווא־רען. דער אגרימענט, ווי ער איז אויסגע־ארבייט געווארען פון דער יוניאן, איז גע־ווארען א ווירקליכקייט, א פאקט אין לע־בען. פריהער די פראטעקטיוו אסס'ן, דאן די סאב-מאנופעקטשורערס אסס'ן, דאן די דזשאבערס אסס'ן, האבען אט דעם עקסטראוואגאנטען אגרימענט א ו נ־ט ע ר ש ר י ב ע ן, און איצט שטעהט די קלאוק מאכער אינדוסטריע אויף דעם איבערשטען שטאפעל פון אלע אינדוס־טריען אין לאנד. וועניגע זיינען די אינ־דוסטריען, אין וועלכע די ארבייטער הא־בען איינגעפיהרט א 44 שטונדיגע אר־בייטס-וואך, וועניגע זיינען די אינדוס־טריען, אין וועלכע די ארבייטער קריגען אזעלכע וויידזשעס; נאך וועניגער זיינען די אינדוסטריען, אין וועלכע די יוניאן זאל קריגען אזא קאנטראלע איבער די גאנצע אינדוסטריע.

וועלכע וויטזיכטיגקייט, וועלכער טאקט עס האבען זיך געפאדערט, אום דאס אלץ איינצופיהרען. און אין דעם משך פון אזא קורצער צייט! ווירקליך געבענשט איז אזא יוניאן וואס האט אזעלכע פיהרער ווי ב. שלעזינגער, מ. זיגמאן, י. פיינבערג, ס. מעטץ, לעפקאוויטש, לאנגער, קאפלא־וויטש, וואנדער, העללער, און נאך און נאך.

ווירקליך געבענשט איז אזא יוניאן וואס האט אזא מיטגלידערשאפט, אזוי טאקטפול און אין דערזעלבער צייט אזוי קאמפפלוסטיג, אזוי ענטשלאסען און אזוי דיסציפלינירט.

א מוסטער פון א יוניאן! און ווי גיך קריגט עס אזא מוסטער-יוניאן איהרע נאכפאלגער. דער זיעג פון די קלאוק מא־כער אין ניו יארק האט שוין געפיהרט צו נייע גלענצענדע זיעגע אין באלטימאר, אין באסטאן, וואו די קלאוק מאכער הא־בען שוין אויסגעפיהרט דיזעלבע באדינ־גונגען וואס די קלאוק מאכער אין ניו־יארק.

דער לעזער וועט געפינען די בעריכ־טען פון באלטימאר און באסטאן אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער, און ער וועט זיך איבערצייגען, אז מיר איבערטרייבען ווירקליך ניט, ווען מיר זאגען, אז אין דעם פאל איז דער ניו יארקער קלאוק מאכער סטרייק געווען, ווי א ליכט-שטראהל, וועלכער האט געוויזען דעם וועג פון קאמף און זיעג די קלאוקמאכער פון אנ־דערע שטעדט.

און אויך די זיינען נאר אן אנפאנג.

די נעקסטע אויף דער רייהע שטעהט איצט קליוולאנד.

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איז שוין באריכטעט געווארען, ווי אלעס איז דארט ערב קאמף, און עס איז נאר א פראגע פון טעג, און דער קאמף וועט דארט אויסברעכען. דארט האבען די בא־סעס געוואלט זיין חכמים און האבען זיך אויפגעבויט זייער אייגענע יוניאן פאר די ארבייטער: איהר ווילט א יוניאן, נאט אייך!

מאדנע ברואים די באסעס פון קליוו־לאנד. זיי מוזען נאך שטאמען פון דער צייט פון פאר'ן מבול. זיי הייבען ניט אן צו וויסען אין וועלכער צייט מיר לעבען; זיי פארשטעהען ניט, אז די צייט, ווען מען קען נארען די ארבייטער מיט אזעלכע באבקעס, איז שוין לאנג פארביי.

פרעזידענט שלעזינגער וועט זיין די טעג אין קליוולאנד, און איהר קענט זיך פארלאזען, ער וועט פאר זיי קלאר מא־כען דעם ענין. נאר אויב דאס וועט ניט העלפען, וועט אבער זיכער העלפען דער סטרייק. קליוולאנד קען ניט, וועט ניט בלייבען הינטערשטעליג. זי מוז שטעהן אין רייהע און גליעד מיט אלע אנדערע קלאוק-צענטרען וואו די יוניאן האט די פולסטע קאנטראלע, און זי וועט עס אויך, אויף צו להכעיס אלע בלעקס און אנדערע אזעלכע בריות.

נאטירליך, אז שיקאגא, טאראנטא, מאנטרעאל, לאס אנדזשעלעס, סאן פראנ־ציסקא וועלען באלד נאכפאלגען, אויב זיי האבען שוין ניט נאכגעפאלגט. און דאס אלץ איז די גרויסע וואונדערבארע וויר־קונג פון דעם גרויסען קאמף און זיעג פון די קלאוק מאכער פון ניו יארק.

פערטער דזשולײ יום טוב אין יוניטי הויז.

נעקסטען פרייטאג, דעם 4טען דזשולײ, וועט זיין אן אמת'ער יום טוב, אן אמת'ער פרייהייטס יום טוב פאר די ליידיס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן.

אין דעם טאג ווערט געעפענט דער נייער, וואונדערשעהנער, פרעכטיגער זו־מער פלאץ, וואס די יוניאן האט געקויפט אין פארעסט פארק, פענסילווייניע.

אין דעם טאג ווערט באמת געפייערט דער גרויסער יום טוב פון אונאבהענגיג־קייט פון דער יוניאן פון אלערליי לענד־לארדס, פון דאס אייביגע נע ונד זיין. ענדליך, ענדליך האט די יוניאן אויסגע־פיהרט צו האבען א היים, וואס זי, די יוניאן, קען רופען איהר אייגענס; וואו זי אליין איז די איינציגע באלעבאסטע, די איינציגע דעה-זאגערין, וואו זי קען אלעס טאן, לויט איהרע באגריפען פון אנשטענדיגקייט, פון פערגעניגען און פון ווירקליכען אפרוה.

אזא יום טוב איז צו גרויס, צו וויכ־טיג, אז מען זאל איהם קענען אפ'פטר'ען מיט א ביליגער, מיט א גאנץ וואכעדיגע פייערונג. ער וועט געפייערט ווערען אזוי פרעכטיג, אזוי שעהן, ווי ער האט עס פאר־דיענט. דאס וועט זיין א טאג פול מיט פראכט און גלאנץ, דאס וועט זיין א טאג פול מיט שעהנע געדאנקען און געפיהלען, וואס וועלען ארויסגעזאגט ווערען סיי פון די, וועלכע האבען אוועקגעלייגט אזוי פיעל כוחות אויף די דאזיגע אונטערנעמונג, סיי פון די פיעלע געסט, וואס וועלען דארט זיין, און סיי פון די וועלכע וועלען זיין די צוקינפטיגע איינוואוינער פון דעם פרעכטיגען פאלאץ.

עס איז זעלבסט-פארשטענדליך, אז עס וועלען דארט זיין מיס דזשוליעט סטו־ארט פאינץ, פרעזידענט שלעזינגער, אב. באראף, עליאס ליעבערמאן, ב. זיידמאן, ש. יאנאווסקי, שלום איש, אלגין, סקאט ניערינג, פראפעסאר ביערד, דר. גאלד־ענווייזער און נאך און נאך פיעלע אנדע־רע פראמינענטע טוער אין דער באווע־גונג.

עס איז אויך גאנץ זעלבסטפאר־שטענדליך, אז די הערשענדע אלגעמיינע שטימונג וועט זיין אין דעם שענסטען זין פון ווארט א יום טוב'דיגע. עס וועט זיין אן ערעפנונג פון דער יוניטי הויז, וואס מען וועט ווירקליך געדענקען.

די פייערליכע שטימונג וועט באדיי־טענד פארגרעסערט ווערען דורך א גרויסען שעהנעם קאנצערט, אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען אלערליי ערשט־קלאסיגע ארטיסטען.

נעהמט די לאקאוואנא ריילראוד פון ניו יארק און פילאדעלפיא צו סטראדס־בורג. דארט וועט די געסט באגעגענען א „באס" פון דער יוניטי הויז.

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 24 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. — די וואך — ש. י.
זייט 3. בריעף פון אטלאנטיק סיטי — דזשיי. העללער.
זייט 4. קלאוקמאכער פון טאראנטא שטעלען ארויס פאדערונגען. א בריעף וועגען קלאוקמאכער סטרייק — בערנארד גאלוב.
זייט 5. רות — דר. אסתר לוריע. וועניג געסטרייקט און פיעל געוואונען — א. ה. גלושאקאוו.
זייט 6. די שווערע ארבייט פון דער רעליעף קאמיטע — ל. פינקעלשטיין.
זייט 7. אין דער טשילדרענס דרעסמאכער יוניאן — ה. גרינבערג. די קלאוק סיטואציע אין באסטאן — א. ראטשטיין און ב. קורלאנד. א טאג אויף דער קאנ־ווענשאן פון דער א. פ. ל. — עליאס ליעבערמאן.
זייט 8. אינגעבארג (ראמאן) — ב. קע־לערמאן.
זייט 9. די פרויען־וועלט — ראזא בעדריק בלינדער. ראמאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. טרייד יוניאניזם און בילדונג — דזשוליעט סטוארט פאינטז.
זייט 12. נעהמט זיך די פויליש-אידישע לאגע אויסלייטערען? — א. גלאנץ. ווי דערהאלט זיך די געשיכטע? (פעליעטאן). א. וואהלינער.
זייט 13. „דער אונשטערבליכער פייער" — ס. דיננאל.
זייט 14. די פארבייטענע דרעס (ערצעהלונג). ל. באראדולין. ער נעהמט וואקיישאן (הומארעסקע) — באנקיר פאן יאסעל דארף.
זייט 15. אין אווענד (געדיכט) — ל. וואלפסאן.
זייט 16. דער מיטינג פון עקזעקוטיוו בארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ. די עפענונג פון דער ווייסטמאכער יוניטי הויז אין פילאדעלפיא.
זייט 17. קורצע שמועסען. זומער-קלאסען אין די ארבייטער רינג-שולען.
זייטען 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. העכסט באגייסטערענדע בריעף פון די ערשטע בארדערס אין דער יוניטי הויז פון לאקאל 25.

א דזשענעראל סטרייק פון קלאוקמאכער אין וואוסטער. מאסס.

ארום 12 אזייגער מיטאג-צייט, מיט־וואך, דעם 25טען יוני, האט פרעזידענט שלעזינגער באקומען פון וואוסטער, מאס., די פאלגענדע טעלעגראמע:

„א דזשענעראל סטרייק פון אלע קלאוקמאכער אין וואוסטער איז ערקלערט געווארען היינט (מיטוואך) 10 אזייגער אין דער פריה. עס איז געווען אונמעג־ליך דעם סטרייק צו פארמיידען. ענט־פערט גלייך!

פרעזידענט שלעזינגער האט באלד געשיקט א טעלעגראמע צום דזשאינט באארד פון באסטאן, דאס ענטוועדער ברודער דזש. וואהייט, דער מענעדזשער פון דער באסטאנער קלאוקמאכער יוניאן, אדער ברודער הורוויטש, דער געוועזענער מענעדזשער, זאל גלייך צופאהרען אין וואוסטער אויסהעלפען דעם סטרייק.

ווען מיר שרייבען דיזע שורות, הא־בען מיר נאך ניט ערהאלטען קיינע איינ־צעלהייטען וועגען דעם וואוסטער קלאוק־מאכער סטרייק. מיר האפען, אז פאר דעם נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען די סטרייק-פיהרער פון וואוסטער אונז צושיקען א פולען באריכט. מיר שטויסען זיך אבער אן, אז אין וואוס־טער מוז זיין דאס זעלביגע ווי אין א סך אנדערע שטעט, ווי די לעזער וועלען עס זעהן אין דער היינטיגער צייטונג. או־מעדום, וואו עס ווערען נאר געמאכט קלאוקס, האבען די ארבייטער ערוואכט! די קלאוקמאכער פון אלע קלאוק-צענטרען אין אמעריקא און קענעדע זיינען ענט־שלאסען צו קעמפפען פאר די זעלביגע ארבייטס - באדינגונגען, וואס אונזערע בראווע קלאוקמאכער אין ניו יארק הא־בען שוין אויסגעקעמפפט.

מיר ווינשען זיי אלע דערמוטלעבען, גרויסען ערפאלג, וואס אונזערע קלאוק־מאכער אין ניו יארק האבען געהאט.

די יוניטי הויז פון לאק. 25 עפענט זיך מיט א גרויסאַרטיגער 4טער דזשולײַ פייערונג

אפ טשערלייט און אקטיווע יוניאן מעמבערס פון דער ניו יארקער ווייסט און דרעס אינדוסטריע וועלען זיך באטייליגען אין דער פייערונג פון'ם ערשטען געבורטסטאג פון זייער אייגענער יוניטי הויז. די פייערונג וועט געמאכט ווערען דעם 4טען דזשולײַ. אזוי ווי דער 4טער דזשולײַ געפאלט הייִנטיגען יאהר אין א פרייטאג, ווערט ערווארטעט, אז די פייערונג זאל אנהאלטען די גאנצע ענד פון דער וואך, אריינגערעכענט אויך שבת און זונטאג. אויסער די געוועהנליכע געסט, וואס האבען זיך רעגיסטרירט פאר יענער וואך אין דער יוניטי הויז, ווערען אויף די דריי טעג ערווארטעט א סך אנדערע געסט פון צווישען דער גרויסער צאהל פריינד און אקטיווע ארבייטער פון אונזער יוניאן. א „ספעשיעל רעיט" פון 5 דאלאר פאר די דריי טעג איז באשטימט געווארען פאר אלע געסט, וואס ווילען ארויסקומען אין דער יוניטי הויז אויף די דריי פייערונגס־טעג. מיט דעם ווערט באצוועקט צו געבען א געלעגענהייט צו זעהן און זיך באקאנען מיט דער יוניטי הויז, צו אלע יענע מעמבערס פון דער יוניאן, וועלכע האבען מיטגעהאלפען אין דער גרויסער ארבייט פון פארווירקליכען דעם געדאנק פון אן אייגענער יוניטי הויז פאר די ווייסט מאכער.

אלץ איז שוין צוגעגרייט צו דער דאזיגער גרויסער פייערונג. די „רעקריעישאן"־הויז איז אויסגעשטאטעט געווארען אזוי, אז ס'איז דארט פאראן גענוג פרייער פלאץ פאר קאנצערטען, פארזאמלונגען און אלערליי אונטערהאלטונגען. עס איז א זעלטענער פארגניגען אריינצוקומען אין'ם גרויסען, פרייען און לופטיגען זאאל. מען קען זיך פארשטעלען די באגייסטערונג וואס אט דער איינער זאאל וועט ארויסרופען ביי די פארזאמעלטע. דער גרויסער טייך, אויף וועלכען די פענסטער פון'ם זאאל קוקען ארויס, פילט אן דעם גאנצען זאאל מיט א ליכטיג־גרינעם אפשיין, וואס שפיגעלט זיך אפ אויף דעם פאלירטען פלאר און אין די גרויסע שפיגלען אויף די ווענט פון'ם זאאל. אויף דער צווייטער זייט פון דער רעקריעישאן־הויז איז דער זומער־גארטען, מיט די ביימער, בלומען און שפאציר־אלעען. דער דאזיגער גארטען קען גאנץ באקוועם אריינגעמען די גאנצע יוניטי הויז מיטגלידערשאפט.

אין פראנט פון דער הויז געפינען זיך צוויי גרויסע קיהלע צימערען מיט א ספעציעל איינגעריכטעטער באד. דארט וועט זיין א מיניאטור־האספיטאל און נוירס־צימער. אויב אימיצער וועט זיך פיהלען קראנק אדער שוואך, וועט ער דארט קריגען מעדיצינישע ראט און באהאנדלונג. דורכשפרייזענדיג דעם קארידאר אין דער זעלבער הויז קומט מען אריין אין דער לייבערערי און לעזע־צימער וואו מען געפינט די בעסטע צייטונגען און זשורנאלען. דאס צימער איז אויסגעשטאטעט מיט גראמע און באקוועמע שטולען און טישען, און עס שטעלט מיט זיך פאר א זעלטען אנציהענדען רוה־ווינקעל.

אין דער הויפט געביידע, אדער — מוטער־הויז, געפינט זיך דאס עס־צימער. דאס איז א גרויסער זאאל, איבער הונדערט פוס לאנג, מיט שורות פענסטער, וועלכע געהען ארויס אויף די קיהלע וועראנדעס און אויפ'ן טייך פון דער ווייטענס. די ווייסע טישטיכער אויף די ברייטע טישען, און די ווענט, פעבלענדיג מיט זייער זויבערקייט, וועלען נאך מעהר פארשטארקערען דעם אפעטיט צו די מאהלצייטען. און די מאהלצייטען אליין! די שפייז, וואס ווערט דארט סערווירט! אלע, וואס האבען דארט גענעסען א מאל־צייט, זיינען מיט דער מיינונג, אז דאס עסען דארט האט בלויז צוויי „חסרונות": עס איז צו־גוט און צו־פיעל. ווען מען האט אין זינען, אז אין אנדערע לענדער געהען היינט מענשען בוכשטעבליך אויס פון הונגער, איז אפשר א צו גרויסער און צו גוטער מאלצייט טאקע א חסרון, אבער קיין אנדערע חסרונות האבען די מאל־צייטען אין דער יוניטי הויז זיכער ניט.

מר. שעהן, דער הויפט פארוואלטער איבער דער קיך און אלע קיך־אנגעלעגענהייטען, איז אליין א ריעז. פון דעם איז געדרונגען, אז ער איז א גוטער מבין אויף אכילה, און, בכלל, אן עקספערט אין אלע גוטע זאכען, וואס האבען א שייכות צום גומען און צום מאגען. היינט די קעלנערינס! די זיינען טאקע אונזערע אייגענע יוניטי־מיידלעך, וועלכע פיהלען זיך שטאלץ און גליקליך מיט זייער זעהר דאנקבארער אויפגאבע פון האדעווען דעם עולם.

צוריקגעהענדיג פון עס־צימער געהט מען פארביי מעהרערע גרויסע צימערען און מען קומט צו צו איין צימער וואס ווערט גערופען דעם „אפיס". אבער דאס איז ניט קיין געוועהנליכער אפיס. דאס איז זיך א גאנץ היבשער אפארטמענט, פופציג פוס אין קוואדראט, געדעקט מיט שעהנע קארפעטען, דארטען געפינען זיך שרייב־טישען, לייכטע שטולען און א שעהנער קאמין. דארט זיצט די פאסט־מייסטערין, וועלכע פארוואלטעט דעם יוניטי הויז ברענטש פון דער רעגירונגס פאסט אפיס. אונזער יוניטי הויז, מוזט איהר וויסען, איז גרויס גענוג צו זיין א פאסט אפיס סטיישאן, און מיר זיינען ביי „אנקעל סעם" א גאנץ חשוב'ער קאסטאמער. דארט זיצט אויך די יוניטי־הויז קאמיטע, וועלכע איז די הויפט־פארוואלטערין איבער דער גאנצער יוניטי הויז. איהר געפינט דארט רעבעקא סילווער, וועלכע איז טשערמאן פון דער קאמיטע, און איהר ארויסהעלפערין, מיס קלארא פרידמאן. פיעלע און וויכטיגע ענטשיידונגען אין דער יוניטי־הויז פארוואלטונג שטאמען פון יענעם צענטער.

פון'ם אפיס קומט מען ארויס אויף דער אפענער ווערענדע, וועלכע איז ארומגערינגעלט פון ברייטע גרינע לאנקעס. די בלומען זיינען אין זייער פולער בליהונג, און באצויבערען אלעמען מיט זייער שענקייט און דופט. די אנדערע קאטעדזשעס קוקען שטיל ארויס פון צווישען די פיין־ביימער, און ציהען צו זיך יעדען'ס בליק. אלע צימערען אין די קאטעדזשעס זיינען אין בעסטער ארדנונג. פריש אויסגעוואשענע דילען און ווענט, שנעע־ווייסע בעטציינג אויף די בעטען, און ארום־און־ארום הערט זיך דער אונאויפהערליכער טריל פון די ארומשוועבענדע זארגלאזע פויגעלעך.

איינער פון די שענסטע איינדרוקען פון דער יוניטי הויז באקומט זיך, ווען מען וואנדערט ארום דעם טייך אין'ם האלב־טונקעלען בין־השמשות, און מען הערט זיך איין אין דעם שטילען בענקענדען זינגען פון די טויזענדער פויגלען אין די ארומיגע וועלדער. א מערקווירדיגע רוהיגקייט און צופרידענהייט גיסט אט דאס זיך אריין אין'ם מענשענס נשמה.

* * *

פיעלע פון אונזערע מעמבערס געפינען זיך שוין איצט אין דער יוניטי־הויז און פארברענגען זייער צייט אויפ'ן שויס פון דער מוטער־נאטור. באלד וועט די גאנצע יוניטי־הויז ווערען פול מיט פרעהליכען געלעכטער און געזאנג, און דער אלטער יוניטי־גייסט וועט זיך פיהלען אין אלע ווינקעלעך. גרויסע צאהלען מעמבערס האבען זיך שוין רעגיסטרירט פאר די מאנאטען יולי און אויגוסט. אבער עס איז נאך דא גענוג פלאץ. דאך, איז עס זעהר ראטזאם, אז אלע, וואס ווילען פאהרען אין דער יוניטי הויז, זאלען ניט אפלעגען זייער רעגיסטרירען זיך אויף דער לעצטער מינוט, נאר דאס טאן באצייטענס. וואס פריהער אלץ בעסער.

אויפמערקזאמקייט ווערט געצויגען אויף דער נויטיגקייט צו האבען וואס מעהר ביכער אין דער יוניטי הויז לייברערי. אלע שאפ־טשערלייט און אקטיווע מעמבערס ווערען געבעטען אויסצואיבען זייער גאנצען איינפלוס אויף די ארבייטער אין זייערע שעפער, אז יעדער פון זיי, וועלכער פארמאגט ביכער, וועלכע ער אדער זי וואלט געקאנט אוועקשענקען אדער אויסלייהען ביז איבער'ן זומער צו דער יוניטי הויז זאל אזוי גוט זיין און ברענגען די ביכער אין אפיס פון דער יוניאן, פון וואנען זיי וועלען באלד אריבערגעשיקט ווערען צו דער יוניטי הויז.

דאס איינציגע וואס פעהלט נאך אז אונזער יוניטי הויז זאל כשר און עהרליך פארדינען איהר נאמען, איז ע כ ט ע און א מ ת'ע א י י נ י ג ק י י ט! אייניגקייט אין שטרעבונג און אייניגקייט אין האנדלונג צווישען אלע ארבייטער און אויך צווישען אונזערע אייגענע מעמבערס. „אייניגקייט" וועט זיין דער אנגעלעגענסטער גאסט אין „פארעסט פארק" און וועט דארט קריגען די ווארימסטע אויפנאהמע.

ווי די יוניטי ווילא זעהט אויס ביים ארייִנפאָהר.

די לאגע פון קלאוקמאכער סטרייק אין בראנזוויל

אלס א כלל האט מען אלע מאל פאררעכענט די בראנזווילער ארבייטער פאר ערגערע יוניאן לייט ווי די ניו יארקער. און איבערהויפט אין צייט פון א סטרייק פלעגט מען גאר דערצעהלען וואונדערליכע געשיכטען פון בראנזווילער קלאוק־מאכער, וועגען סטרייקען, סקעבען, שפיעלען פינאקעל, טרינקען בראנפען, און עהנליכעס.

עס פארשטעהט זיך, אז דאס זיינען געווען פוסטע באבע מעשות, וואריום די בראנזווילער ארבייטער זיינען ניט ערגער פון די ניו יארקער ארבייטער. מען האט אויף די בראנזווילער ארבייטער אויסגעטראכט א שם רע.

אמבעסטען ווייזט זיך דאס ארויס אין דעם איצטיגען סטרייק. די בראנזווילער ארבייטער, אין צייט פון דעם סטרייק, פארהאלטען זיך א סך רוהיגער און בעסער ווי מאנכע פון די ניו יארקער סטרייקער. נאטירליך, מען רעדט ניט פון די עטליכע פראפעסיאנעלע סקעבס, וועלכע סקעבען אפילו אין יענע צייטען, ווען קיין סטרייק איז ניטא. דיעזע בראנזווילער סקעבס סקעבען אבער ניט אין בראנזוויל. אין דער היים זיינען זיי צדיקים. נאר אין דזשוירזי, אדער ערגעץ אנדערש ציינען זיי ארויס זייער ריכטיגען קאליר. אבער זייער צאהל איז אן אונבאדייטענדע און זיי שפיעלען א קליינע ראלע אין'ם גאנצען פון דעם סטרייק, אדער אין דעם טרייד אין אלגעמיין.

אבער רעדענדיג וועגען בראנזוויל אין אלגעמיין, איז די לאגע דארט פיעל בעסער ווי מען האט זיך פריהער פארגעשטעלט. ווען די יוניאן האט ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון 14 מאשינען פאר סאב־מאנופעקטשורערס און 10 פאר קאנטראקטארס, האט מען געדענקט אז בראנזוויל וועט פארלירען איהר גרויסע „אינדוסטריעלע באדייטונג" אלס קלאוק־מאנופעקטשורינג דיסטריקט. אבער עס צייגט זיך ארויס אז די בראנזווילער סאב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס וויסען דעם טעם פון באסעריי און ווילען דאס ניט אויפגעבען. זיי שטרעבען זיך אן און קומען נאך די פאדערונגען פון דער יוניאן, און איינער נאך דעם צווייטען קומען זיי און סעטלען. ביז יעצט האבען שוין געסעטעלט אלע סטארס, ביי א 15 אין צאהל האבען איינגעלייגט סעקיוריטיס און געזיינט אגרימענטס מיט א פארזיכערונג פאר א צייט ארבייט פאר די ארבייטער.

עס האבען שוין אפגעסעטעלט כמעט אלע סקוירט קאנטראקטארס, וועלכע זיינען רעדזשיסטרירט פאר אסאסיאיישאן שעפער, אויך ביי א 15 אין צאהל. און עס האבען שוין אויך געסעטעלט ביי א 10 סאב־מאנופעקטשורערס. זיי האבען אנגענומען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן. א 20 אדער מעהר סאב מאנופעקטשורערס אונטערהאנדלען יעצט וועגען סעטעלמענט און וואהרשיינליך וועט מען זיך מיט זיי דורכקומען. און מיט דער אויסנאהמע פון א געוויסער צאהל קארפארייישאן שעפער, און אזוי קליינע שאפקעס, וועלכע זיינען געצוואונגען זיך צו צומאכען און ארויס פון ביזנעס, וועלען אלע מעהר־וועניגער אנשטענדיגע באסעס פון בראנזוויל האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן און ארבייטען אונטער יוניאן קאנדישאנס.

איינינע הונדערט ארבייטער ארבייטען שוין אין בראנזוויל און די איבריגע וועלען אין א גאנץ קורצער צייט געוויס אויך זיין ביי דער ארבייט. קיינער וועט חלילה ניט בלייבען אויפ'ן גאס. דער פאקט איז, אז סקוירט אפערייטארס און פינישערס פעהלען שוין יעצט אין בראנזוויל. אויב עס איז דא ארבייטער פון דער ליין וואס ארבייטען ביי אנדערע טריידס זיינען זיי געבעטען זיך צו מעלדען אין אפיס פון דער יוניאן.

די ספיקערס' קאמיטע באריכטעט אז די שעהנסטע און רוהיגסטע מיטינגען און קאנצערטען ווערען אפגעהאלטען אין בראנזוויל.

צום שלוס וויל איך זאגען א ווארט צו די סטרייקער פון בראנזוויל:

1) עס איז וויכטיג, אז אלע סטרייקערס זאלען זיך אומבאדינגט געפינען אין זייערע האלס, ווייל איצטער קומען פאר די סעטעלמענטס מיט די באסעס, און אויב די ארבייטער פון א געוויסען שאפ וועלען זיך ניט געפינען אין האל, ווען מען רופט זיי אויס, וועט מען מוזען סעטלען אהן זיי.

2) אלע בראנזווילער קלאוק מאכער וואס זיינען אוועק צו אנדערע טריידס, קענען זיך מעלדען איצט אין דעם אפיס פון דער יוניאן, וואו עס איז דא ארבייט פאר זיי.

א. באביטש,
מענעדזשער בראנזוויל דיסטריקט.

די פאריערס קאנווענשאן אין שיקאגא

די פערטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן האט אנגעהאלטען זעקס טעג אין האטעל מאריסאן, שיקאגא. און די מעהר וויכטיגע באשליסע, וואס זיינען אנגענומען געווארען, זיינען:

אנצופיהרען א קאמפיין פאר א פינף־טעגיגער ארבייטס־וואך, וואס זאל באשטעהן פון פערציג שטונדען, אין דער גאנצער פאר־אינדוסטריע.

די איינפיהרונג פון דעם יוניאן־לייבעל אין אלע ברענטשעס פון טרייד.

די אפשאפונג פון קאנטראקטינג־ארבייט, אינסייד און אויטסייד.

די ווידזש סקייל פאר פרויען זאל זיין די זעלבע ווי פאר מענער.

די קאנווענשאן אינסטרואירט דער ניי־ערוועהלטער עקזקוטיוו באארד צו באשעפטיגען ארגאניזערס און אנפיהרען א העפטיגען ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין די אונארגאניזירטע שטעדט, ווי דעטראיט, סט. לואיס א. ז. וו., און אויך צו ארגאניזירען פאריער־לאקאלס אין דער וויטער וועסט.

אום צו מאכען מעגליך די געפלאנטע ארגאניזאציאנס־ארבייט, האט די קאנווענשאן באשלאסען צו העכערען די פער־קאפיטא פאר דער אינטערנעשאנאל צו 10 סענט א וואך פאר א מעמבער. די פראגע געהט צו א רעפערענדום אין אלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן וועלען האבען א געלעגענהייט אויסצודריקען זייער מיינונג.

א רייהע רעזאלוציאנען איבער אלגעמיינע געזעלשאפטליכע און פאליטישע פראגען זיינען אויף דער קאנווענשאן אנגענומען געווארען איינשטימיג.

היים קען מאכען פעהלערן, אבער זי קען ניט טוען קיין ערגערעס", האט דער פראָפעסאָר אויך דאס ערקלערט אלס א גוט-באקאנטע אנארכיסטישע אידעע, דאס אויב מען וואלט געלאזט די מענשען אליין פריי האנדלען, אונגעשטערט פון געזעצע, וואלטען זיי אליין בעסער אויסגעארבייט זייער אייגענעם שיקזאל.

א חוץ די אויבען אנגעפיהרטע געדאנקען זיינען געווען אין דעם ארטיקעל אזעלכע, וועלכע נויטיגען זיך גארניט אין קיין פירוש.

„איך האב ניט קיין פאראיבעל אויף די, וואס ווילען זיך ניט אנגעבען פאר סאלדאטען, ווארום זאל א מענש, וואס וויל ניט זיין קיין בוטשער, ווערען געצוואונגען צו זיין א סאלדאט?"

„אין דעם מאמענט, ווען מענשען וועלען זיך אפזאגען צו געהן אין מלחמה, וועט מלחמה אויפהערען".

„נור צוויי קלאסען האבען נוצען פון מלחמה, די מיליטאריסטען און די פראָצענטניקעס".

„איך דענק, אז די מלחמה איז דער רעזולטאט פון געלד-דורשט פון דעם זייט פון די וועלכע מאכען פראפיטען פון איהר".

„איך גלויב ניט אין פאטריאטיזם, פאטריאטיזם איז דער שוץ-מאנטעל פון יעדען לומפ".

אויף דעם האט פארד'ס לאיער געענטפערט מיט פסוקים פון דעם עוואנגעליום, אז פונקט אזא אנארכיסט איז געווען יעזוס קריסטוס; מיט פסוקים פון ווילסאן'ס לעצטער רעדע אין פאריז, אז וואס אנבעלאנגט נאציאנאליזם, איז ווילסאן פון דערזעלבער מיינונג, און דער דזשאדזש און דזשורי האבען פאר זיך איצט ווירקליך א שווערע פראבלעמע צו לייזען, ניט נאר, אויב הענרי פארד איז אן אנארכיסט, נאר אויך, אויב וואודרא ווילסאן און יעזוס קריסטוס און נאך פיעלע גרויסע מענשען זיינען אנארכיסטען אדער ניט.

סטרייק און סטרייקס

עס איז אונמעגליך אין אונזער שטורעמדיגער צייט נאכצופאלגען די אלע גרעסערע און קלענערע סטרייקס, דא, דארט און איבעראל. האט זיך נאר-וואס געענדיגט דער גרויסער, דער וואונדערבארער סטרייק אין וויניפעג, פאנגט זיך שוין אן א סטרייק פון פונקט אזא כאראקטער אין אָהמאהא, נעבראסקא, אין שיקאגא און וואו ניט! די וואך האבען מיר דא אין ניו יארק אזוי פיעל סטרייקס, אז ווען מיר זאלען וועלען געבען נאר א פאר שורות פאר יעדען, וואלטען מיר געהאט ווייניג א צוויי דריי זייטען. עס קלייבען זיך צו סטרייקען אונזערע שוירט מאכער. אויך זיי ווילען עפעס געניסען פון דער וועלט. עס זיינען ארויס אין סטרייק די טימסטער, די טרעגער פון די מארקעטס. טאמער איז נאך דער יקרות ניט געווען גענוג הויך, וועט ער נאך מוזען איצט שטייגען, ווייל טויזענדע און טויזענדע דאלער ווערט פון פרוכטען, גרינצייג און אנדערע זאכען וואס קענען זיך לאנג ניט האלטען, ווערען איצט איבערגעפיהרט אויף די פארשידענע פיערס. די ארבייטער ווילען א וויידזש, וואס זאל זיין גענוג צום לעבען, און די בעלי בתים זאגען: געוויס, אבער אויף דעם איז דאך דא 24 שטונדען אין מעת לעת, און זיי זעהען ניט איין, ווארום די פארשידענע טראק-דרייווערס זאלען ניט ארבייטען חאטש 20 שטונדען פון די 24.

אט נעהט אן א גרויסער סטרייק אין וואטערבורי, אין וועלכען מענשען זיינען געשאסען געווארען. דאסזעלבע אין אייראפא. מען סטרייקט אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין איטאליען, איבעראל דער זעלבער גרויסער ארבייטער-קאמף.

שלעכטע ידיעות פון אונזער אלטער היים

די וואך איז צוריקגעקומען דער באקאנטער שריפטשטעלער שלום אש, וועלכער אלס שליח פון דער פיפעלס רעליעף, איז געווען אין ווילנע, קאוונע, פאנעוועזש און פיעלע אנדערע רוסישע שטעדט. ער ערקלערט, אז דער עלענד פון די דארטיגע אידען איז ניט צו באשרייבען. ער וואלט זיכער משוגע געווארען, האט ער אונז פערזענליך ערקלערט, ווען ער בלייבט דארט א לענגערע צייט. ער קען ניט פארשטעהן, ווי מענשען קענען עס אויסהאלטען. און דער פאקט איז, אז עס שטארבען טאקע מענשען דארט טאג-טעגליך אין די צעהנדליגע טויזענדער. א שרעקליכער צושטאנד, און דערווייל איז אמעריקא די איינציגע האפנונג פון די אומגליקליכע.

בריעף פון אטלאנטיק-סיטי

פון דזש. העללער

מיר האבען דא צוויי טייערע געסט, ביידע פון ענגלאנד, מיס באנפילד און מר. פיני. אט די פרוי, די דעלעגאטקע האט נאך פאר-יאהרען דא געזאלט זיין, אבער מען האט איהר ניט געלאזען פאהרען פון ענגלאנד, ווייל די ענגלישע רעגירונג האט איהר ניט באטראכט פאר כשר גענוג. נו, איז זי געקומען הייר-יאהר.

מיס באנפילד, א קליינע צארטע פרוי, מיט א שעהנער שטימע, מיט פערלדיגע ווערטער פון איהר מויל, א פארטרעטערין פון די פרויען ארבייטער ארגאניזאציאנען פון ענגלאנד געשיקט צו אונז פון "ער גאנצער ענגלישער ארבייטער-באוועגונג צו דערצעהלען וועגען די מיטלען וואס דער ענגלישער ארבייטער נעמט אן פאר זיין באפרייאונג. זי האט געמאכט דא א גוטען דזשאב. זי האט קלאר געמאכט די שטעלונג פון דעם ענגלישען ארבייטער און האט געקראגען א גרויסארטיגע אויפנאמע.

איך זאג אייך דעם אמת אז ווען איך האב איהר דעם ערשטען מאל דערזעהן, האב איך זיך געטראכט:: זעה נאר פאר וועמען דזשאן בול האט דא מורא געהאט, הויט און ביינער. ווען איך האב איהר אבער געהערט רייידענדיג, איז פאר מיר אלעס קלאר געווארען. דאס איז איהר געדאנק און איהר נשמה און איהר געוואלדיגע פעהיגקייט ארויסצוברייינגען איהר געדאנק דורך ווערטער וואס מאכט איהר פאר א ניט פערסאנא גראטא אין איהר היים-לאנד.

איך האב מיט איהר גערעדט א פאר ווערטער לעצטען דאנערשטאג און צווישען אנדערעס האט זי מיר געזאגט פאלגענדעס. וואס איך דענק, וועט אייך אינטערעסירען.

— הערט נאר, — זאגט זי, — ביי אייך איז דאס ווארט קאנסערוואטיווער יוניאן-פיהרער אזוי ווי א קאמפלימענט. ביי אונז איז דאס א געוואלדיגע באליידיגונג. נאך מעהר, אפילו דער ווארט ר א ד י ק א ל איז נאר אויך ניט אזוי געוואלדיג אנגענעם פאר אונזערע אן ארבייטער-פיהרער. ווען מען זאגט אויף איינעם פון אונזערע פיהרער אז ער איז א ראדיקאל, ענטפערט ברוגז'לעך, — אה, איך בין שוין אריבערגעוואקסען דיזע שטופע.

ווי געפעלט אייך אזא אידעע ?

איהר קאלעגע מר. פיני איז איין אויסגעצייכענטער סאלדאט פון דער ארבייטער באוועגונג. שוין 40 יאהר ווי ער פארטרעט די מיינערס פון ענגלאנד. ער איז נאך אבער שטארק געבויט מיט גלייכע פלייצעס, מיט צוויי געזונדע אפגעבערענטע הענט און מיט א זעהר סימפאטישען פנים. זיין רעדע האט זיך באצויגען אויף דער נויטווענדיגקייט פון פאליטישער אקציאן אין דער טרייד-יוניאן באוועגונג. ער האט אנגעצייגט אויף דעם געוואלדיגען ערפאלג וואס די ענגלישע „לייבאר פארטיי" האט געהאט אין דער צייט פון איהר עקזיסטענץ. די ענגלישע ארבייטער דארפען ניט פארשווענדען קיין געלט אין די לאבים פון די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען פון לאנד, אויף אויסצעווירקען געזעצע פאר די ארבייטער. זיי האבען זייערע אייגענע פארטרעטער און אלעס וואס זיי קענען נאר קריגען, קריגען זיי דורך מענשען, וועלכע טוען עס אלס זייער אידעאל און ניט פאר קיין טובה וועגען. אין פארלויף פון זיין רעדע האט ער פלוצלינג אויסגעשטרעקט זיינע צוויי געזונטע ארעמס און האט אויסגעשריען — א מענש מוז האבען צוויי הענט אום צו קענען האבען ערפאלג אין לעבען. דאס זעלבע איז אויך מיט דער ארבייטער באוועגונג, זי מוז האבען צוויי וואפענס, איינע, צו זיין אונאפהענגיג פון קאפיטאליסטישע טובות, און זי מוז האבען אן עקאנאמישע פארטיי. די טרייד יוניאן און א פאליטישע פארטיי, אנדערש קען זי קיין זאך ניט אויספיהרען.

מען האט אפלאדירט. וועט אבער די קאנווענשאן זיך אויסדריקען צו גונסטען א לייבאר פארטיי? איך גלויב ניט. דאס וועט זיין איינפאך דערפאר, וואס זאגאר ו', וואס זיינען געווען די גרינדער פון דער יעצטיגער „לייבאר פארטיי" אין די איינ'גע סטייטס, זאגען, אז עס איז נוצלאז צו מאכען א פיט וועגען דעם ביי דער קאנווענשאן אין דער צייט ווען דער עקזעקוטיוו קאונסיל איז געגען דעם.

מערקווירדיג. וואו מיר געהען, געהען אונז נאך די נעגער דעלעגאטען. נעמען מיר א פיקטשור, שטעלען זיי זיך אוים לעבען אונז. זעצען מיר זיך אוועק — זעצען זיי זיך לעבען אונז. דארפען זיי נעמען דאס ווארט צו קריגען גלייכע רעכטע אין די יוניאנס וואו זיי באלאנגען — שטעלען זיי זיך לעבען אונז רייידען, א. ז. וו.

קענטיג אז דער אינסטינקט פון „פארפאלגטע" איז איבעראל דערזעלבער און ווי זאגט דער גוי — „מיזערי לאווס קאמפאניע".

נו, חברה, זאל שוין זיין גענוג. איך האב שוין איבער אייך היינט צו'פטור'ט א שענעם זונטאג. איך האב זיך געקענט פיין פארברייינגען דא און אויסרוהען זיך פאר מארגען. איך ריכט זיך, אז מיר זאלען זיך דארפען ווייטער צוזינגען.

* * *

האט איהר געהערט אן איינפאל פון א רעדאקטאר? ארויסשלעפען איינעם פון בעט און איהם איינשפאנען צו שרייבען! דאס איז שוין גאר ניט קיין פיינע שטיקעל ארבייט. אבער וואס קען מען טאן? איך וועל זיך א נ ע ה ם טאן צו דער ארבייט. אפשר וועט ווערען א בריוועלע.

דארף איך אייך נאך שרייבען, אז אונזער קאמף מיט דער ארגאניזיישאן קאמיטע האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגען זיעג פאר אונז? איך גלויב, אז איהר האט גאר אנדערש ניט ערווארטעט. נאך אלעמען האט איהר דאך דארמען געהאט די ריכטיגע יאטען! יו נאו. איין קליינינקייט. די ארגאניזאציאנס קאמיטע האט „געציטערט" פאר אונז. (א נוסח פאר די געווערקשאפטען).

צי אזוי צי אזוי. דער רעפארט איז געווען א גינסטיגער. הונדערט פראצענט זיעג. די קאנווענשאן האט אינדאסירט א סטרייק אין שיקאגא, לויט אונזער פארלאנג. מיר האבען אלזא דעם הכשר פון דעם גרעסטען רב הכולל פון אמעריקא. זאל זיין מיט גליק. אגב — וואס הערט זיך טאקע אין שיקאגא?

* * *

ווער קען דאס אפמעסטען די נשמה פון קאנווענשאן? איך ווייס, אז באלד וועלען זיך מסתמא אפ„יאווען" גרויסע ליטעראטען, און מען וועט אנשרייבען גאנצע מגילות וועגען דער לעצטער קאנווענשאן. אייניגע (מיט א ווייטען בליק) וועלען אין איהר געפינען א „קערענדעל" ראדיקאליזם און וועלען רופען אלעמען צו „פייערען" די גרויסע היסטארישע געשעהענים; אנדערע ווידער (מיט א טיעפען בליק), וועלען פ א ר ד א מ ע ן דיזע קאנווענשאן אלס די קאנסערוואטיווסטע אין דער היסטאריע. אזוי איז דאס געווען אלע מאל און אזוי וועט דאס אויך יעצט זיין. אבער דאס איז נאר ניט.

א י ך האב ניט געקענט געפינען קיין ריכטונג אין דער קאנווענשאן. זי איז פונקט ווי איהר פרעזידענט גאמפערס — א גרויסער ים פון סענטימענט. דאס אלעס.

היינט ל ו י ב ט מען ב י י ז י ל מ ע ג ל י, דעם געמיינשאפטליכען טשערמאן פון וואר לייבאר באארד, און מען נעהמט אן פארשלעגע צו זעהן אז דער פרעזידענט זאל איהם אנהאלטען אויף זיין אמט, געגען דעם פראטעסט פון די מאנופעקטשורערס פון נירדזשוירסי — און מארגען — פארדאמט מען איהם מיט באגייסטערונג; — אט שטורעמט דער קאנווענשאן זאל פון די קולות — פרייהייט פאר איירלאנד! — און איהר קענט מיינען, אז דאס שרייט די ב א וו א ו ס ט ז י נ י ג ע ליעבע צו אן אונטערדריקטעם פאלק — דערמאנט מען גלייך רוסלאנד, ווערט מען פארהוקעט.

נאך מעהר, נאך דעם גרויסען זיעג פאר די אירישע דעלעגאטען, האט ניט ווייט געהאלטען, אז פרענק פ. וואלש, וועלכער שטעהט יעצט אויף דער שפּיצע פון דער פרייהייטס באוועגונג פאר איירלאנד זאל פארדאמט ווערען.

קוים מיט צרות האט איהם אונזערער א אידעל (מאקס גארנשטיין) געראטעוועט דורך א פארלאמענטארישען מיטעל.

די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר גלויבט ניט אין דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט. זי גלויבט אין דעמאקראטיע. זי גלויבט אז אין אזא לאנד ווי אמעריקא, דארף אלעס געטאן ווערען, און אלעס ק ע ן געטאן ווערען פאר דעם ארבייטער דורך די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען אין לאנד. איז דאך גוט ?— נאכהער הערט איהר גאר פון ווילד-רעוואלוציאנערע באשליסע: — ניט צו פאלגען די קאורטס אין פעלע וואו אינדזשאנקשאנס וועלען ארויסגעגעבען ווערען געגען סטרייקערס. זי ראטה איינפאך צו איגנארירען אינדזשאנקשאנס און טאן אלעס ג ע ג ע ן די ארדערס פון קאורט, א. אז. וו.

וואס איז דאס אלעס ? איז דאס א באשטימטע פאליסי ? — דאס איז ס ע נ ט י מ ע נ ט, ברידערלאך, ניט מעהר.

* * *

מיר האבען שוין א ש י ף, וועט זי הייסען „איפעל". די רעגירונג האט באעהרט די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר מיט דעם וואס זי האט א נאמען געגעבען א שיף נאך דער „איי", „עף" און „על". אבער דאס בין איך ניט אויסען. די קארעספאנדענץ וואס איז דורכגעגאנגען צווישען דער קאנווענשאן און דער רעגירונג, מכח דער שיף האט פארנומען גאנצע בלעטלאך, און די באגייסטערונג אין געווען אזוי גרויס, אז מען האט אונז די נייעס געגעבען אלע טאג צו ביסלאך. און אזוי האבען מיר זיך דאס געפלאנט טאג איין און טאג אויס, ביז די קאנווענשאן האט זיך געשלאסען. ניט אומזיסט האט זיך די קאנווענשאן א ביסעל פארצויגען.

ביי דיזער געלעגענהייט (דאס איז נויטיג פאר היסטארישע צוועקען), וויל איך אייך שוין מעלדען אז די טויף מוטער פון א ו נ ז ע ר שיף איז די יונגינקע 160יאהריגע ווייבעלע — מרס. סטראה באנבאי, פון די טעקסטיל וואָרקערס.

האר פון דער וועלט! זעה, פאס אויף אויף אונזער שיף!

* * *

א געוויסע טייל פון קאנווענשאן ווערט אימער צו פארנומען מיט אנאנסען. די טשערלייטע פון די פארשידענע קאמיטעס מעלדען ווען און ווי אזוי זיי וועלען האבען זייערע מיטינגען, דאס ווערט געטאן מיט'ן צוועק צו געבען א געלעגענהייט די מיטגלידער פון דער קאמיטע צו וויסען וואו און ווען צו קומען צו א מיטינג, און אויך פאר די יעניגע, וועלכע דארפען ערשיינען פאר די פארשידענע קאמיטעס צו פארטיידיגען אדער אנגרייפען רעזאלוציאנען אין וועלכע זיי זיינען פאראינטערעסירט.

איין פריה-מארגען האט א געוויסער טשערמאן געמאכט אן אנאנסע וועגען זיין קאמיטע, אז זי וועט מיטען דעם זעלבען נאכמיטאג. גלייך האט זיך אויפגעשטעלט א דעלעגאט און געבעטען ענטשולדיגונג פאר איינעם פון זיינע מיטדעלעגאטען, ערקלעהרענדיג אז זיין פריינד וועט ניט קענען זיין צו יענעם מיטינג, ווייל ער ליעגט נעבאך קראנק אין זיין האטעל „נעווער מיינד", — האט דאנקען, וועלכער איז דאן געווען אין טשער, האט'ניג געענטפערט, — ביז די-נער וועט זיך נאך דער דעלעגאט אויסשלאפען"... האבען אלע געלאכט און איך אויך.

איך זאג דאס אייך אנטקעגען דעם, אז פראהיבישאן איז נאך ניט אזוי אין קראפט ווי מען שטעלט זיך דאס פאר אין ניו יארק, און ווידער טאקע איהר זאלט א ביסעל הנאה האבען פון א גרטען וויץ.

* * *

אזוי ווי איך בין פון דער נאטור זעהר אן אומעטיגער, ווי איהר אלע ווייסט (לאכט ניט!), האב איך לײדער קיין קאמישעס ניט געקענט באמערקען. אבער

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 24 — Friday, June 27, 1919.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

די וואָך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווען דער לעזער וועט לייענען די ציילען, וועט שוין דער פרידען צווישען די עלליים און דייטשלאנד זיין אפיציעל געשלאסען, אדער, אויב עס וועט ווידער פארקומען עפעס א שטערונג, וועלען שוין די עלליייס־ארמייען זיין אויפ׳ן וועג נאך בערלין, און אין גאר א קורצער צייט וועט דייטשלאנד זיין פאלשטענדיג אונטער דער הערשאפט פון די עלליים־מעכטע.

עס איז אבער זעהר אונווארשיינליך, אז דאס לעצטע זאל פארקומען, ווארים ווי עס איז קענטיג פון די באריכטען פון דייטשלאנד, אי זא גרויסער טייל פון דעם דייטשען פאלק אזוי פארצווייפעלט, אז עס מאכט איהם שוין ניט אויס, וואס עס זאל פאסירען.

פאר א געוויסע צייט האט עס אויסגעזעהען, אז דייטשלאנד איז ענטשלאסען ניט אונטערצושרייבען דעם פרידענס־אפמאך, ווי ער איז זיי דערלאנגט געווארען פון די עלליים אפילו שוין נאך דעם, ווי ער איז איינינע מאל געענדערט געווארען. אבער צולעצט זיינע די מייסטע דייטשע געזעלשאפטס־פיהרער געקומען צו דעם באשלוס, אז דער פרידענס־אפמאך מוז אונטערגעשריבען ווערען; אז אויב ניט, וועט זיין פאר דייטשלאנד נאך פיעל ערגער. דאס האט געפיהרט דערצו, אז דער שיידעמאן־קאבינעט איז געפאלען, און אנאנדערער, דער זאגענאנטער בויער־קאבינעט, האט פארנומען זיין פלאץ. אויך איז נויטיג געווארען צו שיקען נאך ווערסאיל גאנץ נייע פארטרעטער פון דייטשלאנד, וועלכע זאלען זיך אונטערצושרייבען אונטער דעם פרידענס־אפמאך, ווייל די ערשטע באפאלמעכטיגטע האבען זיך ענטזאגט דאס צו טאן.

איצט, וועהרענד מיר שרייבען די שורות, האט דער דייטשער מיניסטארען־קאבינעט גרויסע שוועריגקייטען צו געפינען די מענשען אין דייטשלאנד, וועלכע זאלען איינוויליגען זיך אונטערצושרייבען אונטער דעם אפמאך. אבי וועמען שיקען קען מען ניט. די פרידענס־שלוחים דארפען פארנעמען א הויכע געזעלשאפטליכע שטעלונג, אז די עלליי־דעלעגאטען זאלען זיי אנערקענען, און עס זאל זיי פאסען אונטערצושרייבען זייערע נעמען צוזאמען מיט די פון די דייטשע פארשטעהער אויפ׳ן פרידענס־דאקומענט, אבער, אזעלכע מענשען האבען דוקא גאר ניט קיין חשק אויסצופיהרען די טרויעריגע שליחות. עס איז אבער ניט ווארשיינליך, אז צוליעב דעם זאל דער פרידען אפיציעל ניט געשלאסען ווערען. אין דער לעצטער מינוט וועלען זיך געוויס געפינען די מענשען, וועלכע וועלען פארזעהען זייער כבוד פאר דאס וואוילזיין פון דעם לאנד. דער פאקט איז, אז איצט איז די באפעלקערונג שטארק פאר דעם, אז דער פרידען זאל געשלאסען ווערען.

אט ווי די דייטשע רעגירונג האט געלאזט וויסען די עלליים זייער באשלוס אנצונעמען די פרידען־באדינגונגען, ווי זיי זיינען דיקטירט געווארען פון די עלליעס. דאס זיינען ווערטער, וועלכע נויטיגען זיך ניט אין קיין פירושים, און וועלכע ווייזען קלאר, וואס פאר א פרידען דאס וועט זיין.

די דייטשע רעגירונג שרייבט צו קלעמאנסא:

„עס זעהט אויס דער רעגירונג פון דער דייטשער רעפובליק, ערשטענס איבער די לעצטע מיטטיילונגען פון די אליאירטע און פאראייניגטע רעגירונגען, דאס דיזע רעגירונגען האבען באשלאסען ארויסצורייסען פון דייטשלאנד דורך געוואלט דאס אננעמען פון פרידענס־באדינגונגען, אפילו יענע, וועלכע ניט האבענדיג קיין מאטעריעלע באדייטונג, צילען נור צו בארויבען דאס דייטשע פאלק פון זיין עהרע.

„קיין געוואלט־אקט קען ניט אנריהרען די עהרע פון דייטשען פאלק. דאס דייטשע פאלק, נאך שרעקליכע ליידען אין די לעצטע יאהרען, האט ניט קיינע מיטעל זיך צו פארטיידיגען דורך אויסערליכע טעטיגקייטען.

„אונטערגעבענדיג זיך צו א שטארקערער מאכט, און ניט אפזאגענדיג זיך, אין דער זעלבער צייט פון זיין אייגענעם אנזיכט איבער דער אונערהערטער אונגערעכטיגקייט פון די פרידענס־באדינגונגען, ערקלערט די רעגירונג פון דער דייטשער רעפובליק, דאס זי איז פארטיג אנצונעהמען און אונטערצושרייבען די ארויפגעצוואונגענע פרידענס־באדינגונגען.״

מען גלויבט ניט, אז נאך דעם, ווי דער פרידען וועט געשלאסען ווערען זאל די איצטיגע רעגירונג זיך לאנג האלטען. עס איז איבערהויפט שווער פאראויסצוזאגען, וואס וועט פארקומען אין דייטשלאנד נאכדעם. די באפעלקערונג איז מאמענטאן אין א שרעקליך אויפגערעגטען צושטאנד, לויט די לעצטע נייעס זאל די באפעלקערונג אין בערלין האבען פארברענט אלע פראנצויזישע פלעגס, וואס דייטשלאנד האט גענומען פון איהרע זיגע פון דער לעצטער מלחמה און פון 1870, און וועלכע, לויט דעם אפמאך האט דייטשלאנד באדארפט צוריקגעבען צו פראנקרייך. א חוץ דעם האבען די דייטשע מאטראזען געזונקען זעהר פיעלע קריגס־שיפען, וועלכע האבען באדארפט אפגעגעבען ווערען צו די עלליים. עס איז דארום קלאר, אז דער באשלוס פון דער רעגירונג איז ווייט ניט פאפולער ביי דעם דייטשען פאלק, און דארום איז ווירקליך שווער פאראויסצוזעהען, וואס עס קענען זיין די פאלגען פון דעם געשלאסענעם פרידען. עס איז גארניט אויסגעשלאסען די מעגליכקייט, אז שוין נאך דעם געשלאסענעם פרידען זאלען די עלליים־רעגירונגען געפינען דאן פאר זעהר נויטיג צו האבען זייערע סאלדאטען אין בערלין און אין פיעלע אנדערע דייטשע שטעדט, אום צו „העלפען״ דער דייטשער רעגירונג צו ברייננען ארדנונג.

אונזער סענאט נאך אלץ רעבעליש

די מאיאריטעט רעפובליקאנישע סענאטארס קענען נאך אלץ ניט שלום מאכען מיט דער ליגע אוו ניישאנס, וועלכע איז אזוי ענג צוזאמענגעבונדען מיט דעם פרידענס־אפמאך. זייערע טענות זיינען נאך אימער דיזעלבע, און, ווי זיי זאגען, פון א פרינציפיעלען כאראקטער. דורך די ליגע אוו ניישאנס וועט אמעריקא פארלירען איהר זעלבסטשטענדיגקייט; דער קאנגרעס וועט פארלירען זיין רעכט צו ערקלערען מלחמה, און אמעריקא, וועט לויט ארטיקעל צעהן פון דעם ליגע־קאווענאנט מוזען געהן אין מלחמה אום צו פארטיידיגען אירגענד וועלכע לענדער פון אייראפא, וואס זיינען אין דער ליגע, געגען אלערליי אנגריפע אויף דאס, וואס זיי האלטען איצט פאר דאס זייעריגע. זייערע געגנער, די דעמאקראטען, טענה׳ן, אז אין דער ווירקליכקייט שפילען אט די פרינציפען דא א קנאפע ראלע. עס איז בלויז פאליטיק. ווילסאן איז א דעמאקראט, דארף מען זעהען איהם שטערען אין אלע זיינע פלענער, דארף מען ווייזען, ווי שלעכט ער האט געהאנדעלט, און אויף אזא אופן אנפאנגען שוין באצייטענס דעם קומענדען פרעזידענט־קאמפיין. וואלט דאס אלעס געווען גאנץ אין דער ארדנונג. אויף דעם זיינען דאך דא פאליטישענס אום אונטערצושטעלען א פיסעל איינע די אנדערע, און צו פארקאמפלאזשעווען דאס מיט פרינציפען, איז אבער דערביי אזא צרה: דא שליסען די עלליים פרידען מיט דייטשלאנד, טו ווי קען אמעריקא אליין בלייבען מיט דייטשלאנד אין קריג? און אזוי וועט דאך מוזען זיין, אויב דער סענאט וועט ניט מסכים זיין צו דער פרידענס־טריטי. נאטירליך, האט דער סענאט גאר ניט געגען די פרידענס־טריטי, אבער ער איז, ווי ער זאגט, דורכאויס געגען די ליגע אוו ניישאנס, אבער די ביידע זיינען צו ענג פארבונדען איינע מיט די אנדערע, אז מען זאל זיי איצט קענען צוטיילען.

נאטירליך וואלט דער סענאט זיך ניט געאיילט צו ווערען שלום מיט דייטשלאנד. אזוי לאנג געווען אין קריעג, אויז נאך עטליכע מאנאט מעהר. אבער דא איז אן אנדער פארדרעהעניש. אזוי שנעל ווי פרידען וועט געשלאסען ווערען, וועלען די עלליים באלד אנהויבען פיהרען געשעפטען מיט׳ן שונא, געשעפטען, וואס שמעקען מיט גרויסע פראפיטען. זאל אמעריקא מוזען בלייבען שטעהן פון ווייטען און זיך מוזען צופרידענשטעלען מיט צוקוקען ווי אנדערע מאכען געלד? קען אזא זאך געמאלט זיין? פארשטעהען די רעפובליקאנער סענאטארען, אז ווען זיי טוען אזא זאך, וועט זיי דער אמעריקאנער ביזנעסמאן עס קיינמאל ניט מוחל זיין, און זיי זיינען דארום אין א גרויסע פארלעגנהייט: וואס טוט מען?

זיינען זיי איצט נעפאלען אויף דעם פלאן אנצונעמען א רעזאלוציע, וועלכע זאל ערקלערען, אז דער קריג צווישען אמעריקא און דייטשלאנד איז געענדיגט. דערוויל וועט מען אי קענען מאכען ביזנעס און אי מען וועט קענען זיך קריגען, וויפיעל די הארץ גלוסט, איבער דעם ליגע־קאווענאנט; קומען אבער די דעמאקראטען און ערקלערען, אז דער סענאט קען אזוי ניט האנדלען, אז ערקלערען דעם קריג צו ענד איז די פריווילעגיע פון בלויז דעם פרעזידענט דורך א פראקלאמאציע.

אט דאס איז אין קורצען איצט די לאגע אין אונזער סענאט, נאך פארציילען דארף מען ניט. עס איז זיכער, אז עס וועט שוין געפונען ווערען א וועג דורך וועלכען ביזנעס זאל ניט ליידען. און ווען אנדערש וועט ניט מעגליך זיין, וועט מען מוזען זאגאר אפפערען מיט די „פרינציפען״.

די הענט אויף באלשעוויזם און איהר פילער קראפט.

ווי עס ווייזט זיך ארויס, איז דער בעפאל אויף די רוסישע סאוועטען־ביורא דא אין ניו יארק געווען בלויז אן אנזאג פון דער טעטיגקייט פון דער קאמיטע, וועלכע דארף עס אונז ראטעווען פון דעם באלשעוויזם. פארשטעהט זיך, אז ווען דער בעפאל אויף די רוסישע סאוועטען־ביורא וואלט געבראכט גוטע ממשות׳דיגע רעזולטאטען, וואלט אפשר, די קאמיטע געשטעלט זיך צופרידען מיט איהר ערפאלג, אלס רעטערין פון דער געזעלשאפט. איז אבער קענטיג, אז פון אלעס, וואס זי האט פארכאפט פון דער סאוועטען ביורא, האט זי גארניט געקאנט אויסגעפינען, דורך וואס מען זאל אימיצען פון די רוסישע סאוועטשיקעס חאטש קענען שטעלען צום פראצעס. נו, האט די קאמיטע זיך אנדערש ניט געקענט העלפען און האט געמוזט ווייטער אנגעהן מיט איהר הייליגער ארבייט. עס איז דא א רענד סקוהל. עס קומען אהין בחורים און מיידלאך צו הערען לעקציעס, צו לעזען ביכער—איז דאס ניט פארדעכטיג? איז מען בעפאלען די וואך די רענד סקוהל, און מען האט צוגענומען אלעס, וואס איז נאר ניט געווען צוגעשלאגען מיט טשוועקעס, און מען האט גענומען נישטערען און זוכען. האט מען אבער אלץ גארניט געפונען. טויג דאך ווידער ניט? האט מען באשלאסען, אז דאס סאמע וויכטיגע מוז זיין אין דער גרויסער סייף. אבער אויף אויפצוברעכען דעם סייף איז קיין ווארראנט ניט געווען, האט מען דערוויל אוועקגעשטעלט פאליס צו היטען דעם סייף, ביז מען האט געקראגען א נייעם ווארראנט, דאן איז דער סייף אויפגעבראכען געווארען, און מען האט אויך פון דארט אלעס צוגענומען.

דאס איז געווען נאך ווייניג, איז בעפאלען געווארען דער א. וו. וו. העדקוואטערס, אפשר וועט דארט געפונען ווערען דאס סאמע ריכטיגע. אט אזוי פלייסיג און אט אזוי געשיקט טוט עס די קאמיטע איהר גרויסע ארבייט צו רעטען ניו יארק און די גאנצע יונייטעד סטייטס פון דעם געפעהרליכען באלשעוויזם, וועלכער, אויב ער איז דא ערגעץ־וואו, מוז געוויס זיין הויפט־קווארטיר זיין אין ניו יארק. לאמיר האפען, אז גאר אין גיכען וועלען מיר דערהערען עפעס וויכטיגעס פון דער קאמיטע. דערוויל האט זי נאר געפונען ביכלאך, פול אנגעשטאפט מיט פראזען, וועלכע זיינען שוין אלט יאהר־הונדערטער. ווי, למשל, אז דער ארבייטער, וואס שאפט אלעס, דארף אויך זיין דער, וועמען דאס געשאפענע זאל געהערען. די צייטונגען זעהען אט אין דעם און אין אנדערע אזעלכע נייע געדאנקען דעם אמת׳ן באלשעוויסטישען גייסט, וואס מוז געטויטעט ווערען, כדי ער זאל ניט קענען, חלילה, טויטען די גאנצע איצטיגע ארדנונג.

אינטערעסאנט איז, דאס מאנכע, וועלכע האבען ביז איצט מיטגעהאלפען דער קאמיטע אין איהר ארבייט, האבען דערפיהלט, אז די מעטאדען, וואס זי האט אנגענומען, זיינען זעהר, זעהר ניט אמעריקאניש, און זיי האבען עפענטליך רעזיגנירט. א חוץ די זיינען דא אויך אנדערע מענשען, וואס זיינען ניט אזוי בלינד, אום ניט צו זעהען, אז ניט דאס איז דער וועג. אזוי האבען אכט גלחים פון פארשידענע קירכען די טעג ארויסגעלאזט א סטייטמענט, אין וועלכען זיי ווייזען אן, ווי אזוי פארשידענע געוואלט־אקטען באגאנגען אין נאמען פון פאטריאטיזמוס זיינען פארגלעט און זאגאר גוט־געהייסען געווארען, און דערפאר שלאגען זיי פאר פאלגענדעס:

1. אלע גוטע מענער און פרויען זאלען זיך פארנעהמען מיט אלע כוחות צו באאיינפלוסען די עפענטליכע מיינונג געגען אלערליי געוואלט־אקטען פון וועמען זיי זאלען ניט באגאנגען ווערען.

2. זיי זאלען זעהען, אז גערעכטע פראצעסען זאלען קריגען אלע, ניט אכטענדיג, וועלכע עס זיינען זייערע פאליטישע און עקאנאמישע מיינונגען, אזוי, אז מען זאל קענען זאגען, אז אין אמעריקא, ווער דער מענש זאל ניט זיין, א באלשעוויסט, אן א. וו. וו. אדער דער גרעסטער רעאקציאנער, קריגט יעדער די פולסטע מאס פון גערעכטיגקייט, און באזאנדערס דארפען זיי זעהען זיך שטעלען געגען יעיגען פארשלאג פון האס, וועמעס ווירקונג אויף דעם אויפוואקסענדען דור קען נאר ברייננען דעם גרעסטען אומגליק פאר די מענשהייט.

3. און אזוי ווי לויט דער מיינונג פון דעם אטארני דזשענעראל פון די פאראייניגטע שטאאטען זיינען די געזעצע געגען קרימינעלען טעראריזם פאלשטענדיג גענוגענד, און אזוי ווי פרייע דיסקוסיאן איז פון העכסטער נויטווענדיגקייט פאר די אויפדעקונג פון עקאנאמישע און פאליטישע טעות׳ען, מוז מען זעהען, אז עס זאל אויפגעגעבען ווערען דער פארזוך צו צווינגען א מינאריטעט־מיינונג, אזוי לאנג ווי זי פיהרט ניט צו אונארדנונג, אדער צו פראבירען צו טויטען א סאציאלע ענדערונג דורך אונטערדריקענדע געזעצע.

אלס דינער פון דער קריסטליכער קירכע און אלס בירגער פון דער פרייהייטס־ליבענדער רעפובליק, פארלאנגען מיר גלויבען אין פארשטאנד, אין גוטען ווילען און עהרענהאפטיגקייט, אלס די בעסטע מיטעל געגען די כוחות פון ערבי־טערונג און פון געוואלט אין אונזער נאציאנאלען לעבען״.

עס איז קלאר, אז אין אונזער לאנד איז נאך ניט אלעס פינסטער. עס זיינען נאך דא גוטע, ליכטיגע כוחות. די צרה איז נאר, וואס די לעצטע זיינען אזוי ווייניג און קליין אין פארגלייך מיט די ערשטע, די פינסטערע...

איז הענרי פארד אן אנארכיסט?

דאס איז איצט די פראגע, וועלכע א געריכט אין מט. קלעמענס, מישיגען, האט צו ענטשיידען.

די מעשה דערפון אין קורצען איז פאלגענדע: מיט א צייט צוריק האט די „שיקאגא טריביון״ פארעפענטליכט א לייט־ארטיקעל, אין וועלכען זי האט ערקלערט הענרי פארד, דעם בארימטען אטאמאביל־מאנופעקטשורער אלס אן אנארכיסט. פארד איז צו יענער צייט געלאפען אלס קאנדידאט פאר דעם יונייטעד סטייטס סענאט. נאטירליך האט עס איהם געשאט. א חוץ דעם האט עס הענרי פארד׳ן פארדראסען, וואס מען רופט איהם מיט אזא נאמען, און ער האט אנגעקלאגט די צייטונג פאר א מיליאן דאלער שאדען. קומט עס איצט פאר דער טריעל, וועלכער ציהט זיך שוין עטליכע וואכען. לעצטע וואך איז געווען דער טריעל באזאנדערס אינטערעסאנט. דער לאיער פון דער „שיקאגא טריביון״ האט איינגעלאדען אלס עדות געגען פארד׳ן, מר. ריווס, פראפעסאר פון פאליטישער עקאנאמיע אין מישיגען יוניווערזיטי, און אין קאורט איז פארגעקומען א גאנצע וויסענשאפטליכע דעבאטע איבער אנארכיזם, סינדיקאליזם, סאציאליזם, באלשעוויזם.

אין אן ארטיקעל, וואס א געוויסער זשורנאליסט האט מיט א צייט צוריק געשריבען נאך אן אונטערעדונג מיט פארד, ווערט איבערגעגעבען די וועלט־אנשויאונג פון דעם מיליאנער, איז אט דארט האט דער פראפעסאר געפונען, אז פארד איז אן אנארכיסט.

למשל, פארד האט געזאגט: „איין לאנד, שטאאט אדער שטאדט איז ניט פון דער העכסטער וויכטיגקייט״. דאס איז, ערקלערט דער פראפעסאר, אן אנארכיסטישער געדאנק, וואס איז אויסגעדריקט פון אזעלכע אנארכיסטען ווי באקונין, טאקער, טאלסטאי און אנדערע.

„עס איז ניטא, אזא זאך, ווי אונאבהענגיגקייט. עס איז דא אזא זאך, ווי צוזאמענגעהעריגקייט. מיר ווילען ריידען וועגען דער וועלט. וועלט־פאטריאטיזם, דאס איז, וואס מיר האלטען פאר גרויס״, האט פארד ערקלערט. זאגט אויף דעם דער פראפעסאר, אז דאס איז אן אנארכיסטישער געדאנק, א וועלט־ברודערשאפט, אנשטאט א נאציאנאלען פאטריאטיזם.

און אט איז נאך א ציטאטע פון פארד:

„ווארום לאזען זיך מענשען פיהרען צו דער שחיטה פאר קיין גוטען צוועק, ווי נאר צו באפרידיגען די געלד־לוסט פון איינציגע פראצענטניקעס?״ דאס, האט דער פראפעסאר ערקלערט, איז זיכער אנארכיסטיש.

דאן האט פארד געזאגט: „די מענש־

רות
פון דר. אסתר לוריע

דער אידישער גאט איז אין די אויגען פון אידישען פאלק געווען דער גערעכטיגסטער, דער ערעלסטער, דער בעסטער. די פאלקס־פאנטאזיע האט איהם אויסגעמאלט אין אזעלכע שעהנע פארבען, דאס ער האט געמוזט צו זיך צוציהען די ערעלסטע פערזאנען פון אנדערע פעלקער. עס פלעגט דערפאר אפט פארקומען, אז מיטגלידער פון פרעמדע פעלקער פלעגען אנערקענען דעם אידישען גאט, איבערהויפט פלעגט דאס פאסירען מיט פרויען. צו דעם טיפ געהערט רות. רות געהערט צו די שעהנסטע ביבלישע פרויען־געשטאלטען. זי איז א זעלטענער דענקמאל אין דער וועלט־ליטעראטור פון שעהנע באציהונגען צווישען שווינגער און שנור, באציהונגען, וועלכע זיינען זעלטען סיי אין לעבען סיי אין דער קונסט.

דאס איז געווען אין דער צייט, ווען די ריכטער האבען רעגירט איבער ארץ ישראל. דאן איז געווען אין לאנד א גרויסער הונגער; דאן איז אלימלך אוועק פון ארץ ישראל מיט זיין ווייב און זיינע צוויי זיהן — אין מואב. דער מאן איז אין אין ניכען געשטארבען, און די אלמנה איז איבערגעבליבען מיט איהרע צוויי זיהן. די לעצטע האבען חתונה געהאט מיט מואב'יטישע פרויען, איינער מיט ערפה'ן, דער צווייטער מיט רות'ן. די צוויי זיהן האבען געלעבט מיט זייערע פרויען 10 יאהר און זיינען געשטארבען. די מוטער זייערע האט זיך געקליבען צו פארלאזען דאס פרעמדע לאנד ווייל זי האט דערהערט, אז גאט האט באזארגט זיין פאלק מיט בתים, די שניר האבען באגלייט זייער שווינגער. אויפ'ן וועג האט די לעצטע געזאגט צו זיי: „געהט און קעהרט זיך צוריק, יעדע אין איהר מוטער'ס הויז. גאט וועט זיין צו אייך בארמהארציג, ווי איהר זייט געווען צו מיר און צו מיינע זיהן". זי האט זיי אויך געוואונשען, אז זיי זאלען חתונה האבען און זיין גליקליך. זיי האבען געוויינט. זי האט זיי איינגערעדט זי צו פארלאזען, זאגענדיג, אז זי איז אלט און וועט שוין ניט חתונה האבען. ערפה האט פארלאזען די שווינגער. דאן האט די לעצטע געזאגט צו רות'ן: „זעה, דיין שוועגערין האט זיך צוריקגעקעהרט צו איהר פאלק און צו איהר גאט, געה אויך מיט דיין שוועגערין." רות האט איהר געענטפערט:

„רעדט מיר ניט איין, אז איך זאל דיך פארלאזען און אוועקגעהן פון דיר. וואוהין דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן, וואו דו וועסט זיך באזעצען, וועל איך מיט דיר בלייבען; דיין פאלק איז מיין פאלק, און דיין גאט איז מיין גאט; וואו דו וועסט שטארבען, וועל איך אויך שטארבען, דא וויל איך באגראבען זיין, וואס גאט זאל מיט מיר ניט טאן, בלויז דער טויט קען אונז צושיידען."

ווען די שווינגער האט געזעהן, אז רות קען מען ניט איבעררייידען, האט זי אויפגעהערט מיט איהר ווענגען דעם צו ריידען. ביידע פרויען האבען זיך אוועקגעלאזט אין וועג. די ביידע פרויען זיינען אזוי לאנג געגאנגען, ביז זיי זיינען געקומען צו בית לחם. די שטאדט האט זיך דערפרעהט מיט דער שווינגער, מיט נעמי'ן. זי האט געבעטען, מען זאל זי מעהר ניט רופען נעמי, נאר מרה, ווייל גאט האט איהר צוגעשיקט א סך צרות. זי איז געקומען אין איהר לאנד מיט פוסטע הענט.

ווען רות מיט איהר שווינגער זיינען געקומען אין לאנד, איז געווען זעהר געראטען אויף די פעלדער. רות איז געגאנגען ארבייטען אויף בעז'ס פעלדער, דער לעצטער איז געווען נעמי'ס א ווייטער קרוב. ער האט באמערקט, ווי רות ארבייט פלייסיג, איז ער צו איהר צוגעגאנגען, האט איהר געזאגט, וואו זי זאל ארבייטען, און האט איהר אויך אויפגעוויזען, וואו צו נעהמען א טרונק. זי האט איהם באדאנקט פאר זיין גוטהארציגקייט. ער האט איהר אבער געענטפערט: „מען האט מיר אלעס געזאגט, וואס דו האסט געטאן פאר דיין שווינגער נאך דיין מאן'ס טויט, דאס דו האסט פארלאזען דיין טאטע־מאמע און דיין פאטערלאנד און ביסט געקומען צו איין פאלק, וועלכען דו האסט פריהער ניט געקענט.

„גאט וועט דיר באלוינען פאר דיין האנדלונג, וועלכע איז פאלקאמען, דו וועסט געפינען שטיצע ביים אידישען גאט, צו וועלכען דו ביסט געקומען."

און רות'ס ארבייט איז טאקע געווען געראטען. זי האט אויסגעארבייט גענוג פאר זיך און פאר איהר שווינגער, און עס איז איהר נאך איבערגעבליבען תבואה.

נעמי האט איהר שווינגער־טאכטער געהייסען טאן דאס פאלגענדע: בעז וועט ביי־נאכט ארבייטען אויפ'ן פעלד, און וועט דארטען שלאפען, זי זאל זיך אויסבאדען, אנזאלבען, זאל אנטאן איהרע בעסטע קליידער, און זאל זיך לעגען לעבען איהם. רות האט געטאן, ווי די שוויער האט איהר געהייסען. אין מיטען נאכט האט זיך בעז דערשראקען. דערזעהענדיג רות'ן האט ער זיך בארוהיגט און האט געזאגט צו איהר: „אלעס וואס דו ווילסט, וועל איך טאן, ווייל דאס גאנצע אידישע פאלק ווייס, אז דו ביסט אן ערליכע פרוי." ער האט צו איהר געזאגט, אז ער איז דער יורש, ניט אבער דער איינציגער. ווען דער צווייטער וועט זי נעהמען, וועט ער מוזען שווייגען, אויב נים— וועט ער זי נעהמען. ער האט איהר אפגעמאסטען 6 מעסטלאך גערסטען, כדי זי זאל ניט קומען צו דער שווינגער מיט לעדיגע הענט.

בעז האט זיך אוועקגעזעצט ביים טויער, און זעהענדיג דעם יורש, וועגען וועלכען ער האט גערעדט מיט רות'ן, האט ער איהם געבעטען זיך זעצען, ער האט אויך איינגעלאדען די 10 עלטסטע אידען פון שטאדט און האט געזאגט, אז נעמי בעט איהר ירושה. ווען ער, דער עלטערער יורש וויל דאס לאנד, קען ער דאס נעהמען. מיט'ן לאנד דארף ער אבער אויך נעהמען רות'ן. דאן האט דער עלטערער זיך אפגעזאגט פון דער ירושה. דאס לאנד האט ער געוואלט, אבער ניט קיין פרוי פון א פרעמדען פאלק.

עס איז דאן געווען א מנהג ביי אידען, אז די ערד פראגע פלעגט מען סעטלען ניט אין געריכט אדער ביי א נאטאר, נאר מינדליך אין אנוועזענהייט פון די עלטעסטע אין שטאדט. דער וואס פלעגט איבערגעבען די ערד, פלעגט אויסטאן א שוך, אזוי האט אויך געטאן דער עלטערער יורש מיט בעז'ן. דער לעצטער האט געזאגט: „איך האב אלעס געקויפט... אויך רות האב איך מיר צום ווייב גענומען, כדי איך זאל דעם פארשטארבענעם שאפען א נאמען אויף זיין ערב טייל און זיין דור זאל ניט פארניכטעט ווערען. און בעז האט חתונה געהאט מיט רות'ן, וועלכע גאט האט געבענשט, און געהאט געבארען א זוהן. און נעמי האט געהאט נחת פון איהר שנור און איהר אייניקעל. און איהר דור האט געהאלטען אין איין פארמעהרען זיך.

קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס ערב א סטרייק

אין לאס אנדזשעלעס, קאליפארניא, איז לעצטענס ענטשטאנען א סכסוך צווישען אונזער ל. 52 און דער מאנופעקטשורערס אסס'ן פון יענער שטאדט. די יוניאן האט דארט א קאלעקטיווען אגרימענט מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן, וועלכער ענדיגט זיך דעם 31טען אויגוסט פון דעם יאהר. לויט דעם אגרימענט, דארף די יוניאן ניט סטרייקען, ווי לאנג ער איז נאך אין קראפט. די יוניאן טענה'ט אבער, אז די דארטיגע מאנופעקטשורערס אסס'ן האט געבראכען דעם אגרימענט, דורך א לאקאוט אין א געוויסען שאפ, און פאלגליך איז די יוניאן בארעכטיגט צו רופען א סטרייק.

די יוניאן דארטען קליימט אויך, דאס זייערע בעלי בתים ווילען אריבערכיטרעווען דער יוניאן. די מאנופעקטשורערס אין לאס אנדזשעלעס ווייסען, נעמליך, דאס צו דער באנייאונג פון דעם אגרימענט אין אויגוסט וועט די יוניאן זיכער ארויסשטעלען נייע פאדערונגען און זיי ווילען שוין איצטער אפקלאפען דעם סיזאן, און נאכדעם, אין מאנאט אויגוסט, לאזען די קלאוקמאכער סטרייקען ווי לאנג זיי וועלען וועלען. די יוניאן וויל זיך, אלזא, באנוצען מיט דער געלעגענהייט, וואס די בעלי בתים האבען, לויט דער יוניאן'ס מיינונג, געבראכען דעם אגרימענט און טאקע שוין ארויסרופען א סטרייק.

ווי איהר ווייסט אודאי, איז פון ניו יארק ביז לאס אנדזשעלעס א גאנץ ווייטער מהלך און עס נעהמט א 10 טעג ביז מען קען זיך דורכשרייבען. עס פליהען דעריבער טעלעגראמען פון דארטען אהער, און פון דאנען אהין. אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל איז די וואך ערהאלטען געווארען איינינע טעלעגראמען און פרעזידענט שלעזינגער האט גלייך געענטפערט.

פון די טעלעגראמען איז צו זעהן, אז די לאגע איז דארט גאנץ ערנסט. ווי עס איז צו זעהן, האט דארט דער סכסוך צווישען דער יוניאן און דער אסס'ן פאראינטערעסירט דעם „יונייטעד סטייטס קאמישאן אוו קאנסיליאיישאן" פונ'ם דעפארטמענט אוו לייבאר, און דער דירעקטאר, מר. טשארלס ט. קאננעל, זוכט צו העלפען שליכטען דעם טראבעל.

ווי עס שיינט, האבען זיך מיט דעם סכסוך דארט אויך פאראינטערעסירט די טוער פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג, דזש. ב. דייל, דער פארטרעטער פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר און סעטה ר. בראון, דער פרעזידענט פון סענטראל לייבאר קאונסיל, פון לאס אנדזשעלעס.

אין דעם מאמענט איז, אלזא, שווער צו וויסען גענוי, ווי עס האלט דארטען. מיר ווייסען בלויז, ווען די שורות ווערען געשריבען, אז די יוניאן האט דארט א דזשענעראל מיטינג און 95 פראצענט פון דער מעמבערשיפ האבען דורך א סיקרעט באלאט געשטימט פאר א סטרייק. עס בלייבט אונז איבער אפצוווארטען פאר מעהר איינצעלהייטען וועגען דער דארטיגער לאגע. עס איז אבער זיכער, אז די קלאוקמאכער שטעהען אויך דארט אויפ'ן שוועל פון א גענעראל־סטרייק.

עס איז, אלזא, איצט גאנץ לעבעדיג אומעדום, וואו נאר קלאוקמאכער געפינען זיך.

וועניג געסטרייקט און פיעל געוואונען

פון א. ד. גלושאקאוו

(פולער באריכט פון באלטימארער געסעטעלטען קלאוקמאכער גענעראל סטרייק)

די באלטימארער קלאוקמאכער זיינען דיענסטאג, דעם 17טען דזשון, 1919, ארינטער אין א דזשענעראל סטרייק. די הויפט־פאדערונגען זיינען: וואך ארבייט, 44 שטונדען א וואך ארבייט און א מינימום סקייל פאר אלע פאכען ארבייטער.

אט זיינען די סקיילס פאר די ארבייטער פון די באזונדערע פאכען:

מינימום סקייל פאר אפרייטארס, דזשעקעט מייקערס, ריפער מייקערס — 44 דאלאר א וואך.

מינימום סקייל פאר סקוירט מייקערס 42 דאלאר א וואך.

מינימום סקייל פאר פרעסערס — 38 דאלאר א וואך.

די מינימום סקייל פאר פינישערס — 25 דאלאר א וואך.

מינימום סקייל פאר באטאן־נייהערס 20 דאלאר א וואך.

מינימום סקייל פאר קאטערס — 39 דאלאר א וואך.

* * *

פונקט 10 אזייגער אין דער פריה, דעם 7טען דזשון, זיינען אלע קלאוק־שעפער אין באלטימאר פוסט געווארען. די קלאוק־אינדוסטריע איז מיט איין מאל ווי דורך א צויבער־מאכט פאראליזירט געווארען. אלע קלאוקמאכער, וואו זיי האבען זיך נאר געפונען — צו 40 אדער צו 2 אין א שאפ — יעדער איינער, וועלכער האט נאר דערהערט דעם רוף פון דער יוניאן צום קאמפף פאר א בעסערען לעבען, האבען, מיט הערצער פול האפנונג און גלויבען אין דעם גערעכטען זיעג, מארשירט אין דעם גרויסען פישערס האל צו הערען און צו טאן דאס, וואס זייערע ערוועהלטע בעאמטע און די סטרייק־קאמיטע וועט אנרדערען צו טאן. מיר האבען זיך דא געהאט צוגעגרייט פאר א גרויסען, לאנג־דויערנדען קאמפף.

צום ערשטען האבען מיר געהאט פאר זיך די סטראטעגישע, פלאנמעסיגע באטראכטונגען פון אונזער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל — ב. שלעזינגער. צווייטענס, האט אונזער סטרייק קאמיטע אליין מיט גרויס ערנסט זיך גענומען צו דער ארבייט און מיט אזוי פיעל פלייס, דאס צייטענווייז, ווען מיר זיינען אהיים געגאנגען פון א סטרייק־קאמיטע מיטינג אזייגער 1 אדער 2 ביינאכט, האט זיך אונז געדאכט, דאס מיר געהען פון א פארזאמלונג, וואס איז ערגעץ אפגעהאלטען געווארען בחדרי חדרים אין דעם יאהר 1904—5, אין דער אמאליגער צארישע רוסלאנד. מיר האבען געפיהלט דעם זעלבען רעוואלוציאנערען ברען און קאמפפס־לוסטיגקייט!

אבער זאל זיין גענוג וועגען דעם. איך וועל דא בעסער אונטערציהען א הך־הכל פון דעם באלטימארער קלאוקמאכער דזשענעראל סטרייק — פון אונזער קליינעם קאמפף, אבער גרויסען זיעג!

אונזערע קלאוקמאכער, די אפרייטארס, און הויפטזעכליך די פרעסערס, האבען זיך געשראקען, דאס ווי באלד ס'וועט שטעלען אין באלטימאר פאר א פרעסער אזא קליינעם מינימום־סקייל — 38 דאלאר א וואך — וועלען זיך פיעלע באסעס אן דעם אנכאפען. און צו באקומען איבער דעם סקייל וועט זיין זעהר שווער. דארום וועט ממילא אויסקומען א גרויסער און שווערער קאמפף. עס האט זיך אבער אויסגעלאזען גאר אנדערש. אין אלע באלטימארער קלאוק־שעפער וועלען זיך געפינען פיעלייכט 8 אדער 10 פרעסערס, וועלכע קריגען דעם מינימום־סקייל פון 38 דאלאר. די איבעריגע קריגען איבער דעם סקייל. מיר האבען די פרעסער, וואס באקומען אזוי גרויס ווי 57 און 58 דאלאר א וואך. פון אפרייטארס איז אפגערעדט. יעדער איינער, וועלכער איז נאר א גוטער ארבייטער, א פאך־מאן, באקומט זיין ריכטיגען פרייז.

און די שטימונג צווישען אונזערע קלאוקמאכער איז זעהר א צופריעדענשטעלענדע. ווען איך זאג „אונזערע קלאוקמאכער זיינען צופריעדען", האב איך ניט אין זינען די „אחשתרנים" (ווי בר. שלעזינגער באצייכענט דעם קלאוקמאכער, וואס יאגט און לויפט ביי דער מאשין אויף 8 פיס...), וועלכער וואלט וועלען איינשלינגען די וועלט מיט קלאוקס אין איין סיזאן. יענע וועלען פיעלייכט נאך ניט איין מאל, זיצענדיג ביי דער מאשין, ארויסזיפצען: „זכרנו את הדגה", אך, ווי גוט עס איז געווען מיט די גרויסע באנדלעך. זיי, די דאזיגע לויפערס און שיסערס, וועלען אבער ניט וואגען דעם געדאנק וועגען שטיק־ארבייט הויך ארויסצוזאגען, ווייל די ברייטע מאסע, דער דורכשניטליכער אויפריכטיגער קלאוקמאכער, וועט איהם באטראכטען פאר משוגע, וועט איהם פארטרייבען מחוץ למחנה, ווי א מצורע...

עס דארף זיין אונזער אלעמענס איינציגער פעסטער באשלוס דורכצופיהרען באלקאם און פינקטליך אין לעבען דאס, פאר וואס מיר האבען געקעמפט — וואך־ארבייט.

ווען דיעזע שורות ווערען געשריבען, זיינען שוין אלע קלאוק־שעפער אין באלטימאר געסעטעלט. בלויז צוויי שעפער האלטען נאך אין דינגען זיך אין דער אויסגלייכונג פון די פרייזען פאר די ארבייטער. דאס זיינען אזעלכע שעפער, וועלכע זיינען גאנץ סאליד ארגאניזירט. די באסעס פון די שעפער ווייסען דאס און זיי וועלען זיכער באלד מוזען נאכגעבען.

די פאלגענדע זיינען די סאב־קאמיטעען פון דער דזשענעראל סטרייק־קאמיטע, וועלכע זיינען געווען די גאנצע צייט פון סטרייק טעטיג און געפיהרט דעם סטרייק:

האל קאמיטע: דזש. אלפערשטיין, טשערמאן; ה. שיינין, קאראסיק.

פיקעט קאמיטע: ר. זימאן, טשערמאן; דזש. שניידער, דזש. סניטקין, דזשייק קיט, בעני זעלדין, פישבאום, מ. שמולעוויטש, א. אייבראמס, א. קאהען, ה. סיגעל, ע. סיידעל, יוסף ראווינסקי, איזר. שמולעוויטש, ל. פריימאן.

סעטעלמענט און אדזשאסטינג קאמיטע: מ. ליפש, טשערמאן; מ. ווייצמאן, י. ח. פיינבערג, דזשאו ראבין, וויזער, א. סאקס, ה. שיינין, ס. גאלדבערג, ס. קאפלאן, דזש. קיט, שולין און ליפש (קאטער).

פינאנס קאמיטע: קרעמער — פינ. סעקר.; ס. גאלדבערג, טרעזשורער.

מ. ליפש — טשערמאן דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

א ד. גלושאקאוו — סעקר. דזשענ. סטרייק־קאמיטע און נאך איינינע אנדערע קאמיטעס.

קלאוקמאכער פון טאראנטא שטעלען פאדערונ־גען צו זייערע בעלי בתים

באשטימען צו געבען מאניפעקטשורער א וואך צייט צו ענטפערען אויף די פאדערונגען. — אלע פארבערייטונגען געמאכט אויפצונעהמען א סטרייק אין פאל די פאדערונגען ווערען ענטזאגט. — באשלוס אויפגע־נומען מיט גרויסען ענטוזיאזם.

א שטורמישע אוואציע פון ענטו־זיאזם האט ארויסגערופען דער באשלוס פון די קלאוק מאכער אין טאראנטא, קענעדע, ארויסצושיקען די נייע פאדע־רונגען צו די בעלי בתים. דאס איז גע־טאן געווארען אויף א זעהר ענטוזיאסטי־שען מיטינג פון דער קלאוק מאכער יו־ניאן, לעצטען זונטאג, דעם 22טען יוני. די הויפט פאדערונגען זיינען צו פארביי־טען די סיסטעמע פון שטיק־ארבייט אויף וואך־ארבייט און א 44 שעה'דיגע אר־בייטס־וואך. דער באשלוס איז איינשטי־מיג אנגענומען געווארען, און עס האט געדויערט היפשע עטליכע מינוטען נאכ־דעם ווי דער באשלוס איז אנגענומען גע־ווארען איידער דער ענטוזיאזם האט זיך אביסעל איינגעשטילט און דער מיטינג האט געקאנט אנגעהן מיט דער ווייטער־דיגער ארבייט.

דיזער באשלוס איז אנגענומען גע־ווארען נאך א גאנצער רייהע מיט דיס־קוסיעס און פארזאמלונגען וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען וועגען דער פראגע פון בייטען די סיסטעמע פון שטיק אויף וואך ארבייט אין פארלויף פון די לעצ־טע עטליכע מאנאטען. ביי דעם לעצטען מיטינג זיינען צום לעצטען מאל פארגע־לעזען געווארען אלע אויסגעארבייטע פונקטען, וועלכע זיינען גלייך אויפצו־מארגענס, מאנטאג, ארויסגעשיקט געווא־רען צו די מאנופעקטשורערס.

אט זיינען די אלע פונקטען וואס ווערען ארויסגעשטעלט:

ארבייטס באדינגונגען.

די סיסטעמע פון דער ארבייט אין די קלאוק, סקוירט און דרעס שעפער זאל זיין וואך־ארבייט. אן ארבייטס־וואך זאל באשטעהן פון 44 שעה: 8 שטונדען א טאג און שבת א האלבען טאג.

אווערטיים זאל ניט געארבייט ווע־רען מעהר פון 8 שעה א וואך. שבת נאכ־מיטאג זאל אונטער קיינע אומשטענדען ניט געארבייט ווערען.

דאס געצאהלט פאר אווערטיים זאל זיין אנדערטהאלבען מאל אזוי פיעל ווי דער געוועהנליכער פרייז.

אלע ארבייטער זאלען קריגען באצאהלט פאר פאלגענדע 8 לעגאלע יום־טובים: 1טען יאנואר, גוד פריידעי, 24טען מאי, 1טען יולי, 1טען מאנטאג אין אויגוסט, לייבאר דעי, טהענקס גיווינג דעי און קריסטמעס.

מינימום שכירות.

די מינימום שכירות זאל זיין ווי פאלגט:

קאטערס וואס דארפען אויך גריידען 37 דאלער א וואך.

קאטערס וואס גריידען ניט 35 דאל. א וואך.

אסיסטענט קאטערס 30 ד. א וואך.

טרימערס פון דריי יאהר אין פאך 28 דאלער א וואך.

טרימערס פון צוויי יאהר אין פאך 28 דאלער א וואך.

מאשין קאטערס 35 דאל. א וואך.
סעמפעל מאכער 35 דאל. א וואך.
אפרייטארס 44 דאל. א וואך.
שניידער 28 דאל. א וואך.
בייסטער 25 דאל. א וואך.
פינישערס (פרויען) 25 דאל. א וואך
פרעסער 40 דאל א וואך.
אונטער־פרעסער 35 דאל. א וואך.
סיעם פרעסער 28 דאל. א וואך.
באטען נעהער 22 דאל. א וואך.

סקוירט אפרייטארס (מענער) 35 דאלער א וואך.

סקוירט אפרייטארס (פרויען) 25 דאל. א וואך.

דרייפערס 23 דאל. א וואך.
סקוירט פינישער 18 דאל. א וואך.

אווערטיים זאל ניט טארען געארבייט ווערען אין קיין שאפ אזוי לאנג ווי עס איז פאראן פלאץ ארויפצונעמען נאך אר־בייטער, און ארבייטער דרעהען זיך ארום ליידיג.

ווען א בעל הבית הייסט ארייננקו־מען אן ארבייטער אין שאפ אריין און ער האט ניט קיין ארבייט פאר איהם מוז ער איהם באצאהלען פאר א האלבען טאג ארבייט.

אין די פאדערונגען פאר א מינימום שכירות איז געמאכט געווארען אן אויס־נאהמע אין פאל פון אן ארבייטער וואס האט א פיזישען פעהלער, א קאליקע צום ביישפיעל, מעג ארבייטען פאר ביליגער ווי דער יוניאן מינימום פרייז.

צוזאמען מיט די דאזיגע פאדערונ־גען ווערט אויך ארויסגעשיקט א בריוועל צו די בעלי בתים ערקלעהרענדיג זיי די לאגע פון די ארבייטער און וואס האט געפיהרט צו דעם דאזיגען באשלוס. אין דעם בריוועל לאזט מען וויסען די מאנו־פעקטשורער דאס די יוניאן ערווארטעט צו באקומען אן ענטפער ביז מאנטאג דעם 30טען יוני, אויב ניט וועלען די אר־בייטער זיין געצוואונגען אויפצונעהמען א קאמף.

עס ווערט אויך געזאגט דאס די יו־ניאן איז צופרידען איינצוגעהן אין פאר־האנדלונגען מיט יעדען בעל הבית אינ־דיווידועל אדער מיט א קאלעקטיווער קערפערשאפט פון בעלי בתים ווי עס פאסט פאר זיי בעסער.

גלייך פון אנפאנג פון'ם מיטינג, האט ברודער ש. קאלדאווסקי, וויס־פרע־זידענט פון אונזער אינטערנעשיאנאל און ארגאנייזער פון די קלאוק מאכער אין יענער שטאט פארגעלעזען יעדען פונקט באזונדער און געגעבען די נויטיגע ער־קלערונגען. נאכדעם ווי אלע פונקטען זיי־נען איבערגעלעזען געווארען, האבען מאנ־כע מיטגלידער נאך געשטעלט אייניגע פראגען און ווען ברודער קאלדאווסקי האט אלעס פארענטפערט, איז גענומען געווארען אן אפשטימונג איבער דער גאנ־צער ליסטע. דער גרויסער עולם אין האל האט מיט א שטורעם פון ענטוזיאזם זיך געגעבען א הויב אויף פון די פלעצער אלס אן אויסדריק פון איינשטימיגקייט. מא־מענטאן האבען אויסגעבראכען הילכענדע אפלאדיסמענטען. היטלען האבען אנגע־הויבען צו פליהען אין דער לופטען. ברו־דער בלעק האט אנגעהויבען צו שפיעלען אויף דער פיאנא דעם אינטערנאציאנאל, און די אפלאדיסמענטען זיינען נאך פאר־שטארקט געווארען, און אזוי האט די סצענע זיך פארוואנדעלט אין אזא וואונ־דערבארען בילד וואס איז כמעט שווער צו שילדערען אין ווערטער. אפילו אזעל־כע קלאוק מאכער וואס האבען אין אנ־פאנג ניט קיין גרויס חשק געהאט צו בייטען פון שטיק אויף וואך ארבייט זיי־נען מיטגעריסען געווארען פון דעם מא־מענט אזוי, אז עס איז קיין ספק ניט גע־בליבען ביי קיינעם דאס די קלאוק מא־כער אין טאראנטא זיינען גרייט אונטער אלע אומשטענדען דורכצופיהרען זייערע פאדערונגען.

אלע פארזוכעו פון'ם טשערמאן צו האלטען ארדנונג און פארטזעצען דעם מי־טינג האבען זיך ניט געקאנט איינגעבען.

דער גרויסער עולם האט געהאלטען כסדר אין אויסדריקען די שמחה ענטוועדער אין אפלאדיסמענטען אדער אין ווערטער.

ענדליך האט זיך באוויזען אויף דער פלאטפארמע איינער פון די אלטע פיה־רער פון דער יוניאן ברודער גליקמאן, בע־טענדיג דעם עולם צו בלייבען רוהיג אויף א פאר מינוט. דער עולם האט געפאלגט. און ברודער גליקמאן האט אין א פאר טיעף־ריהרענדע און שטארק־ווירקענדע ווערטער אפגעזאגט א „רבנן קדיש" נאך דער אלטער סיסטעמע פון שטיק ארבייט. ער האט אויפגעוויזען אויף דער ערנסט־קייט פון'ם מאמענט, און אויפמערקזאם געמאכט די ארבייטער אויף דער גרויסער פאראנטווארטליכקייט וואס זיי האבען אויף זיך גענומען, און געפאדערט פון זיי יעדער איינער זאל זיך אננעמען אין קא־מיטעען צו שטעהען גרייט אין פאל עס וועט נויטיג זיין ארויסצורופען א סטרייק.

ביים ענדע פון'ם מיטינג זיינען אויסגעקליבען געווארען פאלגענדע קא־מיטעען: א דזשענעראל סטרייק קאמי־טע, א סעטעלמענט קאמיטע, א פיקעט קאמיטע, א פינאנץ קאמיטע, א האל קא־מיטע, אן ארגאניזאציאנס קאמיטע און אן אונטערהאלטונגס קאמיטע.

ביים זעלבען מיטינג איז אויך בא־ריכטעט געווארען דאס ברודער עלמער ראזענבערג פון דער קאטערס יוניאן, לא־קאל 10, ניו יארק, וויס־פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאנאל. וואס איז ספע־ציעל געקומען צו דעם מיטינג פון ניו יארק, איז פון די אימיגראציאנס בעאמ־טע ניט אריינגעלאזען געווארען אין קע־נעדע.

א. ר.

איין קונדס האב איך זיך ניט געקענט העלפען אויסצומיידען, ווייל ער איז גע־זעסען, צו די צרות, פונקט אנטקעגען מיר. דאס איז געווען קענטיג א דעלעגאט, ווייל ער האט געטראגען א בעדזש. זיין פנים איז געווען רויטליך און רויהליך פונקט ווי א בן פקויה. זיין גאנצע ארבייט איז בעשטאנען אין קייען. ער האט געהאל־טען א גאנצען טאג אין קייען „טשואינג גאם". וויפיעל מאל איך האב אויף איהם ניט געקוקט, האב איך קיינמאל ניט גע־קענט געפינען א וועלכען ניט איז אויס־דרוק אויף זיין פנים. קענטיג, אז דער ביטערער שיקזאל האט איהם נעבאך גלייכגילטיג געמאכט צו אלעם און צו אלעמען. איין מאל בלויז האב איך איהם באמערקט געריהרט ביז צום ביין. דאס איז געווען ווען די איירישע פראגע איז פארהאנדעלט געווארען. ער האט געגע־בען א דרעה איבער די „טשואינג גאם" פון העכטען אויפ'ן לינקען זייט מויל און פארטיג.

אי וואס וואלטען מיר ניט געקענט אויפטאן, ווען מיר וואלטען געהאט אלע אזעלכע דעלעגאטען!

זייט מיר געזונד און גליקליך. נעקסטע וואך וועל איך אייך געבען א פיעל טיפערע אפהאנדלונג וועגען דער קאנ־ווענשאן. איך וויל, אז איהר זאלט ז ע ה ן (לעזען) וואס א ו נ ז ע ר ע דעלעגאטען האבען אויפגעטאן. מאלי פרידמאן, גארנשטיין און שלעזינגער וועלען מיר מוזען ענטשולדיגען ביז נעקסטע וואך.

אייער
דזש. העללער.

קאררעספאנדענץ

העכסט צופריעדען מיט די נייע ארבייטס־באדינגונגען

ווערטער רעדאקטאר!

דער קלאוקמאכער סטרייק, קאן מען זאגען, איז שוין צו ענד. מיט דער אויס־נאמע פון עטליכע מאנופעקטשורערס וואס קענען זיך ניט פארשטענדיגען מיט זייערע ארבייטער, אבער איך גלויב, אז דאס וועט לאנג ניט נעמען און זיי וועלען קומען צו א פארשטענדניס.

אלזא, מיר קענען זיך שוין גראטו־לירען מיט אונזער גרויסען זיעג! א זיעג וואס דארף פארשריבען ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען.

איך ארבייט שוין א פאר טעג אין שאפ, און איך קען זיך אליין ניט גלוי־בען, א רעגעלע רעוואלוציע! בעפאר דעם סטרייק, אז עס איז געקומען מיטאג־צייט, פלעגט אין שאפ זיך טומלען. איינער איז געלאפען נאך ארבייט, דער צווייטער האט זיך באהאלטען פון טשערמאן און געטרייט אויסצוקערען פלעפלאך אדער עפעס באגראדען, א דריטער האט אויפ־געמאכט די באנדעלס, און אזוי ווייטער; דינער האט מען שוין געגעסען מיט'ן סא־בער צוזאמען...

היינט אבער, אז עס קומט מיטאג־צייט, איז, ווער מיר ארבייט, וואס מיר ארבייט, יעדער נעהט זיך ארונטער אין סטריט, מען עסט אפ דינער ווי מענשען, מען קויפט א צייטונג, מען לעזט, מען דעבאטירט, עס איז גאר אנאנדער לעבען. די געגנער, מענשען וואס זיי האט זיך בעפאר אויסגעדאכט, אז דאס וועט ניט פארווירקליכט ווערען, גיבען שוין היינט צו דאס זיי האבען געהאט א גרויסען טעות, און זיי גראטולירען זיך מיט דעם גרויסען זיעג.

איך האב אין דער צייט פון סטרייק געארבייט אין דער ארגאניזאציאן קאמי־טע, און איך בין ווירקליך צופרידען וואס איך האב געהאט א געלעגענהייט צו ריי־דען צו אזוי פיעל קלאוקמאכער, און אויך אין דער זעלבער צייט קאנען־צו־לערנען די לאגע. איך אטענדע מיטינגען און עס איז לעבעדיג, מען פרעגט פראגען און מען אינטערעסירט זיך מיט אלעס ווי אינטעליגענטע מענשען.

יעס, ווערטער רעדאקטאר, דער סטרייק האט געמאכט א געוואלדיגע אומ־ענדערונג, ניט נאר אין דער קלאוק אינ־דוסטרי, נאר אויך אין די מוחות פון די ארבייטער. עס איז גאר אנאנדער וועלט געווארען פאר די קלאוקמאכער, א סך א בעסערע וועלט!

און איצט א ווארט צו די קלאוק־מאכער גופא:

ברידער און שוועסטער! איצט נאך אונזער גרויסען זיעג דארפען מיר נעהמען מעהר אינטערעסע אין דער יו־ניאן ווי בעפאר. לאמיר זעהן אז דער גע־ווינס זאל ניט אויסרינען, זאלען אלע אר־בייטער אין טרייד זיך מעהר אינטערע־סירען מיט דער יוניאן און אויך זעהען אז די נייע יוניאן־סטאנדארדס זאלען פינקטליך אפגעהיט ווערען. מיר האבען אונזער לאגע פארבעסערט, אבער אין דער היינטיגער געזעלשאפט איז נאך דא גע־נוג פאר וואס צו קעמפען אונזער לאגע נאך מעהר צו פארבעסערען. ברידער, די יוניאן קאן נאר דאן זיין אמת שטארק, ווען די ארבייטער אין די שעפער וועלען העלפען דער יוניאן דורכצופיהרען די יוניאן־סטאנדארדס.

זאלען אלע קומען צו זייערע לאקאל־מיטינגען און אנטייל נעמען אין לעבען פון דער יוניאן. זאלען אלע מיטגלידער צאהלען רעגעלמעסיג די דיוס אין דער יוניאן, זאלען זיי אפילו ניט ווארטען אז דער טשערמאן זאל זיי דארפען דערמאה־נען דאס צו טאן.

צום שלום וויל איך אויך, אין מיין אייגענעם נאמען, ווי אין דעם נאמען פון מיינע מיטסטרייקער, געבען א גרויסען דאנק צו דער דזשענעראל סטרייק קאמי־טע פאר דער גוטער לידערשיפ אין צייט פון דעם סטרייק, ספעציעל וויל איך אויס־דריקען א דאנק צו דער ארגאניזיישאן קאמיטע אונטער דער פיהרערשאפט פון ברודער מעטז. ברודער מעטז, ברודער רובין, ברודער שאטצבערג, ברודער בראונפעלד, ברודער אייזענשטאט און די גאנצע קאמיטע האבען ווירקליך זעהר שווער געארבייט און זייער ארבייט דארף אנערקענט ווערען.

בערנארד גאלוב,
מיטגליעד לאקאל 1.

מיטגלידער פון לאקאל 80 אויפמערקזאם!

אלע מעמבערס ווערען אויפגעפאדערט צו באטייליגען זיך אין דעם עלעקשאן פאר באצאהלטע און ניט באצאהלטע בע־אמטע, וועלכע וועט שטאטפינדען דיזען דינסטאג דעם 1טען דזשולי, פון 7 ביז 10 אוהר אבענד, אין מאונט מארים האל 1364 — 5טע עוו. קאר. 113טע סט.

קיינע אנדערע פראגען וועלען פאר־האנדעלט ווערען. די יעניגע וועלכע ווע־לען קומען נאך 10 אוהר וועלען זיך ניט קאנען באטייליגען אין עלעקשאן.

פריינדע, קומט פריה און שטימט פאר די בעסטע מענשען, וועלכע איהר דיינקט זיינען פאסענד און פעהיג צו פארטרעטען אייערע שאפ אינטערעסען.

ה. היילפמאן, סעק.

טיטשערס יוניאן ווארנט געגען פאלשע פריינד

„די אמעריקאן טיטשער", אפיציע־לער זשורנאל פון דער אמעריקאן פעדע־ראציאן פון שול־לעהרער, ווארנט די נייע־געגרינדעטע לעהרער יוניאנס געגען די זאגענאנטע פריינד פון די לעהרער ארגא־ניזאציאנען.

„פיעלע נייע־געגרינדעטע לאקאלס פון דעם אמעריקאנער פארבאנד פון שול־לעהרער", זאגט דיזער זשורנאל, „הויבען אן זייער קאריערע מיט דער זאגענאנטער צושטימונג און ברכה פון סקול סופעריג־טענדענטס, מיטגלידער פון די באארד אוו עדיוקיישאן, און רעדאקטערע פון גרויסע צייטונגען. מיר געפינען פאר נויטיג צו ווארנען די נייע יוניאנס, דאס גאר פיעלע פון זייערע פריינד, קענען מארגען ווע־רען זייערע שונאים. די איינציגע אמת'ע פריינד פון די לעהרער, לויט זייער אפי־ציעלען זשורנאל, זיינען נאר די יוניאנס, וועלכע געהערען צו דער אמעריקאן פעדע־ריישאן אוו לייבאר".

רעוו. גרענט פאר א נאציאנאלע ארבייטער פארטיי

די באוועגונג פאר א נאציאנאלע אר־בייטער פארטיי, האט צוגעקראגען א נייעם אגיטאטאר אין דער פערזאן פון רעוו. פערסי סטיקני גרענט, דער פריסטער פון דער אריסטאקראטישער טשורטש אוו אסענשאן.

דר. גרענט וויל דורכאוים פארזאר־גען די 38 מיליאן לוין ארבייטער, וועלכע זיינען, לויט זיין מיינונג, ניט ריכטיג רע־פרעזענטירט אין דער רעגירונג. פאר איין נאנג, גיט ער שוין אויך א נאב דעם פרע־זידענט פון דער פעדעריישאן, סעמועל גאמפערס, וועלכער איז, ווי באקאנט, גע־גען א לייבאר פארטיי.

טשילדרענס דרעס-טייקערס יוניאן לאקאל 50 העכערט די דיוס פון 20 אויף 25 סענט א וואך

פון ה. גרינבערג

איך וויל דא געבען א קורצע ערקלעהרונג ווארום די דיוס אין אונזער לאקאל איז נעהעכערט געווארען פון 20 אויף 25 סענט א וואך.

איך וויל זאגען, דאס די דיוס אין אונזער לאקאל איז ניט געהעכערט געווארען דורכאויס דערפאר ווייל דער לאקאל האט ניט געקענט עקזיסטירען מיט דער אייננאהמע, וואס מיר האבען ביז יעצט געהאט. כאטש מיר האבען פארהעלטניסמעסיג גרויסע אויסגאבען, ווייל אונזער מעמבערשיפ איז פארשפרייט אין ניו יארק, ברוקלין און בראנזוויל און מיר דארפען דעריבער אויפהאלטען איינינע אפיסעס אין די באזונדערע געגענדען. מיר האבען אבער דאך עקאנאמיזירט און גוט אויסגעקומען מיט דער הוצאה. און פריהער, ווען אלעס איז נאך ניט געווען אזוי טייער, האבען מיר אפילו באוויזען אפצושפארען געלד פאר א „רעגענדיגען טאג". א סימן האט איהר, דאס אונזער לעצטער גענעראל-סטרייק, לעצטען פעברואר און מערץ, האט אונז געקאסט איבער 50 טויזענד דאלאר און מיר האבען דאס געקענט באווייזען. דאס צייגט אלזא, אז דער לאקאל איז געווען אין א גוטען, געזונטען צושטאנד, אפילו פון 20 סענט א וואך דיוס.

אויב אזוי, וועט איהר דאך אודאי פרעגען: טו צו וואס האבען מיר געדארפט העכערען די דיוס מיט 5 סענט א וואך?

איז דער תירוץ, ערשטענס, איז היינט אלעס טייערער ווי עס איז אמאל געווען און אויפצוהאלטען א יוניאן קאסט היינט טייערער ווי עס האט א מאל געקאסט.

צווייטענס, ליידען מיר פון דער זעלבער צרה, וואס אלע אנדערע יוניאנס ליידען, נעמליך, וואס ניט אלע מיטגליעדער פון אונזער יוניאן צאהלען רעגעלמעסיג זייער דיוס. 90 פראצענט פון אונזער מעמבערשיפ זיינען מיידלעך און ניט אלע פון זיי זיינען פרינציפיעלע יוניאן-ליידיס, וואס זאלען פינקטליך נאכקומען די צאהלונגען אין דער יוניאן. און איבערהויפט איז אימער געווען א סך שווערינקייטען מיט'ן אויפמאהנען פון זיי אן אסעסמענטס. עס טוט מיר לייד צו זאגען, דאס ביי אונז אין דער יוניאן זיינען דא אזעלכע, וועלכע האבען נאך אלץ ניט באצאהלט דעם דאלאר טעקס פאר דעם קליוולענדער סטרייק, וואס די אינטערנעשאנאל האט דעמאלט ארויפגעלעגט אויף אלע מיטגליעדער. און אט די פראגע פון קאלעקטען אסעסמענטס איז אימער געווען דער שווערפונקט אין דער יוניאן. די מאיאריטעט מיטגליעדער פון דער יוניאן האבען אימער געצאהלט זייער דיוס און די אסעסמענטס. עס זיינען אבער דא אזעלכע, וואס האבען אימער געזוכט ווי פון דעם זיך אויסצודרעהען.

90 פראצענט פון אונזער מעמבערשיפ זיינען, ווי שוין באמערקט, יונגע מיידלעך און די מעמבערשיפ בייט זיך כסדר. איהר ווייסט דאך, מיידלעך האבען חתונה; זיי געהען ארויס פון דער יוניאן. זייערע אסעסמענטס בלייבען ניט באצאהלט און דער לאקאל דארף עס באצאהלען פאר זיי צו דער אינטערנעשאנאל פון דער יוניאן'ס טרעזשורי. און, ווי שוין באמערקט, ווענען די צאהלונגען פון אסעסמענטס בכלל האט די יוניאן אימער געהאט טראבעל. מען האט, אלזא, צו דעם געמוזט זוכען א רפואה.

אום איין מאל פאר אלע מאל צו מאכען א סוף צו דעם, צו מאכען אז אלע מיטגליעדער פון דער יוניאן זאלען טראגען די פליכטען, פונקט ווי זיי האבען אלע גלייך דעם בענעפיט פון דער יוניאן, האט דער עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל באשלאסען צו רעקאמענדירען צו דער גאנצער מעמבערשיפ, אז די וועכענטליכע דיוס זאל געהעכערט ווערען פון 20 אויף 25 סענט, און דערפאר זאלען מיר פריי מאכען די מעמבערס פון דעם לאקאל פון דער יוניאן פון אירגענד וועלכען אסעסמענטס, וואס די אינטערנעשאנאל וועט ווייטער ארויפלעגען אויף די מיטגליעדער. די אסעסמענטס וועלען ווייטער געדעקט ווערען פון דער יוניאן'ס טרעזשורי, פון די עקסטרא 5-סענטיגע, וואס די מיטגליעדער וועלען צאהלען. עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז איין סענט א וואך זאל פון יעדען דיוס-סטעמפ אוועקגעלעגט ווערען אין א באזונדער פאנד אויסצוהעלפען מיטגליעדער אין פאל פון א קראנקהייט.

דער באשלוס פונ'ם עקזעקוטיוו באארד איז מיט ענטוזיאזם אנגענומען געווארען פון דער מעמבערשיפ און דאס געהט אריין אין קראפט דעם 1טען דזשוליי, 1919. מיר מאכען דעריבער אויפמערקזאם אונזערע מיטגליעדער, זיי זאלען איצט אפצאהלען אלע זייערע שולדען, ווייל נאכ'ן 1טען דזשוליי וועלען זי מוזען צאהלען 25 סענט א וואך, לויט דעם באשלוס. זאלען זיך די מיטגליעדער באנוצען מיט דער געלעגענהייט און ווערען גוטשטעהענד אין דער יוניאן איידער דער נייער געזעץ געהט אריין אין קראפט.

עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז פונ'ם ערשטען דזשוליי, 1919, זאל די איינטריטס-געלד געהעכערט ווערען פון 3.45, ווי עס איז איצט, אויף 5.50.

די קלאוק סיטואציע אין באסטאן

באסטאן איז אויף דער וואך!

די נייע פאדערונגען, וואס דער באסטאנער דזשאינט באארד האט דערלאנגט די באסטאנער קלאוק און סקירט מאנופעקטשורערס האבען זיך ניט וואס צו שעהמען נעגען די פארלאנגען פון אלע פראגרעסיווע ארבייטער.

פאלגענדע זיינען עטליכע פון די הויפט-פונקטען אין די פאדערונגען:

1) א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך.
2) דאס פארבאט פון אלע קאנטראקטינג ארבייט.
3) וואך-ארבייט, און
4) דאבעל געצאהלט פאר אווערטיים און יום-טובים.

דער באסטאנער דזשאינט באארד באשטעהט פון פיער לאקאלס — די לאקאלס 24, 56, 73 און 12. די לאגע אין וועלכער די קלאוק מאכער אין באסטאן געפינען זיך יעצט אי זאביסעל קריטיש. קאנפערענצען מיט קאמיטעס פון מאנופעקטשורערס געהען שוין אן באלד צוויי וואכען. א סטרייק-וואוט איז גענומען געווארען ביי א מאס-מיטינג פון דער גאנצער מעמבערשיפ פון די אויבענדערמאנטע פיער לאקאלס לעצטען דיענסטאג, דזשון דעם 24טען. די סטרייק-קאמיטע איז שוין פאלקאם ארגאניזירט. דער סטרייק איז שוין ביים טיר.

די גאנצע געשיכטע איז אינטערעסאנט.

די מאנופעקטשורערס אין באסטאן זיינען נעבעך געווען ניט ארגאניזירט ביז יעצט. עס איז א סברה, אז זיי האבען נאר פיינט א יוניאן, נו זיינען זיי שוין יעצט ארגאניזירט. אבער איין צרה שטעלט זיך אפ — זיי זאלען חלילה ניט קענען צאהלען זייערע דיוס אין סלעקצייט.

מיט'ן אנקומען פון סיזאן, האט דער דזשאינט באארד אויסגעמאכט נייע פאדערונגען און דערלאנגט די מאנופעקטשורערס. געוועהנליך, די פאדערונגען זיינען געמאכט געווארען צו די מאנופעקטשורערס איינציגווייז. נעה ווייס וואס ביי זיי דארט געהט אן. ערשט שא! דער דזשאינט באארד קריגט א בריעף פון א מאנופעקטשורערס אסס'ן, דאס הייסט זיי האבען זיך יעצט ארגאניזירט און זיי ווילען די יוניאן זאל האנדלען מיט זייער אסאסיאיישאן, ניט איינציגווייז.

אן אינוועסטיגיישאן קאמיטע איז גלייך אפאינטעט געווארען פון דזשאינט באארד אויסצוגעפינען ווער די באסעס זיינען, און עס האט ניט גענומען לאנג אויסצוגעפינען, אז זיי רעפרעזענטירען ווייניגער ווי א העלפט פון די באסטאנער מאנופעקטשורערס — אינגאנצען עטליכע און צוואנציג. עס איז אבער באשטימט געווארען ביי דער יוניאן צו האנדלען מיט זיי דורך זייער אסאסיאיישאן.

דער ערשטער קאנפערענץ מיט זיי איז אפגעהאלטען געווארען לעצטע וואך. מען האט גלייך געקענט זעהן, אז עס האלט אויף א וועג. די פאדערונגען זיינען די פאלגענדע:

1) וואכען-ארבייט אין אלע טיילען פון דער אינדוסטריע, אהן אויסנאהמע.
2) 44 שטונדען א וואך, צוטיילט אין אכט שטונדען א טאג און פיער שטונדען שבת.
3) געצאהלט פאר אלע יום-טובים, דאבעל-געצאהלט פאר יעדער מינוט, וואס א קלאוקמאכער ארבייט אין א יום-טוב. פאר קיין פאל טאר א שאפ ניט ארבייטען אין „לייבאר דעי".
4) ניט מעהר ווי 6 וואכען אווערטיים איז ערלויבט, און דאס מוז אויסגעארבייט ווערען צו צוויי שעה א טאג דורך די ערשטע דריי טעג אין וואך.
5) דאבעל געצאהלט פאר אווערטיים.
6) קיין אווערטיים איז ערלויבט אין אזא שאפ, וואס איז ניט אינגאנצען באזעצט מיט ארבייטער.
7) ניטא קיין קאנטראקטינג.
8) קליינע מאנופעקטשורערס מוזען איינלעגען דריי וואכען וויידזשעס פאר יעדען ארבייטער, וואס זיי באשעפטיגען, אלס גאראנטיע, אז זיי וועלען נאכקומען זייער אגרימענט.

א סקייל פון וויידזשעס איז דערלאנגט געווארען מיט'ן פארלאנג, אז די יעניגע ארבייטער וואס קריגען שוין די געהאלט זאלען געהעכערט ווערען.

1) דער מינימום-פרייז פאר קלאוק

א טאג אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. ל.

פון עליאס ליעבערמאן.

די קאנווענשאן איז אויפ'ן ים.

די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר קאנווענשאן איז געווען אויפ'ן ים. נאר, פראפעסיאנעלע קריטיקער, כאפט זיך ניט. איך מיין ניט פונקט דאס וואס איהר מיינט. זי איז געווען אויפ'ן ים, ווייל דער „סטיל פיער", דער האל, אין וועלכען זי געפינט זיך איז פשוט געבויט געווארען אויפ'ן ים. א גלעזערנער דאך, גלעזערנע ווענט, ים פון אונטען און אלע זייטען, דער הימעל איבער'ן קאפ — אט דאס איז די אומגעבונג פון דער קאנווענשאן.

און די אטמאספערע? אה ניין, זי איז ניט קיין גלעזערנע, דורך איהר קען מען ניט דורכקוקען. די איבער פינף הונדערט דעלעגאטען, וואס זיצען דארטען, זיינען ניט קיין דורכזיכטיגע גלאז. זייער האנדלונג איז פארוויקעלט אין א טומאן. מען קען אבער באמערקען אז זיי האנדלען לויט זייער איינגענער איבערצייגונג און ווילען. אי די מאשין? זיכער איז דא א מאשין, נאר זי באשטעהט אין דעם וואס זי פארשטעהט דעם ווילען פון די דעלעגאטען. דאכט זיך איינפאך, מען דארף דאס אבער קענען.

טאלעראנץ אויף דער קאנווענשאן.

מיך קימערט ניט צו זענט איהר רעכטע אדער לינקע, און איך וועל זיכער איינברונז'ען ביידען, ווען איך וועל זאגען, אז טאלעראנץ מענען זיך אונזערע ראדיקאלען לערנען ביי די קאנסערוואטיווע. און וואס מעהר ראדיקאל מען איז אלץ מעהר האט מען זיך וואס צו לערנען.

מען פארהאנדעלט די פראגע פון לייבאר-דעי און ערשטען מאי. א רעזאלושאן איז פארגעשלאגען געווארען אז דער ערשטער מאי זאל אנגענומען ווערען ביי דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר אלס דער ארבייטער יום-טוב. מען רעדט דאפיר און דאגעגען. נאר אט מעלדעט זיך צום ווארט א וועסטערנער דעלעגאט, א באוואוסטער ראדיקאל. דער עולם הויבט אן שרייען מען זאל עס נעמען צום אפשטימונג. קענטיג זיי ווילען ניט ער זאל רעדען. גאמפערס לאזט ארונטער דעם האמער דריי מאל. דער עולם ווערט שטיל. און וואס ווייטער? דער וועסטערנער ראדיקאל קריגט דאס ווארט. דער עולם איז אבער שטיל.

וואלט דאס ביי אונזערע מיטינגען אויך אזוי גרינג אנגעקומען?

נאך א ביישפיעל: צוליעב אומבאוואוסטע אורזאכען קלאגט זיך דעלעגאט טאבין, חלילה וכעס ניט קיין ראדיקאל, אז געסט זיצען ביים טיש און פאדערען כסדר צו שליסען די חעבאטען. ער מאכט די באשולדיגונג אז זיי זיינען דאס די יעניגע וואס פאדערען מען זאל נעמען פראגען צום אבשטימען איידער די דעלעגאטען האבען געהאט א געלעגענהייט צו רעדען וועגען דעם. גאמפערס האלט גראדע דאן אין נעמען א פראגע צום אפשטימען, אבער ער האט חרטה און ערקלערט: דער טשערמאן איז זיכער אז א געניגענדע צאל דעלעגאטען האבען פארלאנגט מען זאל עס נעמען צום אפשטימען, נאר כדי זיכער צו מאכען עס, וועל איך ווידער פרעגען: אלע די וואס ווילען מען זאל שליסען די דעבאטע, זאלען מיט דער האנט באצייכענען. א גרויסע צאהל הענט צייגען אז דער טשערמאן איז גערעכט און דעלעגאט טאבין שווייגט.

אט רעדט דער וועסטערנער דעלעגאט אין דער מתי-פראגע. א באשולדיגונג איז אפען געמאכט געווארען אז די געלדער פאר מוני זיינען באנוצט געווארען אויף גאנץ אנדערע צוועקען. צווישען אנדערעס זאגט דער וועסטערנער דעלעגאט: וואס איז, אט קען איך ארגאנייזערס פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר וועלכע געהען אום ישכורע....

„רוף אן זייערע נעמען", פאדערט דער טשערמאן.

„וועלל, זיי זיינען אמאל געווען ארגאנייזערס", ענטפערט דער דעלעגאט.

„אהא, קענסט ניט באשטעטיגען וואס דו זאגסט", ענטפערט דער טשערמאן, און אלע פיהלען ווי דער דעלעגאט האט זיך געמאכט צום נאר.

דער טשערמאן לאזט איהם פארטזעצען זיין רעדע. דעם דעלעגאט'ס אונטאלעראנץ אבער מאכט אז זיין רעדע האט קיין שום ווירקונג.

פארזיכטיגקייט איז דער שלאג ווארט אויפ'ן קאנווענשאן.

עס איז געווען אונמעגליך צו ערווארטען אז די קאנווענשאן זאל נעמען א ראדיקאלע שטעלונג צו דער אלגעמיינער ארבייטער פראגע. דער שלאג-ווארט פון דער קאנווענשאן איז פ א ר ז י כ ט י ג ק י י ט. יעדע רעזאלוציאן איז באטראכט געווארען פון דיעזען שטאנדפונקט. די מעהרסטע דעלעגאטען זיינען פיהרערס פון יוניאנס. טאג-טעגליך באגעגנען זיי זיך מיט פראקטישע פראגען, וועלכע פאדערען אן ענטפער. מיט א פראזע קען מען פון זיי ניט פטור ווערען. בלויז אגיטאציעס און שעהן-רעדעריי ווירקט ניט אויף אזעלכע דעלעגאטען. די ערשטע זאך, וואס זיי פרעגען זיך, איז וואס וועלען זייערע מעמבערס האבען דערפון, און לויט זייער פארשטענדניס, האנדלען זיי.

און איך האב זיך צוגעקוקט צו די דעלעגאטען און זיך געשטעלט די פראגע: איז עס אמת אדער ניט אמת, אז די גרויסע ברייטע מאסען זיינען צופרידען מיט זייער האנדלונג? איז עס אמת אדער ניט אמת אז די גרויסע ברייטע מאסען האבען מורא פאר נייע רעוואלוציאנערע געדאנקען און זיינען מעהר צופרידען ווען מען לאזט זיי צו רוה? זיינען די לידערס מעהר קאנסערוואטיוו פון די מאסען (ניט איינצעלנע) אדער פארקעהרט?

און פיעלייכט איז די מינאריטעט גערעכט. די גרויסע מאסע שלאפט רוהיג, מיט א שטילען, רוהיגען שלאף. נו, היינט פאר וואס ניט מיט א שטילען רעדען אין איהר נאמען?

די מתנה פון די ענגלישע ארבייטער.

באלד ביים אריינגאנג פון קאנווענשאן שטעהט א בראנז-סטאטוע. דאס איז די מתנה פון די ענגלישע ארבייטער צו די אמעריקאנער. „דער טריאומף פון ארבייט" הייסט עס. פון דעם נאמען פון בילד קען מען פארשטעהן וואס דאס שטעלט מיט זיך פאר.

און אויבען אן, אויפ'ן פלאטפארמע, שטעהט דער באנער פון דער קאנווענשאן, אויף וועלכען עס איז אנגעשריבען:

אונזער פעלד — איז די וועלט;

אונזער זאך — מענשליכקייט.

קען מען דען ניט פאראייניגען, האב איך זיך געטראכט, די צוויי בילדער צוזאמען. ווארום זאל ניט ארבייט טריאומפירען איבער דער וועלט און איינפיהרען מענשליכקייט?

די שווערע אַרבייט פון דער רעליעף קאָמיטע

פון ל. פינקעלשטיין

אין דעם איצטיגען קלאוקמאכער סטרייק איז די שווערסטע און די אומדאנקבארסטע ארבייט אויסגעפאלען אויף דער רעליעף קאמיטע. ווי געטריי און געוויסענהאפט די קאמיטע זאל ניט ארבייטען, איז אונטער די איצטיגע אומשטענדען אבסאלוט אונמעגליך פאר איהר צופרידענצושטעלען די יעניגע וואס נויטיגען זיך אין הילף.

עס איז א טרויעריגער פאקט, אבער אזוי איז דאס.

מיר וועלען פרובירען אין דעם ארטיקעל קלאר מאכען פון וואנען עס נעמט זיך אט דער איינציגער טונקעלער פלעק אין דעם וואונדערבארער שעהנעם ליכטיגען סטרייק.

* * *

ברודער ה. וואנדער, דער מענעדזשער פון לאקאל 23, איז דער טשערמאן פון דער קאמיטע, ברודער א. ע. קאזאן, סעקרעטער פון לאקאל 35, איז וויים טשערמאן, און ברודער גראביפקער, פון לאקאל 1, איז דער סעקרעטער. עס איז ווערטה צו באמערקען, דאס די בעאמטע פון דער קאמיטע זיינען אויך געווען בעאמטע פון דער רעליעף קאמיטע אין דעם סטרייק פון 1916. אויסער זייער איבערגעבענהייט צו דער זאך, האבען זיי טאקע א מאסע ערפאהרונג, ווי אנצוגעהן מיט דער ארבייט. בר. הערי וואנדער, דער טשערמאן פון דער קאמיטע, איז אויך געווען דער טשערמאן פון דער רעליעף קאמיטע אין דעם לעצטען גרויסען וועיסט מאכער סטרייק פון לאקאל 25. ברודער וואנדער איז א וויים־פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל און אין דעם וועיסט מאכער סטרייק איז ער צו דעם אמט ערוועהלט געווארען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל. ברודער וואנדער האט זיך אימער אויסגעצייכענט אין דער ארבייט און ער איז אזוי נאך געווארען דער באשטענדיגער טשערמאן פון אונזערע רעליעף קאמיטעס אין צייט פון גרויסע סטרייקס. אבער, ווי שוין באמערקט, איז די ארבייט זעהר אן אומדאנקבארע און ספעציעל אין דעם איצטיגען סטרייק, ווי מיר וועלען דאס באלד זעהן.

עס דארף דא אבער דערמאנט ווערען, דאס די רעליעף קאמיטע באשטעהט ניט בלויז פון די דריי פערזאנען וואס איך האב דא דערמאנט. אין דער קאמיטע זיינען פארטראטען איניגע מיטגלידער פון לאקאל 35, 48 און נאך אנדערע.

* * *

די ארבייט פון דער רעליעף קאמיטע פאנגט זיך געוועהנליך אן, ווען דער סטרייק איז שוין אלט איניגע וואכען. ווארום, גלייך ווי א סטרייק ווערט גערופען, צאהלט מען קיינעם ניט קיין סטרייק בענעפיט און ניט קיין רעליעף. דערפאר אבער איז די ארבייט פון דער קאמיטע טאקי די שווערסטע און די אונאנגענעהמסטע. ווארום דער רעליעף קאמיטע קומט אוים צו זעהן די פינסטערע זייט. וועהרענד פאר די אנדערע סאב־קאמיטעס פון דער גרויסער דזשענעראל סטרייק קאמיטע וויקלען זיך פאנאנדער שעהנע בילדער פון קאמפף, אפפערוויליגקייט און קאמפפלוסטיגקייט, קומט אוים דער רעליעף קאמיטע צו האנדלען בלויז מיט'ן דלות און פאר דער קאמיטע וויקלען זיך פאנאנדער בלויז בילדער פון נויטה, ארימקייט און פארצווייפלונג! ניט איין מאל און טאג ווערט ביי די מיטגלידער פון דער רעליעף קאמיטע פשוט צוריסען דאס הארץ, ווייל זיי קאנען ניט העלפען מיט א פולער האנט די יעניגע, וועלכע נויטיגען זיך ווירקליך אין באלדיגער הילף. מען קען בלויז העלפען דעם נויטבאדירפטיגען מיט א שיבעש, בלויז מיט א פאר דאלאר, אין דער צייט ווען יענער נויטיגט זיך אין א סך מעהר.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס: די רעליעף קאמיטע האט אויך אויסצושטעהן א סך אונאנגענעהמליכקייטען פון א צווייטען עלעמענט, פון אזעלכע פערזאנען וואס קומען „ארויסרייסען" פון דער יוניאן א פאר דאלאר, כאטש זיי וואלטען נאך געקענט אויסקומען אהן דעם. די רעליעף־קאמיטע דארף, אלזא, א חוץ העלפען די נויטבאדירפטיגע סטרייקער, אויך אויסגעפינען ווער עס נויטיגט זיך טאקע באמת אין הילף און ווער עס מאכט בלויז אזא ארימען אנשטעל כדי „ארויסצורייסען" פון דער יוניאן א פאר דאלאר. די קאמיטע מוז האבען דעם מוטה, ספעציעל אין דעם איצטיגען סטרייק, אזעלכע פערזאנען אפצוזאגען און ניט איין מאל כאפט מען דערפאר „א סטאק" זידעל־ווערטער. און אויב אזא קאמיטע האט ווען עס איז געהאט אויסצושטעהן אזעלכע צרות, איז דאס זיכער דער פאל מיט דער רעליעף קאמיטע פון דעם איצטיגען קלאוקמאכער סטרייק! עס זיינען נאטירליך דא דערפאר גוטע אורזאכען. אבער דאס מאכט ניט די לאגע אויף א האר בעסער. די פראגע איז א גאנץ ערנסטע, מען דארף איהר שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט, ווי דאס איז ביז איצט געטאן געווארען.

א יוניאן דארף צאהלען סטרייק־בענעפיט און ניט געבען „רעליעף" און עס איז א גרויסער אונטערשייד פון געבען איינעם סטרייק בענעפיט אדער געבען איהם רעליעף.

ווען א סטרייקער באקומט סטרייק־בענעפיט פיהלט ער, אז ער באקומט עפעס וואס קומט איהם. רעליעף אבער שמעקט מיט קצבה און פאראורזאכט א שלעכטען געפיהל. דער וואס מוז נעמען „רעליעף", פיהלט זיך ביכער ווי א שנארער איידער א סטרייקער! און דאס איז זעהר ניט גוט פאר דער יוניאן בכלל.

ליידער איז אבער די לאגע אזא, אז די יוניאן האט ביז איצט ניט געקאנט צאהלען קיין סטרייק בענעפיט, לויט איהר בעסטען ווילען, און האט זיך געמוזט באנוגענען מיט געבען רעליעף פאר די סאמע נויטבאדירפטיגע. די דזשענעראל סטרייק קאמיטע ווייס, נאטירליך, אז דאס איז זעהר ניט גוט, אבער אין דעם מאמענט האט מען זיך בעסער ניט געקאנט העלפען.

ברודער פיליפ קאפלאוויטש, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דזשאינט באארד, און דער טשערמאן פון דער פינאנץ־קאמיטע אין דעם איצטיגען סטרייק, האט וועגען דעם א סך צו רעדען און ער האט פאר מיר קלאר געמאכט די גאנצע לאגע. און אט זיינען די פאקטען:

די וועכענטליכע דיוס וואס די קלאוקמאכער צאהלען, איז ניט גענוג עס זאל דערפון בלייבען אין קאסע גענוג געלט אויף צו צאהלען סטרייק בענעפיט, אין צייט פון א דזשענעראל סטרייק. די העכסטע דיוס, וואס די קלאוקמאכער צאהלען, איז 25 סענט א וואך און דאס איז גענוג בלויז אויף אויפצוהאלטען די יוניאן און צאהלען סטרייק־בענעפיט אין צייט פון פריעדען, ווען מען מוז מאכען שעפער דערקלערען אין סטרייק. און אזעלכע איינצעלנע סטרייקס זיינען דאך איביג דא. היינט, פון וואנען זאל די יוניאן נעמען געלט אויף צו צאהלען סטרייק בענעפיט אין צייט פון א דזשענעראל סטרייק?

אמאל איז נאך געווען צו דערליידען. ווען דער יקרות איז ניט געווען אזוי גרויס, איז נאך געבליבען עפעס געלט אין דער טרעזשורי. אין די לעצטע פאר יאהר האט זיך אבער די אויסגאבען פון דער יוניאן א סך פארגרעסערט. די אנגעשטעלטע אין די אפיסעס מוזען קריגען בעסער באצאהלט ווי אמאל, רענט איז א סך טייערער, און אזוי אויך פרינטינג, סטיישאנערי און אלע אנדערע זאכען.

אמאל האט די יוניאן געהאט אן איינקונפט פון די איינטריטס־געלט וואס מען פלעגט נעמען פון נייע מיטגלידער וואס פלעגען כסדר אריינקומען אין דער יוניאן. אין די לעצטע פאר יאהר איז דא ניט געווען קיין אימיגראציע, קיין נייע מיטגלידער זיינען ניט אריינגעקומען און עס איז ניט געווען קיין איינטריטס־געלט. אלזא אין דער צייט, וואס די יוניאנס אויסגאבען האבען זיך באדייטענד פארגרעסערט, איז די איינקונפט אין מאנכע הינזיכטען נאך קלענער געווארען, היינט, פון וואנען זאל די יוניאן נעמען צו צאהלען איצט סטרייק־בענעפיט? איהר ווייסט דאך אודאי פון דעם ווערטעל: „אז מען גרייט ניט אן פרייטאג, איז ניטא וואס צו עסען שבת!"

און דאס איז די אייביגע טראגעדיע פון די אידישע יוניאנס. גוי'אישע יוניאנס, פון אזא גרויס ווי די קלאוק־מאכער יוניאן, האבען מיליאנען דאלארס אין זייערע טרעזשורים און קאנען צאהלען סטרייק־בענעפיט פאר מאנאטען און מאנאטען.

ווי עס שיינט, זיינען אונזערע יוניאנס צו דעם נאך ניט דערוואקסען. דיוס צאהלען ווילען די מיטגלידער וואס ווייניגער און ווען עס קומט א דזשענעראל סטרייק און די יוניאן האט ניט צו צאהלען קיין סטרייק־בענעפיט, שילט מען די רעליעף קאמיטע...

היינט נאך וואס. צו פיהרען א סטרייק היינט קאסט אויך א סך מעהר ווי עס האט אמאל געקאסט. די רענט פאר די האלס קאסט כמעט דאפעלט ווי אמאל און אזוי אויך מיט אנדערע זאכען. אונטער די איצטיגע אומשטענדען קאסט דער סטרייק איבער 20 טויזענד דאלאר א וואך, א חוץ רעליעף אדער סטרייק־בענעפיט.

מאנכע סטרייקער, וואס קומען נאך הילף, גיבען אין נדן, אז זיי האבען איינגעצאהלט 5 דאלאר פאר'ן ספעציעלען סטרייק־פאנד.

דאס איז אפילו א שטיקעל טענה, אבער בלויז פון אויבען־אויף. ווען איינער צאהלט איין 5 דאלאר, טו וויפיעל קאן/די יוניאן איהם דערפאר ארויסצאהלען? זיינע 5 דאלאר האט זיך אין דער קאסע פון דער יוניאן ניט אפגעקעלבט, וועהרענד ער דארף דורך די צייט פון סטרייק באקומען, זאל זיין בלויז 5 דאלאר א וואך פאר א משך פון וואכען און וואכען, טו פון וואנען זאל די יוניאן דאס נעמען?

עס פארשטעהט זיך, מיט הונגעריגע מענשען קאן מען ניט ארגומענטירען, און איצט איז ניט די צייט דערפאר. אבער עס שאט ניט אויף דעם אויפמערקזאם צו מאכען. זאל דאס זיין א גוטער לעסאן פאר די קלאוקמאכער אויף שפעטער. זאל מען אין דער צוקונפט זיך בעסער בעפאר באזארגען. זאל מען אנגרייטען פרייטאג וועט זיין וואס צו עסען שבת.

דער ספעציעלער טעקס פון 5 דאלאר וואס דער דזשאינט באארד האט כמעט ערב סטרייק ארויפגעלעגט אויף די מיטגלידער פון דער יוניאן האט אריינגעבראכט ארום הונדערט און זעכציג טויזענט דאלאר. פאר אזא גרויסען סטרייק איז דאס קוים גענוג אויף די לויפענדע סטרייק־אויסגאבען. ווען אויפצוהאלטען דעם סטרייק קאסט 20 טויזענד דאלאר א וואך איז דאס גענוג בלויז אויף 8 וואכען צייט.

אלזא, אויב די יוניאן קאן נאך געבען כאטש וויפיעל ניט איז רעליעף, וואס ווי קארג די רעליעף קאמיטע זאל ניט זיין דארף זי אליין אויסצאהלען ארום 10 טויזענט דאלאר א וואך, איז דאס דערפאר וואס די יוניאן האט נאך געהאט אביסעל אפגעשפארטע געלט פון די פריהערדיגע יאהרען, ווען דער יקרות איז ניט אזוי גרויס געווען און אויפצוהאלטען אלע יוניאן־אפיסעס האט ניט געקאסט אזוי פיעל, ווי עס מוז היינט קאסטען.

היינט נאך וואס:

אין די אמאליגע דזשענעראל סטרייקס פלעגט די יוניאן באקומען 10 פראצענט פון די ארבייטער וואס האבען זיך גלייך ביים אנפאנג פון סטרייק צוריקגעקערט ארבייטען און דאס האט אריינגעבראכט א סך געלט. דאס געלט אליין איז שוין באלד גענוג געווען אויף צו צאהלען סטרייק בענעפיט די נויטבאדערפטיגע צווישען די סטרייקער, וועלכע זיינען געשטאנען אין סטרייק.

דער גאנג פון דעם סטרייק איז אבער געווען גאנץ אנדערש, ווי אמאל.

אמאל פלעגט מען ראשית אפסעטלען מיט די מאנופעקטשורלעך פון די קליינע שאפקעס, אין וועלכע עס האבען געארבייט די מעהרסטע אביונים אין טרייד און אין סטרייק זיינען פארבליבען די ארבייטער פון די גרעסערע שעפער, וועלכע זיינען פיעל־וויינגיער בעסער אפ פון די ארבייטער אין די קלענערע שאפקעס. דער רעזולטאט איז געווען, דאס אי די יוניאן האט אריינגעקראגען די 10 פראצענט, און אי צווישען די סטרייקערס זיינען ניט געווען אזוי פיעל נויטבאדערפטיגע.

אין דעם איצטיגען סטרייק, ווי איהר ווייסט, איז דאך די זאך געווען פונקט פארקערט, פריהער האט מען געסעטעלט מיט די גרויסע שעפער, נאכדעם מיט די מיטעלע און מיט די קליינע האט מען נאך גאר ניט געסעטעלט. דאס מיינט, אז די גרעסטע ארימע לייט פון צווישען די סטרייקער וועלען דארפען שטעהן אין סטרייק אמלענגסטען!

וועט איהר דאך פרעגען: טו ווארום נעמט ניט די יוניאן 10 פראצענט פון די שכירות פון די ארבייטער אין די געסעטעלטע שעפער?

איז דער תירוץ, אז ערשטענס נעהמט איצט צייט איידער א שאפ קערט זיך אום צו דער ארבייט, דורך דעם איינשטעלען פון פרייזען; און צווייטענס, ווען דער שאפ איז שוין פארטיג אנצופאנגען ארבייטען, איז נאך איצט קיין ארבייט ניטא. אין בעסטען פאל ארבייט מען גאנץ וויינינג און די 10 פראצענט וואלט איצט וויינינג וואס אריינגעבראכט. אבער דאס וועט מסתמא באלד געטאן ווערען. וואשיינליך וועט די יוניאן באלד ארויסלאזען אן אויפרוף פאר די 10 פראצענט פון די שכירות פון די וואס ארבייטען שוין, אום אויפצוהאלטען די, וואס ארבייטען נאך ניט. די דזשענעראל סטרייק קאמיטע האט אזא באשלוס שוין אנגענומען און די קאמיטע וועט מסתמא זעהן, אז דער באשלוס זאל טאקע וואס־גיכער ארייגעהן אין קראפט. אימער פלעגען די ארבייטער פון די קלענערע שעפער אויסהאלטען די ארבייטער פון די גרעסערע שעפער טו איז ניט מעהר ווי רעכט, אז איצט זאלען די ארבייטער פון די גרעסערע שעפער אויסהאלטען די ארבייטער פון די קליינע שאפקעס. און זאל עס טאקע געטאן ווערען מיט א ברייטער האנט, מיט'ן גאנצען הארצען!

מיר האבען זיך אפגעשטעלט אביסעל לענגער אויף דער פראגע פון רעליעף, אום קלאר צו מאכען פאר די לעזער די לאגע. עס איז נויטיג דערפאר, ווייל די רעליעף פראגע ברענגט אריין א היבש ביסעל אומצופרידענהייט צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאן. ווי מיר האבען געזעהן, איז די יוניאן אין דעם גאר ניט שולדיג. אונטער די אומשטענדען האט אנדערש ניט געקאנט זיין. אנשטאט אין דעם צו באשולדיגען די יוניאן דארפען די מיטגלידער בעסער זיך אליין באשולדיגען, ווארום זיי נעמען ניט מעהר אינטערעסע אין דער יוניאן אין צייט פון פרידען און ווארום זיי זעהען ניט, אז זייער יוניאן זאל זיין בעסער פינאנציעל באזארגט פאר אלע צייטען.

באדאנקען א ביזנעס איי־דזשענט.

ווערטהע רעדאקציע, ביטע צו דרוקען א דאנק אין די „גערעכטיגקייט."

מיר, די ארבייטער פון נידעל און טרוי פון 238 זעקסטע עוועניו, דריקען אויס אונזער הערצליכען דאנק צו ברודער א. גאלדבערג, פאר זיין טרייע איבערגעבענע ארבייט אין די קלאוקמאכער יוניאן. און פאר אונזער שאפ ספעציעל.

דיזער שאפ איז געווען, זא צו זאגען, א „קארפארייטאן" שאפ, נאר א דאנק ברודער א. גאלדבערג'ס גוטע ארבייט און איינפלוס איז דער שאפ איצט א יוניאן שאפ אין פולען זינען פון ווארט.

דערפאר דריקען מיר אויס אונזער דאנק צו ברודער א. גאלדבערג מיט א פרעזענט. און מיר ווינשען איהם גרויס ערפאלג אין זיין ווייטערדיגע ארבייט פאר די קלאוקמאכער יוניאן."

רעזאלוציאנס קאמיטע
פון נידעל און טרוי.

א שעהנע טאט.

לכבוד דעם גיכען סעטעלמענט פון קלאוק מאכער סטרייק האט די פירמע גאטליעב און לייקינד, 33—27 וו. 20טע סט. די וואך געפראוועט א באנקעט. און ווי דער שטייגער איז, האט מען געגעסען, געטרונקען און זיך משמח געווען.

אבער אין מיטען פון דער שמחה האבען די ארבייטער פון דער פירמא זיך דערמאנט אן זייערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער פון יענער זייט ים און האבען געמאכט א קאלעקשאן וואס האט אריינגעבראכט 27.50 דאלער. די פירמא האט צוגעלעגט 22.50 דאלער. און די ארבייטער האבען געבראכט אין אונזער אפים א טשעק פון 50 דאלער, איבערצוגעבען דעם פיפעלס רעליעף.

ווי איהר זעהט, פארגעסען ניט אונזערע ארבייטער זייערע אומגליקליכע ברידער אפילו ווען זיי קומען זיך צוזאמען אביסעל א הוליע טאן.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

דער מאן זאל ווערען אויס אוטאקראט אין דער פאמיליע

יעדער מאן איז א טיראן ביי זיך אין דער היים! אזוי ערקלערט א שרייבערין אין א היגען ענגלישען זשורנאל, און זי ווארפט די שולד דערפון אויף דער הערשענדער ערציהונגס־סיסטעם פאר איינגלעך און יונגעלייט אין די היינטיגע נידריגע און העכערע שולען.

אלס רעזולטאט פון דער הערשענ־דער ערציהונגס און בילדונגס סיסטעם איז יעדער יונגערמאן, — זאגט די שריי־בערין — וואס האט חתונה און פיהרט איין אן אייגענע בעל הבית'ישקיים, פאל־שטענדיג אונוויסענד בנוגע דער זעהר ערנסטער אויפגאבע פון צו זיין ניט בלויז א שפייזער און באזארגער פאר זיין פא־מיליע, נאר אויך א פריינד און חבר צו זיין פרוי און א ראטגעבער און וועג־ווייזער פאר זייגע קינדער.

די מעהרסטע טראגעדיעס אין'ם פארהייראטען צוזאמענלעבען קומען ארויס — זאגט די שרייבערין — ניט דערפון, וואס דער מאן פארפעהלט נאכ־צוקומען זיין פליכט אלס שפייזער און באזארגער פון זיין פאמיליע, נאר פון זיין ניט פארשטעהן זיין ראלע אלס מאן און פאטער. אנשטאט צו זיין א פריינד און ראטגעבער, ווערט ער, אדער וויל ווערען, א הערשער און באפעהלער איבער זיין ווייב און קינדער, און דאס מוז נאטיר־ליך פיהרען צו אומצופרידענהייט, שטרייט, שנאה און קריגעריי.

אונטער די היינטיגע אומשטענדען איז, — ווייזט אן די שרייבערין, — קיין וואונדער ניט, וואס דאס איז אזוי. אין דער ערציהונג פון דער מיידעל איז די וויכטיגסטע אויפגאבע דאס פארבעריי־טען זי צו איהר קינפטיגער ראלע אלס ווייב און מוטער. אין דער ערציהונג פון'ם איינגעל, אבער, ווערט ניט געמאכט דער מינדסטער פארזוך איהם וויפיעל סע־נים־איז פארצובערייטען און אויפקלערען ווע־גען זיין קינפטיגער ראלע אלס מאן און פאטער. דאס איינציגע, וואס ווערט דעם איינגעל אריינגעקלאפט אין קאפ אריין איז, אז דער מאן איז דער שפייזער און באזארגער פון דער פאמיליע, און, ממילא, איז ער דער „קאפ" פון דער פאמיליע. דער פועל יוצא דערפון איז, אז יעדער יונגערמאן, אזוי גיך ווי ער ווערט א בעל־הבית'ל און דערפיהלט זיך אין דער רא־לע פון א „סופארטער", הויבט ער באלד אן צו געוועלטיגען אין הויז און זיך פיה־רען מעשה הערשער. די ווייב טאר ניט האבען קיין אייגענע מיינונג, אויב איהר מיינונג איז אנדערש פון זיינער; זי טאר ניט ווידערשפעניגען זיין ווארט, און איז, בכלל, מחויב צו פאלגען אלצדינג, וואס ער זאגט.

און דאס — באהויפטעט די שריי־בערין — איז דער פאל ניט נאר מיט מענער, וואס זיינען פון דער נאטור שלעכט און פארדארבען, נאר אפילו מיט די בעסטע מענער. דער חילוק איז בלויז אין זייער ארט טיראניזירען: איינער דריקט עס אויס דורך א קלאפ מיט'ן קו־לאק איבער'ן טיש, אדער דורך ברעכען געשיר און הויז־זאכען, און אן אנדערער — דורך הוילען שרייען, אדער דורך א שטילען; נאר פארביסענעם רוגז, וועלכער איז נאך ערגער פון שרייען. קורץ, ביי זיך אין דער היים זיינען אלע מענער טי־ראנען; פון דעם קלענסטען ביז'ן גרעס־טען, פון'ם ארימסטען ביז'ן רייכסטען, פון'ם אומוויסענדסטען ביז דעם געביל־דעטסטען, האבען זיי אלע איין פארלאנג: צו זיין די פאלשטענדיגע, אונבאגרעניצ־טע זעלבסט־הערשער ביי זיך אין דער היים.

די פרוי איז ניט די איינציגע, וואס ליידעט פון איהר מאן'ס דיקטאטור; עס ליידען דערפון אויך די קינדער — אי־בערהויפט, די דערוואקסענע קינדער.

אבער ערגער פון אלץ איז די געפע־רליך־שעדליכע ווירקונג, וואס אזא פיהרונג האט אויף די יונגע מוחות פון די קליינע קינדער אין הויז. פאר דער מאראל פון די יונגע קינדער זיינען קריגערייען צווי־שען די עלטערען אן איינפאכער סם־המות. עס טויטעט אין זיי יעדען געפיהל פון אכטונג פאר זייערע עלטערען, און עס ערוועקט אין זיי א האס, מורא און מיסטרוי ניט נאר צו דעם שולדיגען אין די באטרעפענדע קריגערייען, נאר צו אלע ערוואקסענע מענשען: צו זייערע שכנים, קרובים, לעהרער, און צו פרעמ־דע מענשען אודאי. די שרייבערין פאר־רופט זיך דא אויף ראבערט בלעטש־פארד'ס באריהמטען בוך „נאט גילטי", אין וועלכען דער פראפעסער באווייזט מיט פאקטען, אז די מייסטע פארברע־כער זיינען מענשען, וואס האבען פאר־בראכט זייער פריהע יוגענד אין אן אט־מאספערע פון קנאה, שנאה, און מחלוקות צווישען די עלטערען, וועלכעס האט אין די קינדער געטויטעט דאס געפיהל פון מענשען־ליעבע, נאך איידער עס האט ציים געהאט זיך רעכט צו ענטוויקלען. און די מייסטע אזעלכע קריגערייען צווי־שען די עלטערען זיינען געקומען פון דעם מאן'ס אונטערדריקענדער טיראניי איבער זיין ווייב און קינדער.

הכלל, וואס זשע איז די תרופה דערצו? ווי אזוי קען די פרוי אפשאפען דעם מאן'ס טיראניי אין הויז, און איהם צווינגען איינצוערקענען זיין פרוי אלס גלייכען בעל־דעה איבער אלע אנגעלעגענ־הייטען וואס זיינען נוגע דעם פריעדען פון דער פאמיליע?

אט די פראגע שטעלט אוועק די שרייבערין אין איהר ארטיקעל, און זי ענטפערט:

דער איינציגער לאגישער און ווירק־זאמער מיטעל אויסצעוואָרצלען דעם דא־זיגען פרימיטיווען באגריף, וועגען דעם מאן אלס דער „קאפ" און הערשער פון דער פאמיליע, איז צו ענדערען די גאנצע איצטיגע ערציהונגס און בילדונגס סיס־טעם, און איינפיהרען נייע ספעציעל־צו־געפאסטע ערציהונגס־מעטאדען, דורך וועלכע עס זאל מעגליך זיין איינצופלאנ־צען פון אנהויב אן אין יעדען קינד'ס מוח דעם געדאנק, אז דער מאן און די פרוי, דער פאטער און די מוטער, זיינען ביידע גלייכע בעלי־דעה אין אלע פראגען, וואס זיינען נוגע די געמיינשאפטליכע אינטע־רעסען פון דער פאמיליע; און אז אין אלע פראגען, וואס באריהרען די אינ־דיווידועלע אינטערעסען פון דעם מאן אדער פון דער פרוי, דאס הייסט, אזעלכע פראגען, וואס זיינען נוגע זיין אדער איהר פערזאן, און וואס האבען ניט צו טאן מיט די אינטערעסען פון דער פאמיליע, ווי למשל, דער אויסוואהל פון קליידונג, פון געזעלשאפט, פון צייט־פארטרייב, און ענליכע זאכען — אין אזעלכע פראגען זאל יעדער פון זיי זיין גלייך פריי צו האנדלען ווי איהם אדער איהר געפעלט.

מען מוז מודה זיין, אז אט דער פאר־געשלאגענער מיטעל פון אונזער ליעבער שרייבערין איז א זעהר שעהנער און ווינשענסווערטער. די פראגע איז נאר, צי איז דאס אזוי גרינג צו ענדערען אונזער ערציהונגס־סיסטעם, און איינפיהרען די מעטאדען וואס די שרייבערין פארלאנגט, ניט ענדערנדיג פריהער די גאנצע איצטי־גע געזעלשאפטליכע א־דנונג? אונז פער־זענליך זעהט דער עסק אויס צו זיין א ביסעל שווערליך, אבער די שרייבערין איז גאנץ אפטימיסטיש. זי שליסט איהר ארטיקעל מיט אויסדריקען די האפנונג, אז די איצט־געזוואונענע פאליטישע גלייכ־בארעכטיגונג פאר פרויען וועט אין גיכען ברענגען די גלייכבארעכטיגונג פאר דער פרוי אויך אין איהר אייגענער פאמיליע. אמן!

* * *

אינטערעסאנטע פאקטען וועגען פרויען.

זעקס פון די פאראייניגטע שטאאטען האבען שוין ביז איצט ראטיפיצירט דעם „פעדעראל סאפרעדזש אמענדמענט". די זעקס שטאאטען זיינען: וויסקאנסין, מי־שיגען, קענזעס, אהייא, ניו יארק און אילינאיז.

די האי־סקול לעהרערינס אין דענ־ווער האבען באשלאסען זיך צו ארגאני־זירען אין א יוניאן, וועלכע זאל זיין אפי־ליאירט מיט דער „אמעריקען פעדעריי־שאן אוו לייבאר". אין דער יוניאן וועלען אריינטרעטען אויך די דארטיגע מענער־לעהרער, וועלכע שטעלען צונויף א העלפט פון דער גאנצער צאהל האי־סקול לעהרער אין דענווער.

די פרויען'ס טרייד־יוניאן ליגע האט אויף איהר קאנווענשאן, וואס זי האט אפגעהאלטען אין פילאדעלפיא אנהויב יוני אנגענומען א באשלוס צו ארגאניזי־רען אלע פאבליק־סקול לעהרערינס און לייברערי אנגעשטעלטע איבער'ן גאנצען לאנד. די ארגאניזאציאנס־קאמיטע פון דער ליגע האלט איצט אין פארענדיגען די פלענער פאר דער דאזיגער גרויסער אונ־טערנעמונג, און די ארגאניזאציאנס אר־בייט וועט זיך באלד אנהויבען.

אין אינדיאנא האלט די פרויען־שטימרעכט באוועגונג אין פארשפרייטען זיך צווישען אלע קלאסען פרויען, און ווערט דארט מיט יעדען טאג אלץ מעהר פאפולער. דאס אינטערעסאנטסטע דערביי איז דאס, וואס לויט דעם דארטיגען לעצ־טען אפיציעלען צענזוס קענען בלויז צוועלף פון יעדע טויזענד פרויען שרייבען און לעזען. אבער, א דאנק דער טיכטיגער ארבייט פון דעם דארטיגען פרויען'ס ביל־דונגס פאראיין איז היינט דער פראצענט פון די פרויען אין אינדיאנא, וואס קענען לעזען און שרייבען, א סך גרעסער, און ער האלט אין שטייגען מיט מערקווירדי־גער שנעלקייט.

דעם 6טען יוני האט א פראנצויזישע לופט־פליהערין, באראנעסע לא ראש, זיך אויפגעהויבען אין איהר פליה־מאשין צו א הויך פון קנאפע דרייצעהן טויזענד פוס און האט דארט ארומגעשוועבט א שטונ־דע מיט פופציג מינוט. דאס איז דער העכסטער פליה וואס אן איירָאפעאישע לופט־פליהערין האט ווען עס איז גע־מאכט. די איינציגע לופט־פליהערין, וואס האט איבערשטייגט די פראנצויזישע בא־ראנעסע, איז די אמעריקאנער לופט־פלי־הערין, מיס רוטה לא, וועלכע האט אין סעפטעמבער 1917 זיך אויפגעהויבען מיט איהר פליה־מאשין אין פיאריע, איר־לינאיז, צו א הויך פון גאנצע פערצעהן־טויזענד פוס.

מיט'ן קאמפאזיטארס הונט. מיט עהרפורכט קוקט זי אויף איהם, איך האב דאס באמערקט נאכ'ן אויסדרוק פון איהרע אויגען. כא־כא, איך האב זי בעקאכט; אין דער שטיל בין איך איהר נאכגעפאהרען, איך בין אזוי אנגעטאן, אז קיינער האט מיך ניט געקענט דערקענען. א גרויסארטיגע ערפינדונג איז דאס דער אויטאמאביל! — איך בין אוועקגעאנגען אין א זייט. די שטימע האט פארטגעזעצט צו געהן צוזאמען מיט מיר. — איך האב געזעהן איהר האנד, זי האט ארונטערגענומען די האנד־שוה אום ארויסצונעהמען געלד פון פארטמאנע. איהר האנד איז געוועזען ווייס, ווי שניי, איהר האלז איז ענטבלויזט אפילו ווינטער־צייט. איך האב איהר א קוק געטאן גלייך אין די אוי־גען אריין — גאט מיינער! — ס'ארא אויגען! — איהר איז אויסגעקומען, ביז מיין קארעטע איז דורכגעפאהרען די גאס. — כא־כא, איך האב שוין לאנג אייך געוואלט וועגען דעם דער־צעהלען; איך בין אליין ארומגעלאפען ארום אייער הויז, אבער איך האב אייך ניט געקענט געפינען. מיט פארגעניגען שלעפ איך זיך ארום ארום דעם הויז, יא, עס איז זאנדערבאר, אבער מען קען זי ניט פארגעסען, ניין! איהר איז לייכטער צו פאר־געסען. זי לעבט בלויז מיט'ן טאג. איהר זייט איינפארשטאנ־נען? זי איז מילד, ווי א קינד, זי איז גרויזאם, ווי א קינד, זי ליינט: א בלום וועט זי ניט צודריקען, אבער א מענשען קען זי פארמאטערן צום טויט. —

איך האב גענומען לויפען אין וואלד אריין.

איך האב געשיקט א שליח צו הארי איזעדאם מיט א בריעף אין וועלכען עס איז געשטאנען: איך נעה ניט אנדערש אין וואלד, ווי מיט אן אנגעלאדענעם ביקס!

הארי איזעדאם האט מיר געענטפערט: ענטשולדיגט, ענט־שולדיגט, דאס וואלט איך ניט וועלען.

איך האב איהם פארנארט. אבער איך האב ניט געקענט פארגעסען, ווי געטליך האט אמאל זיין פידעל געשפיעלט אין וואלד, ווען עס האט אין איהר געיאמערט זיין גליק.

אין א פאר וואכען נאך דעם בין איך געוואר געווארען, אז הארי איזעדאם האט געפרואווט באגעהן זעלבסטמארד. ער האט זיך ארויסגעווארפען פון פענסטער. ער האט זיך ערנסט צור־קלאפט, אבער ניט געפעהרליך.

איך בין פארציטערט געווארען.

עס האט זיך אויסגעדאכט, אז עפעס רוקט זיך אן אויף מיר אליין נעהנטער און נעהנטער, איך האב זיך געגענגעשטעלט, אבער עס האט מיך באזיגט.

אין נאכט און אין שרעק דארף איין מענש פארזונקען ווע־רען. — איך האב דאס געוואוסט.

36

איננעבארג איז צוריקגעקומען. איז דאס מעגליך? איך בין געזעסען אין צימער און ניט געהערט ניט דאס קלאפען פון דער קארעטע און ניט קיין טריט. מיט אמאל האט זיך געעפענט די טיר און איננעבארג איז געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל.

זי איז געוועזען פארוויקעלט אין א דיקען רייזע־מאנטעל און דאס פנים האט כמעט אין גאנצען פארדעקט דער פוטערנער קאלנער. רויט פון דער קעלט איז געוועזען דאס פנים; א קליין, פארפרארען, שמייכלענדיג קינדעריש פנים'ל.

— כא־כא־כא! — האט זיך צולאכט איננעבארג. — דו דערקענסט מיך שוין ניט? איך האב גאר נישט ניט פארשטא־נען. איך האב זיך אויפגעשטעלט און א שמייכעל געטאן. איך האב באוואוגען מיט מיינע ליפען, אבער איך האב ניט געקענט קיין ווארט ארויסריידען.

און איננעבארג האט זיך ווידער צולאכט און ערקלערט, אז זי איז געקומען צו מיר אין געסט, ווי זי האט צוגעזאגט. אויף צוויי חדשים געקומען.

— כא־כא־כא, יא; וואס־זשע מאכסטו, אקסעל?

איך דערלאנג איהר די האנט; איך קען נאך דערווייל ניט צוזאמענעמען מיינע געדאנקען. אויפ'ן פוטער און אויף איננעבארג'ס גאלדענע לאקען צוגעהן קלייניקע שנייעלעך. איננ־געבארג'ס שטימע איז געווארען שטארקער און קלינגענדער.

— זיי געגריסט איננעבארג!

— יא, יא, יא, — אקסעל, אקסעל! ווערסטו דען מיר ניט קיין קוש טאן? קוש־זשע מיך. לאנגע וואכען ווי איך חלום פון דעם קוש.

מיין הארץ שטארבט אין מיר אפ. איך קוש איננעבארג אין די ליפען און איך חלש.

מיטאמאל האב איך זיך אויפגעכאפט.

איך בין געלעגען אין צימער אויף דער טערקישער סא־פע. עס האט נעדונקעלט. אויף די פייכטע, שווארצע צווייגען פון די ביימער איז געלעגען שניי, א שפערלינג האט זיך געוויגט אויף א צווייג און דער שניי האט זיך געשאטען.

— איך וועל שוין קיין רוה ניט געפינען! — האב איך ארויסגעמורמעלט.

איך בין טויטליך מיעד, שוין איינינע טעג ניט געשלא־פען. אהן אויפהער האט דער דאזיגער געדאנק נארב'ט אין מיין קאפ, ביי טאג, ווי לאנג איך בין נאך געווען אויף די פיס, האב איך זיך געקענט פארגעסען, אבער אין שלאף בין איך גע־ווען אונבאשיצט. איך האב געזאגט צו זיך: אפילו אין שלאף געפין איך קיין רוה ניט. — מיר בלייבט קיין אנדער זאך ניט איבער. ניין, קיין פירשט טוט ניט אזוי, א באנקיר קען דאס יא טאן, אבער א פירשט ניט. אך, דאס איז בלויז נארישער אויסרייד! און דער שווארצער געדאנק האט געזיעגט!

(פארטזעצונג פאלגט)

קאטערס איז 42 דאלאר א וואך.

2) מינימום־פרייז פאר סקוירט־קאטערס — 40 דאלאר א וואך.

3) מינימום־פרייז פאר קלאוק־פרעסערס — 42 דאלאר א וואך.

4) מינימום פרייז פאר אונטערפרעסערס — 38 דאלאר א וואך.

5) מינימום־פרייז פאר סקוירט־פרעסערס — 38 דאלאר א וואך.

6) מינימום פרייז פאר סקוירט אונטערפרעסער — 33 דאלאר א וואך.

7) מינימום פרייז פאר קלאוק־אפרייטארס — 48 דאלאר א וואך.

8) מינימום־פרייז פאר סקוירט און דרעס־אפרייטארס — 44 דאלאר א וואך.

9 מינימום־פרייז פאר בייסטערס און שניידער — 28 דאלאר א וואך.

10) מינימום־פרייז פאר טרימערס 22 דאלאר א וואך.

11) מינימום־פרייז פאר פינישערס 37 דאלאר א וואך.

12) מינימום פרייז פאר באטאן־נייהערס — 20 דאלאר א וואך.

די איבען־דערמאנטע סקייל דארף אריין אין קראפט דעם 1טען דזשולייי.

דיזע פאדערונגען זיינען ניט אריינגעגעבען געווארען אום נאכדעם צו מאכען קאמפראמיסען. די באסטאנער קלאוקמאכער זיינען גרייט אויסצופיהרען זייערע פארלאנגען. ווי עס ווייזט אויס, וועלען די יעניגע מאנופעקטשורערס, וואס באלאנגען צו דער נייער אסאסיאיישאן, איינגאנצען נאכגעבען. זיי ציטערען פאר א סטרייק. די איבעריגע וועלען מוזען איינשטימען.

די סטרייק־קאמיטע האט יעצט כמעט די פולע מאכט איבער דער אנגעלעגענהייט. דזשייקאב וואהייט, מענעדזשער פון באסטאנער דזשאינט באארד, איז דער טשערמאן פון דער סטרייק־קאמיטע. ביים לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד זיינען צוגעזעצט געווארען צו דער סטרייק־קאמיטע צו נאך דעלעגאטען פון די אלע לאקאלס, אום צו העלפען אין דער נויטיגער ארבייט. דער פרעזידענט, ברודער בענדזשאמין קורלאנד, האט איבערגעגעבען דעם טשער צום טשערמאן פון דער סטרייק־קאמיטע, און אלעם פיהרט זיך שוין ווי אין מלחמה־צייט.

די סאלדאטען שטעהען גרייט. ביים דזשענעראל מאס־מיטינג, דינסטאג, האבען זיי געוואוט. א סטרייק וועט זיין. דאס איז זיכער. די באסטאנער קלאוקמאכער מוזען קריגען זייערע פאדערונגען.

דא איז א ליסט פון די קאמיטע, וואס וועלען האבען צו טאן מיט'ן סטרייק:

דזשענעראל סטרייק קאמיטע: מענעדזשער דזש. וואהייט, טשערמאן; א. ניומאן, סעקרעטערי.

האל קאמיטע: ב. קאפלאן, דזש. פלאשנער, טשערמאן; ה. ניומאן, ראזענפעלד, קאהען.

פיקעט קאמיטע: פאזען, טשערמאן; טאקמאן, ווייס פרעז.; ספרינסקי, מילער, סעקרעטער; נידעלמאן, מ. קאועל, איזענבערג, סטולמאן, ראיטער.

ארגאניזיישאן קאמיטע: גרינבערג, טשערמאן; פעלדמאן, ווייס פרעז.; מיס סטוירן, מ. קאהען, טוכמאן, ליבענבאום, כערגאלא. ע. פינקעלשטיין, ראבינס.

לאא קאמיטע: קורלאנד, טשערמאן; צידעקער, ס. פינקעלשטיין, קאופמאן.

סעטעלמענט קאמיטע: ראטשטיין, טשערמאן; ווס. טייטעלבוים, טאקמאן, סטיינבערג, מיס סטוירן, א. קאפלאן, ספיעגעל.

פרעס קאמיטע: ראטשטיין, טשערמאן; קורלאנד.

אינפארמיישאן קאמיטע: הערשקאוויץ, טסילער, מאקס פיינבלאט.

א. ראטהשטיין,
ב. קורלאנד,
פרעס קאמיטע.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די באריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם ליפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען, בריף־שרייבער און אזוי ווייטער.

אינגעבארג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארטזעצונג).

33

ווען דער ערשטער שניי איז געפאלען, איז צו מיר געקומען אן אומגליקליכער מענש און ער האט אנגעהויבען יאמערן.

דאס איז געוועזן איזאבעלא מיט די העלע רויטע האר און פארטרויליכע אויגען.

— אין א שפאס האב איך איהם געזאגט, אז ער האט פאר מיר חתונה געהאט פון פארצווייפלונג, אבער איצט איז עס שוין מעהר קיין שפאס ניט. א, ווי איך בין אומגליקליך! איך האב חתונה געהאט פאר א משוגע'נעם. ער רעדט פון שלאף, זידעלט זיך מיט עפעס א פרוי, רופט זי ליגנערין, יאמערט, רופט זי מיין ליעבע, מיין טייערע! הארי איז א פארלאזענער, איך בין זיכער אין דעם. איך בין א סוראגאט און מעהר גארנישט. שטעל דיר פאר, איך א סוראגאט!

זי יאמערט אהן אן אויפהער.

— הארי איז פארלארען. שוין לאנג ווי ער איז משוגע. ווען ער לאכט, איז א סימן, אז ער איז שכור; אפשר צוואנציג גלעזלעך קאניאק טרינקט ער יעדען טאג! ער קען שוין מעהר אויפן פידעל ניט שפיעלען, איהר וואלט זיך צולאכט, ווען איהר זאלט איהם הערען. און ער איז דאך געוועזן א ווירטואז! זיינע קאמפאזיציאנען זיינען גאר נישט ניט ווערט. בלויז טיילמאל שפיעלט ער נאך גוט, ווען ער שפיעלט אין אווענד אין איך זיץ און הער זיך צו. ער קוקט אויף מיר. „איך שפיעל ניט פאר דיר", זאגען זיינע אויגען. איינמאל האט ער עס אפילו מיר געזאגט, ער האט ניט געוואלט, דאך האט ער עס געזאגט.

זי האט געיאמערט און געיאמערט. איך האב זי געלאזען וויינען.

—אך, מיט א פאר וואכען צוריק איז געוועזן וואונדערבאר גוט. ער האט געזאגט, אז איך האב איהם געראטעוועט. אבער איצט פאהרט ער אויף גאנצע טעג אוועק אין אויטאמאביל. שטעל דיר פאר, אז ער וואס איז אזוי נערוועז, וואס קען אפילו ניט געהן איבערן וועג, לויפט אוועק ביי נאכט אין שניי. וואוהין? איך ווייס ניט. דערנאך קעהרט ער זיך אום אהיים, שמייכעלט אין זיך און די אויגען לויכטען. א, ווי שווער איז מיר צו קוקען אויף דעם שמייכעל, אויף דעם גלאנץ פון זיינע אויגען.

זי האט אלץ געיאמערט און געיאמערט.

דאס איז געוועזן אזא גוטער מענש, אזא וואוילער יונג. איך האב איהם מיט איינינע יאהר צוריק געזעהן, ער האט געשפיעלט... אך, דאס איז געוועזן יוגענד, ליכטזיניגקייט, גלאנץ, שיין — און איצט...

איך האב זי געפרעגט:

— פאר וואס פארלאזטו איהם ניט?

זי האט אנגעשטרענגט א קוק געטאן אויף מיר — וואס הייסט? — איך האב דאך איהם ליעב.

און איך האב געזאגט: אויב אזוי, זיי גוט צו איהם אויף וויפיעל דו קענסט נאר אליין, צערשטריי איהם, פאהר מיט איהם אוועק, וואו ער אליין וויל נאר.

— יא, אבער ווייסטו, אקסעל, מיט וואס באצאהלט מען מיר פאר מיין ליעבע?

— דו דארפסט זיין שטענדיג ארום איהם — האב איך געענטפערט.

זי האט א קוק געטאן אויף מיר. זי האט עס ניט פארשטאנען.

איך גיה פארלארען! — האט זי געיאמערט.

א גרויסער מכשף האט אנגעשריבען א בוך, אזא וואונדערליכם און שעהנס, אז יעדער וואס לעזט עס דורך מוז שטארבען. אלע לעזען דאס בוך, כאטש זיי ווייסען, אז אויך זיי וועלען שטארבען.

.34

מיין צישטאנד האט זיך ניט פארבעסערט, ניין!

טיילמאל האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז מיר איז בעסער, אבער איך האב געהאט א טעות. איך האב פיעל געארבייט. איך קען זאגען, אז קיינמאל אין מיין לעבען האב איך אזוי פיעל ניט געלעזען און ניט געוועזן אזוי פיעל פארנומען, ווי דעם ווינטער. איך האב שטודירט די וויטסטע לענדער, געלעזען זייערע שפראכען, ווייל עס האט געקענט זעהר גוט פאסירען, אז איך זאל אין גיכען זיך לאזען אהין, וואו עס זיינען נאך ניטא קיין אייזענבאהנען. איך האב ניט קיין שום באשטימטען בארוף, קיין טום באשטימטע פעהיגקייטען און טאלאנטען, מיר פעהלט שטימונג און צייט דערפאר. איך שטאם פון אן אלטער, ענטארטעטער פאמיליע, איך באלאנג צו דעם קלאס מענשען, וואס שטארבט שטופענווייז אפ.

יא, איך האב פיעל געארבייט.

איך האב געארבייט, אום זיך צו פארגעסען. איך בין געגאנגען אויף יאגד. ארומגעשלעפט זיך און זיך ווי ניט איז בארוהיגט. אבער מיט אמאל האט אינגעבארג זיך באוויזן פאר מיר אזא באצויבערענדע, אזא שעהנע, אז מיין רוה איז גלייך פארשוואונדען און דער טרויער האט באהערשט מיין הארץ, און עס איז געווען קלאר, אז איך בין ביים ראנד פון אפגרונד און אז קיינמאל וועל איך שוין ניט האבען קיין זעלבען־רוה.

איך האב אינגעבארג געשריבען פיעל בריעף, אבער קיין איינעם אפילו ניט אוועקגעשיקט; בלויז אום זיך אליין צו בארוהיגען האב איך זיי געשריבען.

איין בריעף האב איך אזא אויפגעשריבען:

„אינגעבארג, א פינסטערער געדאנק איז געבארען געווארען אין מיר, שטענדיג קעמפ איך מיט איהם. דער געדאנק פארפיהרט און פארדונקעלט מיר מיין פארשטאנד — רופט און לאקט מיך — איך קעמפ מיט איהם — דאס איז א שווערער, פארצווייפעלטער קאמף.

העלף מיר! מיט יעדען טאג איבט דער געדאנק אויס א גרעסערע איינפלוס אויף מיר. ער לאכט שוין מעהר ניט, ער זידעלט זיך, מאכט חוזק, לאכט פון מיר און האט הנאה פון מיינע לײדען."

א צווייטען בריף האב איך געשריבען אזוי:

„קום צוריק אינגעבארג, אינגעבארג! איך שטרעק אויס צו דיר מיינע הענט. דא איז דיין פאטערלאנד.

קום צוריק, קום צוריק! א טויער פון רויזען וועל איך בויען פאר דיר, אויף יעדען בוים אין וואלד וועט נועהען א העלע פאהן, טויזענד ליכט וועל איך אין דיין כבוד אנצינדען אין יעדען זאל, איך וועל זיך ווארפען פאר דיר אויף די קני און מיט מיינע טרערען באנעצען דיינע פיס און מיט קושען זיי מאכען טרוקען. אינגעבארג — וועל איך פרעגען — ביסטו עס דא? זיי געבענשט. איך בין דיינער! קום צוריק, קום צוריק, אינגעבארג; איך בין אויפ'ן ראנד פון אונטערגאנג, מעהר קיין כחות איז נישטא, איך בעט דיך — איין ווארט, אן איין איינציג ווארט."

מיט טרערען אין די אויגען האב איך דעם בריעף געשריבען.

דערנאך האב איך אויפגעשריבען נאך א בריעף:

„אינגעבארג, ניט וועגען ליעבע רעד איך צו דיר איצט. ניין, איך וויל זיך מודה זיין פאר דיר, אינגעבארג, מודה זיך זיין! איך האב פארברעכערישע פארלאנגען, אינגעבארג, פארברעכערישע געדאנקען. מיר וואלט זיך וועלען דיך ארומנעהמען ביי דער טאליע און צודריקען צו זיך. נאך איין איינציג מאל! מיר וואלט זיך וועלען זעהן דיין קעפעל און לייכט עס א גלעט טאן, לייכט א גלעט טאן דיין ליעב, געטליך קעפעל, מיר וואלט זיך וועלען דיר א קוש טאן אין די ציין, בלויז איין מאל, איין מאל! אט וואסער מענש איך בין! אינגעבארג, נאך איינמאל וואלט איך וועלען מיט די ציין צופאלען צו דיין ברוסט — נאך איינמאל וואלט איך וועלען מיט דיר פארברענגען א נאכטליכע שעה.

אבער שלעכטע געדאנקען זיינען אויסגעוואקסען אין מיין קאפ, א בייזע האנד האט זיי פארזעצט און איך קען גארנישט ניט טאן געגען זיי. אפטמאל דאכט זיך מיר, אז דו ביסט זיך שלעכט באגאנגען געגען מיר.

אבער מיטאמאל האט מיין הארץ אנגעהויבען צו קלאפען, אזוי שטארק צו קלאפען מינוטען לאנג, אז איך בין געווארען גענוג באשטראפט. זיי געזונד!

איך האב דיך ליעב! אפטמאל קוש איך די קישענס, די ערטער..."

דערנאך האב איך אויפגעשריבען נאך איין בריעף, איך האב איהם אויפגעשריבען אין שרעק. „א, פריינד מיינע, פריינד מיינע! א, ווען איהר זאלט אלץ ווייסען! איך פיהל נאך יעדען קוש, יעדען האנט־דרוק, יעדען בליק. ווי טראפענס טריפען זיי אריין אין מיין הארץ. איך פיהל אלץ, אלץ! זאגט, פאר וואס מאטערט איהר מיך! איהר וועט מיך צום טויט פארמאטערען, צום טויט, צום טויט!"

איך האב געארבייט אונערמידליך, ניט געלאזט, אז עפעס זאל מיר שטערען. פיעל שורות איז אויסגעקומען צו לעזען צו צוואנציג מאל; איך האב זיך געצוואונגען עס צו טאן.

35

דאס איז געוועזן ביי נאכט אין וואלד, ארום זיך האב איך געזעהן בלויז שניי. איך האב דערהערט עמיצענס טריט. דאס איז געוועזן ניט ווייט פון מיין הויז. עמיצענס א שטימע האט געקלונגען ארום מיר. די שטימע האט אונטערגעמורמעלט. איך האב ניט געוואלט הערען די שטימע. זי האט געפליסטערט: איך האב זי געזעהן, זי טראגט א ברייטען, גרויען, פוטערנעם קאלנער. זי איז אזוי שעהן און אונגעוועהנליך, אז אלע קוקען זיך אום אויף איהר. עמיץ איז געגאנגען צוזאמען מיט איהר, ער איז א הויכער און האט רויטע האר.

מיין אטעם האט זיך אפגעשטעלט. מיין הארץ האט געגערט מען קלאפען איך האב זיך אונטערגעהערט, כאטש איך האב ניט געוואלט הערען. און די שטימע האט געצווינגען, געלאקט.

— איך האב זי אפט געזעהן, אפט. איך האב זי געזעהן

א גאַנצען טאָג האָט עס גענומען די פאַרשיעדענע אַמעריקאַנער דעלעגאַטען ערקלעהרען די מעקסיקאַנישע, אז זיי פאַרלאַנגען עטוואָס אונמעגליכעס, אז די א. וו. וו. איז אימער פיינדליך געווען צו דער א. פ. אָוו ל. און דאָס זי האָט אימער אָפען געשטרעבט צו דער פאַרניכטונג פון דער א. פ. אָוו ל.

פרעזידענט גאָמפערס אין זיין רעדע וועגען אָט דעם ענין האָט זיך דאָן, ווי פאָלגט אויסגעדריקט:

„עס איז זעהר שעהן פאַר איינעם צו זאָגען: וואָרום ניט געבען דיעזע מענשען, די א. וו. וו., די געלעגענהייט צו לעבען און צו ענטוויקלען זייער אייגענע פּראָפּאַגאַנדע, ווי זיי ווינשען? אָבער איך וויל אייך דאָס זאָגען, מיינע פריינד, דאָס מיר האָבען איין ארבייטער־באַוועגונג, א געשלאָסענע, א קאָמפּאַקטע און אַן ענטשלאָסענע, אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען. און ווייל מיר האָבען איין ארבייטער־באַוועגונג אין אַמעריקא, פאַרנעהמען מיר א שטעלונג פון מאַכט און איינפלוס, אום צו ברענגען א בעסערע צייט אין די לעבענס פון די ארבייטער פון אונזער לאַנד.

„די א. וו. וו. אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען זיינען פונקט, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען אין רוסלאַנד, און מיר האָבען געזעהן, וואָס די א. וו. וו.־באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד האָבען אויפגעטאָן פאַר די ארבייטער פון רוסלאַנד, וואו דאָס פאָלק האָט ניט קיין פרידען, קיין זיכערהייט, קיין לאַנד און קיין ברויט“.

עס איז קלאָר, אלזא, וואָרום דער ערשטער טייל פון דער רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט אַמניסטיע פאַר א ל ע, האָט קיין שאַנס ניט געהאַט, אפילו ווען שלעזינגער'ס רעדע וואָלט געווען הונדערט מאָל אַזוי בערעדזאַם און אַזוי ריהרענד, ווי זי איז געווען. די א. פ. אָוו ל., און וואָס איז נאָך וויכטיגער, גאָמפּערס, באַטראַכט די א. וו. וו. פאַר אַן אומגליק פאַר די אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג, און עס וואָלט שוין געווען גאָר „צו שעהן“, אז ער זאָל דערלאָזען, אז די אַמעריקען פעד. אָוו ל. זאָל זיך איינשטעלען פאַר זייער באַפרייאונג.

דערפאַר האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען פול און גאַנץ די צווייטע העלפט פון דער רעזאָלוציע פון דער אינטערנעשאָנאַל, אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט אָנצונעהמען אירגענד א רעקאָמענדאַציע פאַר אַן אַלגעמיינער אַמניסטיע. עס זיינען דאָ פעלע, האָט די קאָמיטע ערקלערט, וועלכע פאַרדיענען באַטראַכט צו ווערען, און וואו א באַגנאַדיגונג איז אַם פּלאַץ, אָבער עס זיינען דאָ פיעלע פעלע, וואו די אַרויסגעגעבענע אורטיילע זיינען פאָלשטענדיג בארעכטיגט.

דאָס האָט מען געמיינט ניט קיין אַנדערע, ווי די א. וו. וו.

עס איז דאָרום קלאָר, אז די קאָנווענשאָן האָט געהאַנדעלט אַזוי ווי זי האָט געמוזט. אָבער דאָס נעהמט ניט אַוועק א האָר פון דעם קרעדיט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע האָט זיך אין דעם פאַל ערהויבען איבער די קליינליכע חשבונות און געפאָדערט גערעכטיגקייט פאַר אַלע, ווער זיי זאָלען ניט זיין.

און אונז דאַכט זיך, אז אמת'ע עהרע קומט אונזער דעלעגאַציע פאַר די לעצטע רעזאָלוציע, כאָטש זי האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אז זי וועט ניט דורכגעהן. וועניגסטענס וועט פאַרצייכענט ווערען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־באַוועגונג, אז כאָטש איין גרויסע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקא האָט געפאָלגט דעם גרויסען ביישפּיעל פון דער גאַנצער ארבייטער־באַוועגונג אין אייראָפּאַ, און געפאָדערט פאָלשטענדיגע באַפרייאונג פאַר אַלע פּאָליטישע פאַראורטיילטע אין דער צייט פון דער מלחמה.

א פּראָטעסט רעזאָלוציאָן

„מיר, די ארבייטער פון די „עס־על־דרעס קאָמפּ., פאַרזאַמעלט ביי א שאָפּ־מיטינג, פּראָטעסטירען געגען דער שענדליכער האַנדלונג פון דעם זאָגענאַנטען ארבייטער קאָנסיל, וועלכער, מיט זיינע האַנדלונגען וויל צוברעכען די וויסט און דרעס מאַכער יוניאָן, וועלכע איז מיט שווערער מיהע אויפגעבויט געוואָרען“.

רעזאָלוציאָנס קאָמיטע:

דייוו סילווער, סעם גאָפּין,

און גלעדסטאָן.

טרייד יוניאָנס און בילדונג

פון דזשוליעט סטוּאַרט פּאָינטץ.

די פיעלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע האָבען געהאָלפען אויפבויען א בילדונגס־באַוועגונג אין זייערע יוניאָנס, מעגען געוויס זיין צופרידען מיט דער אנערקענונג, וואָס זייער ארבייט באַקומט אין דער טרייד־יוניאָן וועלט. די ארבייט פון עטליכע יאָהר האָט דאָך געבראַכט רעזולטאַטען, דערמיט וואָס די אידעע פון ארבייטער־בילדונג פאַרשפּרייט זיך אין די ווייטסטע קרייזען פון דער ארבייטער־באַוועגונג.

ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערייש'אָן אָוו לייבאָר האָט פאַני פרידמאַן, פון לאָקאַל 25, אָפּגעגעבען א באַריכט וועגען דער ארבייט פון בילדונגס־דעפּאַרטמענט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. איהר רעפּאָרט איז זעהר ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען און די פעדערייש'אָן האָט באַשטימט א קאָמיטע צו באַטראַכטען די נייע אויפטואונגען פון די טרייד־יוניאָנס אין באַצוג צו בילדונג. דיעזע קאָמיטע האָט יעצט נאָר־וואָס איבערגעגעבען איהר באַריכט צו דער יעצטיגער קאָנווענשאָן פון דער פעדערייש'אָן און האָט אויך געמאַכט איינינע רעקאָמענדאַציאָנען, וועלכע זיינען אריין אין דעם רעפּאָרט פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל. די ארבייט פון אונזער לאָקאַל 25 איז שטאַרק אינדאָסירט געוואָרען פון דער פעדערייש'אָן־קאָמיטע, וועלכע האָט רעקאָמענדירט, דאָס עהנליכע טעטיגקייטען זאָלען אויך פאַרשפּרייט ווערען אין אַנדערע שטעדט, אונטער דער אויפזיכט פון אָרגאַניזירטע ארבייטער־קערפּערשאַפטען. אָט וואָס דער רעפּאָרט זאָגט:

„אום צו געבען א סך־הכל פון אונזערע אַלגעמיינע באַשליסע, רעקאָמענדירט די קאָמיטע, דאָס די צענטראַלע ארבייטער־קערפּערשאַפטען, דורך אונטערהאַנדלונגען מיט די באָאַרדס אָוו עדיוקיישאָן אָדער דורך א פּאָפּולערען פאַרלאַנג זאָלען באַקומען גרעסערע מעגליכקייטען פאַר בילדונג פאַר ערוואַקסענע; זיי זאָלען אַנווענדען אַלע מעגליכקייטען צו קריגען פון די פּאַבליק־סקוהלס ליבעראַל־געפיהרטע קלאַסען אין ענגליש, פּאַבליק ספּיקינג, פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצע, עקאָנאָמיע, אינדוסטריעלע געזעצגעבונג, געשיכטע פון אינדוסטריע און פאַרשיעדענע אַנדערע געגענשטאַנדען, וועלכע א געוויסע צאָהל ארבייטער וועט פאַרלאַנגען. די שטונדען און דער פּלאַץ פון דיעזע קורסען מוזען זיין באַקוועם פאַר די ארבייטער. אויב די פּאַבליק סקוהלס ווילען ניט מיטווירקען צו אָרגאַניזירען די פאַרלאַנגטע קורסען, דאַן זאָלען די צענטראַלע קערפּערשאַפטען אַליין אָרגאַניזירען די קלאַסען, מיט אַזוי פיעל מיטווירקונג פון די פּאַבליק סקוהלס וויפיעל זיי קענען באַקומען. פאַראינטערעסירטע לאָקאַלע יוניאָנס זאָלען אַליין אָנפאַנגען די ארבייט, אויב נויטיג.“

„איין זאַך, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער קאָמיטע, וואָס האָט באַזוכט די קלאַסען פון דער לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אין ניו יאָרק, איז דער געפיהל צווישען די שילער, דאָס די קלאַסען באַלאַנגען צו זיי; זיי פיהלען זיך ווי אין דער היים; זיי האָבען א קאָלעקטיווען שטאָלץ פאַר זייערע קלאַסען. דאָס צייגט די מעלה פון די קלאַסען. אָבער צו דער זעלבער צייט צייגט דאָס אויך די חסרונות פון אונזערע פּאַבליק־סקוהלס, און דיעזע חסרונות עקזיסטירען ניט נאָר אין ניו יאָרק. ווען א בירגער געהט פאַרביי א פּאַבליק סקוהל־הויז דאַרף ער ביי זיך פיהלען: אָט איז אַן אינסטיטושאָן, וועלכע געהערט און וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען צו דיענען מיינע מיטבירגער און מיר... די קורסען, וועלכע ווערען געגעבען, זיינען פון קלענערער וויכטיגקייט. די הויפּט־זאַך איז דער פונדאַמענט, דער גרונד־פּרינציפּ אויף וועלכען די ארבייט איז אָרגאַניזירט, איהר האַלטען זיך אָן דעם שטאַנדפּונקט פון טרייד־יוניאָניזם און טובת הכלל („פּאַבליק פּאָליסי“).

דאָס קערענדעל, וואָס מיר האָבען פאַרפלאַנצט אין אונזער אייגענער אָרגאַניזאַציאָן, האָט זיך צוּוואַקסען און דערגרייכט אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג, און וועט נאָך א מאָל שעהנע פרוכטען געבען. דאָס איז געשעהן מיט דריי און א האַלב יאָהר צוריק, נאָך דעם סטרייק פון די וויסט און דרעסמאַכער אין 1916, ווען א גרופּע מעמבערס פון יענעם לאָקאַל האָבען פאָרגעשלאָגען די אידעע פון בילדונגס־ארבייט אין דער יוניאָן. אַן אונגעוואוסטע מוטלאָזיגקייט און אונצופרידענהייט האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער אָרגאַניזאַציאָן אלס א נאָכווערעניש פון סטרייק. מען האָט באַדאַרפט עפּעס טאָן, אום אויפצומונטערען די איינינקייט צווישען די מעמבערס. אויסער דעם האָט מען געפיהלט, דאָס די אָרגאַניזאַציאָן דאַרף עפּעס טאָן צו ענטוויקלען דעם גייסט פון די ארבייטער, זיי זאָלען זיין יוניאָן־לייט דורך עפּעס מעהר ווי א דיוס־קאַרד. אַזוי אַרום איז דער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט פון לאָקאַל 25 געגרינדעט געוואָרען.

וואָס האָט מען געזאָלט טאָן? בילדונג איז געווען נויטיג, אָבער ווי אַזוי און וואו האָט מען עס געקענט באַקומען? אין די קליינע און איבערגעפּאַקטע לאָקאַל העדקוואָדערס איז קיין פּלאַץ פאַר קיין קלאַסען ניט געווען. מען האָט באַדאַרפט עפּעס מעהר ווי קלאַסען, אום אויפצומונטערען די נשמה פון דער אָרגאַניזאַציאָן. בילדונג אין די טרייד יוניאָנס מוז געבען עפּעס קרעפטיגעס, מוז זיין אי פּראַקטיש אי טעאָרעטיש, און מוז אַפּעלירען אי צום האַרץ אי צום שכל. און אַזוי אַרום איז אין דעם ערשטען יאָהר פון דער בילדונג־באַוועגונג די „יוניטי“ באַוועגונג געבאָרען געוואָרען, מיט דער „יוניטי הויז“ אויף פיין היל און די ערשטע סקוהל אין „יוניטי סענטער“ אין ניו יאָרק. אין דעם שעהנעם זומער־הויז אויף פיין היל האָבען די וויסט און דרעס מאַכערס געפונען פרייד, שעהנקייט און באַגייסטערונג. דאָ האָבען זיי געלערענט זאַכען, וואָס מען קען אין קיין ביכער ניט געפינען. זיי האָבען געקראָגען נייע האָפנונג און באַגייסטערונג פאַר זיך און פאַר זייער יוניאָן. וועהרענד זיי זיינען אַרום ברענענדע קאַמינען געזעסען און אַלטע האַלב־פאַרגעסענע לידער געזונגען, האָבען זיי די אַלטע צאַנקערייען און קליינע קריגערייען פון שאָפּ פאַרגעסען. דאָ איז אַלעס ליעבשאַפט און גלויבען געווען. דאָ זיינען אַלע שוועסטער און ברידער געווען, געהאָלפען איינער דעם צווייטען און געאַרבייט פאַר בעסערע און העכערע ציעלען. די ערשטע „יוניטי הויז“ איז געווען אַן ענטדעקונג.

בילדונג האָט שוין יעצט געמוזט אַליין קומען. בילדונג, קאָאָפּעראַציאָן, אָרגאַניזאַציאָן זיינען געוואָרען די שלאַגווערטער. א גרעסערע „יוניטי הויז“, א קאָאָפּעראַטיווע היים און סקוהל אין שטאָט, א באַוועגונג פאַר די פאַרבעסערונג און פאַרשטאַרקערונג פון דער יוניאָן־אָרגאַניזאַציאָן — אָט דאָס אַלעס איז געווען אין בילדונגס־פּראָגראַם. אַך, ווי שטאַרק דער פאַרלאַנג און באַגעהר פאַר א „יוניטי הויז“ אין ניו יאָרק איז דאַן געוועזען! דער געפיהל פון גוטברודערשאַפט און איינינקייט האָט געזוכט א פּלאַץ, וואו ער זאָל זיך קענען ענטוויקלען; א פּלאַץ, וואו מען זאָל קענען זינגען צוזאַמען; א פּלאַץ צו שטודירען און לערנען צוזאַמען; א פּלאַץ צו ארבייטען און אָרגאַניזירען צוזאַמען.

נויטווענדיגקייט האָט דעם לאָקאַל 25 אַן פּאַבליק סקוהל געפיהרט. אַזוי שנעל אָבער ווי די יוניאָן איז אַהין אריין, האָט עס אויפגעהערט א פּאַבליק־סקוהל צו זיין. די סקוהל איז געוואָרען דער לאַנג־געטרוימטער צענטער, אין וועלכען דער גייסט פון „יוניטי הויז“ האָט זיך געקענט פאַרשפּרייטען. דאָ זיינען פאָרגעקומען שאָפּ מיטינגען, אָרגאַניזאַציאָנס מיטינגען, קלאַסען, לעקטשורס, טענץ, „רעיוניאָנס“; קיין שום יוניאָן־טעטיגקייט האָט דער „יוניטי צענטער“ ניט דורכגעלאָזט. די מעמבערס האָבען זיך געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים אין זייערע נייע העדקוואָדערס. זיי האָבען זייער נייעם „יוניטי צענטער“ ליעב באַקומען און האָבען כמעט פאַרגעסען, אַז דאָס איז ניט זייער אייגענע פּריוואַט־אייגענטום. אָפט האָבען זיי גע'חלומ'ט וועגען דעם טאָג, ווען זיי וועלען אַן אייגענע געביידע האָבען, וואו זיי וועלען רעוואָלוציאָנערע סאָלידאַריטעט אויפבויען.

אין דער קורצער צייט פון צוויי יאָהר האָט זיך די „יוניטי“־באַוועגונג איבער דער גאַנצער אינטערנעשאָנאַל פאַרשפּרייט. אַנדערע סקוהלס זיינען אין פאַרשיעדענע טיילען פון שטאָדט געגרי־ מען געוואָרען און דורך דער יוניאָן אין „יוניטי צענטערס“ פאַרוואַנדעלט געוואָרען. לעקטשורס פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דער ארבייטער באַוועגונג האָבען געהאָלפען מאַכען דעם ארבייטער פעהיגער פאַר דער קלאַסען־מלחמה. פיזישע איבונגען האָבען געהאָלפען אויסגלייכען די קערפּערס, וועלכע זיינען דורך שטענדיגער ארבייט אין שמוציגע, ענגע שעפּער צוזאַמענגעבראָכען. דורך מאַס־מיטינגען און אונטערהאַלטונגען איז די גרויסע ארבייטער־פאַמיליע צוזאַמענגעבראַכט און פאַרשטאַרקט געוואָרען.

די אויפקלעהרונגס־ארבייט פון לעצטען יאָהר, ווען די נייע אידעען זיינען אויסגעפּרובירט געוואָרען אויף א גרויסען מאַסשטאַב, איז געווען א ריעזיגער ערפאָלג. דאָס אַלעס באַשטעטיגט, דאָס דעם ארבייטער'ס דורשט פאַר זעלבסט־אויסדרוק און זעלבסט־פאַרבעסערונג קען געשטילט ווערען נאָר דורך בילדונגס־טעטיגקייט, וועלכע ווערען אָנגעפיהרט און קאָנטראָלירט דורך די ארבייטער זעלבסט אין דעם גייסט פון דער ארבייטער־באַוועגונג. די „יוניטי צענטערס“ און די צענטראַלע קלאַסען אין וואַשינגטאָן אירווינג היי סקוהל האָבען דערגרייכט טויזענדע ארבייטער פון גאַרמענט טרייד און האָט זיי צוגעשטעלט אַזעלכע גייסטיגע שפּייז, וואָס זיי האָבען אַנדערשוואו ניט געקענט באַקומען.

די אידעע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין פילאַדעלפיאַ, און אַן ערפאָלגרייכער „יוניטי צענטער“ איז דאָרט געעפענט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון לאָקאַל 15. די אויפקלעהרונגס־באַוועגונג פון דער אינטערנעשאָנאַל איז אַזוי שנעל געוואַקסען, דאָס דער פאַרלאַנג פון פיעלע מעמבערס האָט ווירקליך ניט געקענט באַפרידיגט ווערען. פּלענער פאַר „רייזענדע לייברעריס“, פילמס, טעקסט־ביכער און אַנדערע וויכטיגע אונטערנעהמונגען האָבען געמוזט אָפּגעלעגט ווערען אויף שפּעטער. וואָס מען טוט, מוז זיין גוט און פאָרזיכטיג געטאָן. דער פונדאַמענט מוז זיין שטאַרק, די געביידע קען מען שפּעטער בויען.

דער קאָאָפּעראַטיווער טייל פון דער בילדונגס־באַוועגונג איז געווען ניט ווייניגער ערפאָלגרייך. לאָקאַל 15 פון פילאַדעלפיאַ האָט אַן אייגענעם הויז פאַר 40 טויזענד דאָלאַר. די באָסטאָנער וויסט־מאַכערס האָבען, טראָץ זייער קליינער צאָהל, זיך אונטערגענומען א „יוניטי הויז“ צו שאַפען. לאָקאַל 25 שטאָלצירט מיט זיין 85,000־דאָלאַרדיגען „מאַיאַנטעו“ אין „פאָרעסט פּאַרק“. די מעמבערס האָבען אויך אָנגעפאַנגען א באַוועגונג פאַר קאָאָפּעראַטיווע היימען אין ניו יאָרק און פילאַדעלפיאַ.

אַנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען פאָלגען שנעל נאָך דעם ביישפּיעל פון דער אינטערנעשאָנאַל. די אַמאַלגאַמייטעד, די קעפּמייקערס יוניאָן, דער ארבייטער רינג האָבען זיך פאַראייניגט מיט עטליכע קלענערע אָרגאַניזאַציאָנען און האָבען געשאַפען א „פאַראייניגטע ארבייטער־בילדונגס קאָמיטע“ מיט זעהר אַמביציעזע פּלענער פאַר „קונסט, ארבייט און וויסענשאַפטס־צענטערס“ און פאַר אַן ארבייטער־טעאַטער. א טרייד יוניאָן קאָלעדזש איז געגרינדעט געוואָרען אין באָסטאָן אונטער דער אויפזיכט פון דער באָסטאָנער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, מיט דער הילף פון איינינע פּראָפעסאָרען פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט. קורסען אין עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, ליטעראַטור, געשיכטע, טרייד־יוניאָניזם און פיעלע אַנדערע געגענשטאַנדען ווערען יעצט געפלאַנעוועט פאַר די באָסטאָנער ארבייטער. באַגייסטערט פון דער ארבייט פון לאָקאַל 25, האָט די „וואָמען'ס טרייד יוניאָן ליעג“ פון שיקאַגאָ פאַר די לעצטע צוויי יאָהר געעפענט קלאַסען אין די דאָרטיגע פּאַבליק־סקוהלס. די אינטערנעשאָנאַל מעג געוויס שטאָלצירען מיט דעם איינפלוס, וואָס זי האָט געהאַט אויף דער אַלגעמיינער ארבייטער־באַוועגונג פאַר ארבייטער־בילדונג. אויך מעג זי זיין צופרידען מיט דעם אמת'ען און גרויסען ערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט אין איהרע אייגענע לאָקאַלס.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1 per year.
Vol. I. No. 24 — Friday, June 27, 1919.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די אימיגריישאן-פראגע אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.

אזוי ווייט, ווי מיר ווייסען, איז אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. די פראגע פון דער אימיגריישאן נאך קיינמאל ניט דיסקוטירט געווארען. די עקזעקוטיוו קאמיטע פלעגט אריינברענגען איהר רעפארט, אין וועלכען זי האט געוועהנליך רעקאמענדירט די גרויסע רפואה צו אלע צרות פון די אמעריקאנער ארבייטער, נעמליך, דאס פארשפארען די טויערען פון אמעריקא פאר די ביליגע ארבייטער פון אייראפא, און די קאנווענשאן פלעגט קיינמאל ניט געפינען דאס מינדעסטע וואס איינצואווענדען געגען אזא באשיינפערלאך-טייערען פארשלאג. ער פלעגט אנגענומען ווערען איינשטימיג, אלס א גרונד-פרינציפ, וועגען וועלכען עס קענען גאר קיין צוויי מיינונגען ניט זיין.

דאס מאל איז עס געווען א ביסעלע אנדערש. דאס מאל האט דער אנטי-אימיגראנטען-פארשלאג ארויסגערופען א גאנץ ווארימע דיסקוסיאן, און ארויסגערופען איהר האט ניט קיין אנדערער ווי ברודער מ. גארנשטיין, איינער פון אונזערע דעלעגאטען פון דער אינטערנעשאנאל.

פאר וואס די אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר איז געגען אימיגריישאן, אדער, ווענינגסטענס, פאר א שטארק באשרענקטער אימיגריישאן, דאס איז דאך קלאר. אמעריקע — איז דער געוועהנליכער ארגומענט — האט גענוג איהרע איינענע מיילער צו קארמענען, און זי קען ניט דערלאזען, אז „פרעמדע" זאלען קומען אהער און ארויסרייסען פון איהרע אייגענע דעם ביסען ברויט פון מויל. ווארים עס איז דאך אן אונבעשטרייטבארער פאקט, אז ווען אויף איין דזשאב זיינען דא פיעלע קאנדידאטען, מוז דער פרייז פון דעם דזשאב שטארק פאלען. דערפאר זיינען די קאפיטאליסטען פאר אלץ א גרעסערער אימיגריישאן. און, זעלבסטפארשטענדליך, מוזען די ארבייטער זיין געגען אימיגריישאן.

אין דער לעצטער צייט זיינען צוגעקומען נאך א פאר ארגומענטען: ערשטענס, דארף מען זעהן צו קריגען דזשאבס פאר אונזערע צוריק-קומענדע סאלדאטען און מאטראזען. זיי זיינען דאך געוויס בארעכטיגט צו א דזשאב. יעדענפאלס זיינען זיי בילכער, ווי די „פרעמדע". און עס איז דאך זיכער, אז ווען מען וועט לאזען אמעריקא פארפלייצט ווערען פון דעם גרויסען אימיגראנטען-שטראם, וואס רייסט זיך אזוי שטארק אין אמעריקא, וועלען ניט נאר די סאלדאטען און די מאטראזען ניט קענען קריגען קיין דזשאבס, נאר גאר פיעלע, פיעלע, וואס האבען איצט ארבייט, וועלען פארלירען זייער באשעפטיגונג דורך די קאנקורענץ פון די הונגעריגע „פרעמדע". א צווייטער ארגומענט איז, דאס איצט, אז גאנץ אייראפא איז אזוי אונרוהיג, איז געפעהרליך פשוט פאר אונזער אמעריקא מיט אלע איהרע פרייע אינסטיטוציאנען צו לאזען אריינקומען אט דעם געוואלדיגען שטראם פון די באלשעוויסטישע בארבארען. זיי קענען נאך דא אלעס איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראפ; און מיר האבען איצט גענוג צרות פון די היימישע באלשעוויקעס, און ביז מיר וועלען זיי „אמעריקאניזירען" און אסימילירען, קענען מיר ניט נעהמען אויף זיך די לאסט פון פרישע נייע מיליאנען.

די דאזיגע ארגומענטען זיינען זעהר פשוט'ע, לעגען זיך אויפ'ן שכל, און זיי זיינען געווארען כמעט א טראדיציע ביי די אמעריקאנער ארבייטער, וואס זיינען ארגאניזירט אין דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר.

דערפאר איז עס געווען ווירקליך א געוואגטקייט פון דער זייט פון ברודער גארנשטיין זיך צו שטעלען געגען דעם. נאטירליך, האט ברודער גארנשטיין אויף איין מאמענט ניט געשמייכעלט זיך, אז ער זאל קענען באקעהרען די קאנווענשאן דורך א קורצער רעדע צו א פארקעהרטער אנזיכט, אבער ער האט געגלויבט, אז עס איז נויטיג איינמאל פאר אלע מאל צו לאזען וויסען דער קאנווענשאן, אז אט דער פארשלאג פון אנטי-אימיגריישאן אדער פון אפהאלטען די אימיגריישאן פאר א געוויסער צייט איז בשום אופן ניט אזעלכער, צו וועלכען אלע ארבייטער זיינען מסכים.

און אין א קורצער רעדע, אלס געוועזענער אימיגראנט, און איצט אלס אמעריקאנער, האט ער ערקלעהרט, אז ער דענקט ניט, אז דער פיינד פון די אמעריקאנער ארבייטער איז דער אימיגראנט. איז דען ניט די גאנצע ארבייטער-באוועגונג מייסטענס אן אימיגראנטישע? און זיינען עס ניט געווען און זיינען עס נאך ביז היינטיגען טאג ניט די אימיגראנטען, וואס האבען געקעמפפט און קעמפפען פאר א העכערען לעבענס-סטענדארד? צו פאר וואס זאל מען וועלען אויסשליסען איצט די אימיגראנטען, וועלכע ווילען קומען אהער און עהרליך פארדינען זייער ברויט? וואס וואלט געווארען פון אונז אלע, ווען מען וואלט פאר אונז פארשפארט די טויערען פון אמעריקא?

אי, וואס, אין אמעריקא איז ניטא קיין ארבייט פאר אלע? נו, איז דערצו דא א זעהר גוטער מיטעל. אט האט די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן אויסגעפיהרט פאר אלע איהרע מיטגליעדער אין די פארשידענע אינדוסטריען אין ניו יארק א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך. ווארום זאל עס די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא ניט קענען דורכפיהרען? און אויב אט די פארקירצונג פון די ארבייטס-שטונדען זאל ניט זיין גענוג אום צו געבען ארבייט פאר אלע, ווארום ניט איינפיהרען א זעקס-שטונדיגען ארבייטס-טאג? דאס איז א פיעל בעסערער פלאן און א ווירקזאמערער מיטעל געגען ארבייטסלאזיגקייט, ווי דער געפאדערטער אנטי - אימיגריישאן געזעץ.

און, מערקווירדיג, כאטש אזעלכע דבורים האט מען געהערט צום ערשטען מאל אויף דער קאנווענשאן, דאך זיינען זיי ניט געבליבען א שטימע אין דער וויסטע. עס האבען זיך באלד געמעלדעט אנדערע דיסקוטאנטען, ווי מר. סוויני, אן אלטער סאציאליסט, פרעזידענט פון די דזשורנימען טיילארס, וועלכער האט ערקלעהרט, אז די צרה איז גאר ניט אין אימיגריישאן. איין שטאאט טעקסעס איז גרויס גענוג און פרוכטבאר גענוג צו קענען שפייזען די גאנצע וועלט. די צרה איז, וואס גאנץ אמעריקא איז פארכאפט געווארען פון א הייפעל מענשען! און דאס, וואס אזא פארשלאג קען געמאכט ווערען אויף א קאנווענשאן פון ארבייטער, אז מען זאל צושליסען די טויערען פאר אלע, וועלכע ווילען זיך רעטען פון דער טיראניי אין אייראפא, איז עס דערפאר, ווייל די קאנווענשאן איז צו שטארק באהערשט פון דעם גייסט פון דער „סערוויס פעדערעישאן".

אין דעמזעלבען זין האבען גערעדט נאך איינינע דעלעגאטען, אזוי דאס פרענק מאריסאן, דער סעקרעטער פון דער פעדערעישאן, און דער סאמע אפאסטאל פון אנטי-אימיגריישאן, האט געהאלטען פאר נויטיג ארויסצוקומען מיט א פייערדיגער רעדע געגען די דיסקוטאנטען, ערקלעהרענדיג זיי אלס בלינדע, וועלכע זעהען ניט, אז עס איז נארניט די אויפגאבע פון דער פעדערייישאן צו העלפען „דעם שטאל-טראסט און די טימבער-באראנען צו ברענגען צוריק דעם צושטאנד, וואס האט געהערשט פאר דער מלחמה, ווען אויף יעדען דזשאב זיינען געווען דריי בעלנים."

עס איז איבעריג צו זאגען, אז דער פארשלאג פאר אפשטעלען די אימיגריישאן פאר א געוויסער צייט איז דורכגעגאנגען מיט א גרויסער מאיאריטעט. אבער דאס האט גאר קיינער אנדערש ניט ערווארט. וויכטיג איז אבער, דאס די דאזיגע פראגע, וועלכע איז ביז איצט גאר קיין פראגע ניט געווען אויף דער קאנווענשאן, נאר איז באטראכט געווארען אלס דאגמע, אלס א חוק ולא יעבור, איז אויפגעהויבען געווארען, איז דיסקוטירט געווארען, און האט געוויס געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף גאר פיעלע דעלעגאטען, וועלכע האבען ביז איצט נאך קיינמאל זיך ניט פארטראכט וועגען דעם.

דער שיקזאל פון די רעזאלוציעס פון דער דעלעגאציע פון דער אינטערנעשאנאל.

ווי די לעזער ווייסען, האט די דעלעגאציע פון דער אינטערנעשאנאל פארגעשלאגען פאר דער קאנווענשאן פיער רעזאלוציאנען, צוויי פון וועלכע זיינען דורכגעגאנגען מעהר אדער ווייניגער לייכט, כאטש ניט אין גאנצען אהן טראבעל, ווי מיר האבען עס ערקלעהרט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". וואס אנבעטרעפט דעם שיקזאל פון די אנדערע צוויי רעזאלוציאנען, איז איינע געווען גאר מזל'דיג. ווי עס שיינט, האט די דאזיגע רעזאלוציע געפונען גאר שטארקען חן אין די אויגען פון פרעזידענט גאמפערס גופא. מיר מיינען דא די רעזאלוציע געגען די אידישע פאגראמען. אונזער דעלעגאציע האט זיך א ביסעל געשראקען: א קשיא אויף א מעשה, מען קען דאך זעהן אויך אין דעם, אז מען וויל נאר, א באלשעוויסטישען טריק. א חוץ דעם האט מען געקענט ערווארטען וועלכען-עס-איז פראטעסט פון דער זייט פון מאנכע פוילישע ארבייטער. אבער קיינס פון די ביידע „געפאהרען" האט ניט פאסירט. פרעזידענט גאמפערס איז געווען פון אנפאנג אן פאר דער רעזאלוציע, און זי איז אנגענומען געווארען איינשטימיג. געוויס האט אונזער דעלעגאציע זיך גוט צוגעגרייט פאר איהר פארטיידיגונג, ווען אימיצער וואלט אויפגעהויבען דעם מינדעסטען פראטעסט, אבער אזעלכעס איז ניט פארגעקומען. אט איז די רעזאלוציע אין א ווערטערליכער איבערזעצונג:

„רעזאלוציע נומער 133 — פון די דעלעגאטען בענזשאמין שלעזינגער, מאקס גארענשטיין, דזשייקאב העללער, אל. לאפארטא, י. פיינבערג און מ. פריעדמאן, פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן.

„באשלאסען, דאס די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף איהר קאנווענשאן, פארצייכענט איהר פראטעסט געגען די אויסשלאכטונגען און ברוטאליטעטען, וואס זיינען באגאנגען געווארען געגען די אידישע באפעלקערונגען פון פוילען, אוקראינע און אנדערע טיילען פון מזרח-אייראפא, און פאדערט אויף די רעגיערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען אנצואווענדען איהר גרויסען איינפלוס אויף אלע רעגיערונגען פון דער וועלט מיט דעם ציעל, אז די ווידערהאלונג פון אזעלכע טאטען זאל געמאכט ווערען אונמעגליך, און דאס נאציאלע מינאריטעטען אין יעדען לאנד אין דער וועלט זאלען זיין גאראנטירט מיט פולע בירגערליכע און פאליטישע רעכטע און מיט שוץ."

וואס ווידער אנבאטרעפט די צווייטע רעזאלוציע, די האט שוין ניט געהאט אזא מזל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט אין א קורצען און זעהר איינדרוקספולער רעדע איהר ווירקליך גוט פארטיידיגט.

ווען דער לעזער וועט איבערלייענען די דאזיגע רעזאלוציע, וועט ער, אפשר, זיך שוין אליין אנשטויסען, ווארום בלויז א טייל פון דער רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען. אט איז די רעזאלוציע, וועלכע איז באקאנט אונטער דעם נומער 141.

„באשלאסען, דאס די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף איהר קאנווענשאן, זאל אויפפאדערן די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען צו שענקען פאלשטענדיגע אמנעסטיע צו אלע פאליטישע ארעסטירטע, וועלכע זיינען פאראורטיילט געווארען אונטער די ספעציעלע געזעצע, וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען אין דער צייט פון מלחמה, און די אפשאפונג פון אלע אזעלכע געזעצע, וואס שטערען דער נארמאלער אויסאיבונג פון אמעריקאנער פרייהייטען, וואס זיינען גאראנטירט פון דער קאנסטיטוציע.

עס איז קלאר, אז פאר די צווייטע העלפט פון דער רעזאלוציע האט פרעזידענט שלעזינגער ניט באדארפט פיעל ארגומענטירען. ווארים די צווייטע העלפט איז פאלשטענדיג אין איינקלאנג מיט דעם רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל, אין וועלכען, רעדענדיג איבער דעם ענין, דריקט ער זיך אויס ווי פאלגט:

„דאס סאמע לעבען און די זיכערקייט פון פרייע און דעמאקראטישע אינסטיטוציאנען הענגען אפ פון דער פרייהייט פון רעדע, פרעסע, פון פארזאמלונג און פאראייניגונג. מיר פאדערען דארום, אז אלע באשרענקונגען פון דער פרייהייט פון רעדען, שרייבען, עפענטליכע פארזאמלונג, פאראייניגונג און ריידען זאלען פאלשטענדיג אפגעשאפט ווערען, און איינצעלנע און גרופען זאלען זיין פאראנטווארטליך פאר זייערע רעדען און האנדלונגען. די דאזיגע רעכטע מוזען פעסטגעשטעלט ווערען קלאר און מען ניט פארלייקענט אדער פארשמעלערט ווערען אויף קיין אופן."

זאל דער לעזער פארגלייכען דעם רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו-קאונסיל מיט דער צווייטער העלפט פון דער רעזאלוציע פון דער אינטערנעשאנאל, און ער וועט געפינען, אז פראקטיש דריקען זיי ביידע אויס איין און די זעלבע פאדערונג. די צרה איז געווען מיט דער ערשטער העלפט פון דער רעזאלוציע פון אונזער דעלעגאציע, וועלכע פארלאנגט אויסדריקליך אמניסטיע פאר א ל ע פאליטישע ארעסטירטע אין דער צייט פון דער מלחמה. דאס איז געווען א צו שווערער ביסען פאר דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר ארונטערצושלינגען.

שלעזינגער אין זיין רעדע האט מיט רעכט ארגומענטירט, אז די אלע פאראורטיילטע זיינען דאך נאר שולדיג אין דעם, וואס זיי האבען זיך באנוצט מיט זייער רעכט פון פרייער רעדע. נאר דאך אין דער צייט פון דער מלחמה האט די רעגיערונג געפיהלט זיך געצוואונגען צו שאפען געזעצע געגען די קאנסטיטוציאנעל-גאראנטירטע רעכטע, ווייל די צייט האט עס איינפאך געפאדערט; און דארום די אונגעהייער-גרויזאמע שטראפען אין פיעלע פעלע. איצט אבער, אז די מלחמה איז ניטא, איז עס ניט מעהר ווי רעכט, אז אלע, אלע אזעלכע פאראורטיילטע זאלען באפרייט ווערען. פלעגט דאך אפילו דער צאר ביי אירגענד א שמחה באגנאדיגען פארשידענע פאליטישע פארברעכער.

דער ארגומענט איז ווירקליך אן אונבאשטרייטבארער, און ער וואלט געוויס ניט פארפעהלט צו מאכען די נויטיגע ווירקונג אויף דער קאנווענשאן, ווען דא וואלט ניט געווען עטוואס אנדערעס, וואס האט ממש געשטערט דער קאנווענשאן צו זיין לאגיש און אויסגעהאלטען. דער פאקט איז, אז דער פארלאנג פון אמניסטיע פאר אלע, האט אויך געמיינט אמניסטיע פאר די א. וו. וו., אבער אזוי ווייט גרויסמוטיג האט שוין די קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. ניט געקענט פועל'ען ביי זיך צו זיין.

ווארים די א. פ. אוו ל. באטראכט — צי מיט רעכט, צי מיט אונרעכט, דאס איז איצט ניט די פראגע — די א. וו. וו. באוועגונג פאר פאלקאם פיינדליך צו דער א. פ. אוו ל. און פאר א געוואלדיגער שטערונג צו דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא.

עס איז כדאי דא צו דערמאנען, אז עס איז שוין ניט דאס ערשטע מאל, וואס די א. פ. אוו לייבאר ווערט אויפגעפאדערט זיך אנצונעהמען פאר די ארעסטירטע א. וו. וו. אין דער צייט פון מלחמה. אויף דעם ערשטען פאן-אמעריקאנער ארבייטער-קאנגרעס לעצטען נאוועמבער אין לארעדא, טעקסעס, האבען איינינע מעקסיקאנישע דעלעגאטען אויף די אינסטרוקציאנען פון זייערע יוניאנס פארלאנגט פון דער א. פ. אוו ל., אז זי זאל באטראכטען די לאגע פון די פיעלע ארעסטירטע אין די פאראייניגטע שטאאטען, און זאל זעהן, וואס קען געטאן ווערען, אום זיי צו באפרייען. כמעט

„דער אונשטערבליכער פייער"

א מאדערנער „איוב" פון ה. דזש. וועלס.
א קריטישער איבערבליק פון ס. דינגאל.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווי דער אלטער איוב פון 4500 יאהר צוריק שטעהט איצט די מענשהייט א פארבלוטיגטע, מיט וואונדען אין איהר גאנצען קערפער, און פאדערט דין וחשבון פון איהרע שעפער.

די מלחמה האט געבראכט אן איבער־קעהרעניש אין אונזער לעבען און אונזער דענקען.

וואו איז גאט? ווי האט ער געקענט צוזעהן אזא שוידערליכע פארוויסטונג פון זיין ערד און בעשעפענישען פאר גאנצע פינף יאהר? פרעגען די רעליגיעזע.

וואו איז פראגרעס? מענשליכקייט? פרעגען פריידענקער.

די גאנצע מלחמה זעהט אויס ווי א טייוועל־שפיעל איבער אונזער וועלט און איהר ציוויליזאציאן. אלע באגריפען פון מענשליכקייט, ציוויליזאציאן זיינען גע־פאלען. אונרוהיגע גייסטער זוכען נייע וועגען, נייע פונדאמענטען אויף וועלכע אונזער צוקונפט זאל געבויט ווערען, און דיזע אונרוהיגקייט פון מענשליכען גע־דאנק אין איצטיגען מאמענט רעפלעקטירט קיינער ניט אזוי גוט אין דער ליטעראטור ווי ה. דזש. וועלס, דער אומרוהיגסטער און ווייט זעהענדסטער פון אלע ענגלישע שרייבער.

וועלס שרייבט ניט קיין ביכער צו אמו־זירען דעם לעזער, נור צו מאכען איהם דענקען, און זיין נייעסטער בוך „דער אונשטערבליכער פייער" איז קיין אויס־נאהם ניט.

אין דיזען בוך זוכט זיך וועלס צו פער־טיפען אין די שווערע פראבלעמען פון רע־ליגיאן אין לעבען, וואס זיינען פאר אונז געשטעלט געווארען דורך דער מלחמה; ער קומט צום שלוס, אז אין דער מלחמה און אין אלע אונזערע צרות איז שולדיג ניט קיין אנדער זאך, ווי די פאלשע ערציהונג וואס מיר האבען באקומען, די גאנצע סיסטעם פון אונזערע סקוהלס, וועלכע לע־נען פיעל געוויכט אויף צו מאכען פון אונ־זערע קינדער גוטע ביזנעס־לייט, און לער־נען זיי ניט צו פיהלען, אז זיי זיינען א טייל פון דער גרויסער וועלט, און אין דיענסט פון דער גאנצער מענשהייט.

עס איז שווער אנצורופען זיין בוך א נאוועל, ווייל ער ענטהאלט כמעט קיין ער־צעהלונג ניט. דריי פערטעל פון בוך פאר־נעהמען די רעדעס פון הויפט־העלד מר.

האסס, וועלכער ערקלעהרט זיין לעבענס־פילאזאפיע און זיינע אנזיכטען איבער ערציהונג. דער בוך איז אבער אינטערע־סאנטער פון פיעלע נאוועלען, און אין די־זען ארטיקעל וועל איך פרובירען בקיצור איבערצוגעבען זיין אינהאלט.

דער „אונשטערבליכער פייער" ווערט ריכטיג באצייכענט אלס „מאדערנער איוב".

ווי אין דעם ביבלישען איוב, אזוי אויך דא הויבט זיך אן די געשיכטע אויפ'ן הימעל. גאט מיט'ן שטן טרעפען זיך און פארפיהרען א שמועס.

זאגט גאט צום שטן: איך וועל דיך אמאל פארטרייבען פון דער וועלט.

„דאן וועט זיך אלעס ענדיגען", זאגט דער שטן.

„ניין, איך גיב איהר לעבען", זאגט דער שטן.

„ניין, אלעס וועט דאן זיין פאלקא־מען", זאגט גאט.

„אהן מיר?"

„יא. דו שטערסט די הארמאניע פון דער וועלט!

„לעבען קומט פון מיר", זאגט גאט.

„ניין, מיין הער, לעבען קומט פון מיר" איך בעאונרוהיג אלעס. איך בין דער גייסט פון לעבען", ענטפערט דער שטן.

„אבער די נשמה איז מיינע! איך האב באשאפען דעם מענשען אין מיין גע־שטאלט", זאגט גאט.

און איך האב איהם געמאכט פאר א וועלט־מענש", זאגט דער שטן. ווען ניט איך, וואלט ער נאך איצט געזעסען אין גן עדן און וואלט דארט כלומר'שט גע־פלאנצט דעם גארטען, וואס וואלט אהן איהם אויך גוט געוואקסען, ווייל עס קען ניט אנדערש וואקסען... אה, וואס פאר א לאנגווייליג בריאה דער מענש וואלט געוועזען!... האב איך איהם אבער ארויס־געלאזען אויף דער ריזיקאלישער וועלט... געגעבען איהם געשיכטע...

דער שטן דערמאהנט זיך אן איוב'ן, וועגען וועלכען ער האט געהאט א געוועט מיט גאט, דאס איוב ער וועט אויף איהם אנשיקען צרות, וועט ער ניט מעהר זיין קיין צדיק. ער פרעגט ביי גאט, איוב ער האט דאן פארלארען אדער געוואונען זיין געוועט.

„דו האסט פארלארען, שטן, זאגט איהם גאט. איוב, ביי אלע זיינע צרות איז דאך פארבליבען א מענש מיט'ן אונ־שטערבליכען פייער אין איהם.

דער שטן איז אבער א ספעקולאנט. ער איז אלע מאל גרייט צו ריזיקירען א נייעם געוועט מיט גאט פאר א מענשליכע נשמה.

זאגט דער שטן צו גאט:

— איוב לעבט נאך איצט אויך. די גאנצע ערד איז איצט איין גרויסער איוב.

„ער איז אונשטערבליך און הויבט ערשט אן צו לעבען" זאגט גאט צום שטן.

„ער איז שטערבליך און האלט שוין ביי זיין ענדע", ענטפערט דער שטן. גיב מיר נור מאכט, און איך וועל דיר עס ציי־גען.

און ווי אין ביבלישען איוב, גיט איצט אויך גאט דעם שטן מאכט צו טאן מיט דעם מענשען וואס ער וויל, נור טויטען טאר ער איהם ניט, „ווייל מיין גייסט איז אין איהם".

מיט אזא „מאנדאט" אין האנד קומט אראפ דער שטן אויף דער ערד און טרעפט דעם קראנקען מר. דזשאב (איוב) האסס זיצענדיג אויף א טשער אין א באורדינג הויז, ביים ים, וואוהין ער איז געפאהרען מיט זיין פרוי זיך אביסעל ערהוילען פון זיין קראנקהייט און זיינע צרות פון דער לעצטער צייט.

מר. האסס איז געוועזען דער פרינציפאל פון דער וויכטיגסטער סקול אין ענגלאנד. ער האט זי געפיהרט אויף א גאנץ נייעם אופן, מיט גאנץ נייע ערציהונגס־מעטא־דען. ער איז געוועזען דער ערשטער צו באפרייען זיינע שילער פון די נוצלאזע קלאסיקער אין אלט־גריכיש און לאטיין, און האט אנשטאט דעם איינגעפיהרט קלאסען צו לערנען נייע שפראכען. זיינע וויסענשאפטליכע קלאסען זיינען געוועזען די בעסטע און זיינע מעטאדען אין לערנען געשיכטע און פאליטיק האבען געבראכט צו זיין סקול שילער פון מייסטע לענדער. זיין נאמען איז געוועזען גרויס און בא־ריהמט.

האט זיך געמאכט אין זיין סקול אן אומגליק. אן עפידעמיע פון מאזלען האט אויסגעבראכען אין סקול, און דורך דער פארנאכלעסיגונג פון א נורס, זיינען צוויי שילער געשטארבען. טאמער איז דאס געוועזען ווייניג, איז איינער פון די לעהרער דעם זעלבען טאג דער'הרג'עט געווארען אין אן אויפרייס פון שטאפען אין דער כעמישער לאבאראטאריע פון סקול. איין צרה האט מיטגעשלעפט אן אנדערע, און א פייער האט פארניכטעט די סקול און צוויי שילער זיינען פארברענט געווארען.

נעגען יעדען איינעם פון דיזע אומגלי־קען וואלט מר. האסס און זיין סקול געוועזען שטארק גענוג ביישטעהן. נאר די אלע אומגליקען איינער נאך דעם אנדערען, זיי־נען געוועזען צו שווער בייצושטעהן.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

צו דעם איז נאך אנגעקומען די ידיעה, אז זייער איינציגער זוהן, א פרייוויליגער סאלדאט אין דער ענגלישער ארמיי, איז ארונטערגעשאסען געווארען אין א לופט־באלאן איבער די דייטשע ליניעס.

מרס. האסס איז געווען א קרענקליכע, נערוועזע פרוי. זי איז לכתחילה געווען געגען דעם, אז איהר איינציגער זוהן זאל זיך אנשליסען צו דער ארמיי, און איצט האט זי געהאט אלע טענות צו איהר מאן און געוויינט פאר איהם נאך איהר „בייבי באי", אין וועמעס טויט זי האט איהם באשולדיגט.

ער האט זיך דערפיהלט צובראכען און קראנק. ער איז אוועקגעפאהרען צום ים זיך אויסרוהען און דערווייל באטראכטען ווי אזוי צוריק עפענען זיין סקול, וועלכע ער האט אפגעגעבען זיין גאנצען לעבען און אלע זיינע האפנונגען.

און דא האט ער אויסגעפונען אז ער איז קראנק אויף קענסער (קרעבס).

בלויז איין מינוט האט ער א טראכט געטאן וועגן באגעהן זעלבסטמארד. — ער וועט זיך ארויסגעהן בארען, און דארט ערטרינקען זיך... בלויז פינף מי־נוט וועט ער זיך ווערגען, און דערנאך — פריידען, ענדליכער פריידען...

אבער דזשאב האסס איז געווען א בראווער מאן. „ניין," האט ער זיך אליין פעסט געענטפערט. „איך וועל קעמפען ביז צום סוף."

און ער האט באשלאסען דורכצוגעהן אן אפעראציע דא, ביים ים.

א שטונדע פאר דער אפעראציע איז געקומען צו מר. האסס א קאמיטע פון די טראסטיס פון זיין פארברענטער סקול. זיי זיינען געווען דריי רייכסטע ביזנעס־לייט פון לאנדאן, אלע ביזנעס לייט. זיי זיינען קיינמאל ניט געפעלען געווען מר. האסס'ס פיהרונג פון דער סקול. ער האט אפ־געגעבען צופיעל פלאץ פאר געשיכטע, גע־אגראפיע און פאליטיק. זיי האבען גע־וואלט, אז די סקול זאל געבען זייערע קינ־דער אן „איינפאכע, ריכטיגע ערציהונג אין ביזנעס און טעכנישע וויסענשאפטען". כל זמן מר. האסס איז געווען געזונד און די סקול האט געבליהט, האבען זיי קיין מוט ניט געהאט געגען איהם אויפצור־שטעהן. איצט אבער, ווען ער איז געווען קראנק און געבראכען, די סקול פארברענט, און זייער געלד נויטיג אויף איבערצובוי־ען, האבען זיי באשלאסען אנצושטעלען א נייעם פרינציפאל אויף זיין ארט, א פראקטישען וויסענשאפטס־מאן, טאקע איינעם פון זיינע פריהערדיגע אסיסט־ענטס, מר. פארר. און זיי זיינען געקו־מען צוטיילען איהם זייער לעצטען כבוד און ערקלעהרען איהם זייער באשלוס.

מר. האסס האט זיי אויפגענומען, אויס־געהערט זיי, און געענטפערט:

„אין א שטונדע ארום וועל איך אפשר שוין שווייגען אויף אלע מאל; ווען איך ניט איין, פאר וואס איך זאל פון אייך באהאלטען מיין רעליגיאן... איך בין גע־ווען א פאנאטיק... די סקול איז געווען דער מזבח אויף וועלכען איך האב זיך מקריב געווען צו גאט... מיט אלע מיי־נע קרעפטען האב איך איהם געדינט. און איצט, אין מיין פינסטערער שטונדע, פארלאזט ער מיך! פאר וואס שטעהט ער דא ניט צווישען מיר און אייך, ווען איהר ווילט געבען דעם לעצטען טויט קלאפ צו דער ארבייט, וואס איך האב פאר איהם געווידמעט?

„וואס איז די אויפגאבע פון א לעה־רער? דאס איז די שווערסטע פון אלע מענשליכע אויפגאבען. דער לעהרער דארף איינפלאנצען אין דער נשמה פון זיין תלמיד די הייליגקייט פון מ ע נ ש. וואס איז דען א מענש אהן ערציהונג? ער ווערט געבוירען א חיה, און ענגאאיסט, פול מיט פערזענליכע פארלאנגען און שרעק. און מיר, לעהרער, מוזען איהם אויפהויבען העכער פון זיין עגאאיזם. מיר קענען איהם ברייננגען צו העכערע אי־דעען, דורך וועלכע ער זאל פארגעסען זיין איך און טראכטען אויך וועגען אנדערע. מיר קענען עפענען זיינע אויגען און מא־כען איהם זעהן די פארגאנגענהייט און די צוקונפט פון דער אונשטערבליכער מענשהייט...

„פינף און צוואנציג יאהר האב איך געהערשט אין דער סקול און איך האב געגעבען ליכט צו בלינדע. איך האב גע־לערנט טויזענדער קינדער, זיי האבען ביי מיר געלערנט די געשיכטע פון דער מענשהייט אויף אזא אופן, דאס זיי האר־בען זיך אליין באטראכט אלס טייל פון דיעזער געשיכטע, וועלכע זיי דארפען דורכמאכען; זיי האבען געלערנט גע־אגראפיע, אז זיי זאלען פארשטעהן אז די גאנצע וועלט איז זייערע; איך האב פאר זיי אויפגעלעבט די פארגאנגענהייט, גע־לערנט זיי שפראכען, און געעפענט אין זייערע געדאנקען א פענסטער צו פרעמדע נאציאנען; איך האב זיי געלערנט ווי־סענשאפט, כדי זיי זאלען פארשטעהן די געהיימע קרעפטען פון דער נאטור. פיע־לע פון די שילער זיינען איצט גוטע ביז־נעס לייט. איך האב פון זיי אבער קיינ־מאל ניט געזוכט צו מאכען קיין ביזנעס־לייט און וועל עס ניט זוכען. איך האב געהאט פארשיעדענע שילער, פעהיגע און אונפעהיגע. אנדערע פון זיי זיינען אוועק שטודירען העכער און אנדערע זיינען אוועק אין ביזנעס. זיי זיינען אבער אלע אוועק פון מיר מיט א גוטע ערציהונג, מיט א ברייטען געדאנק, מיט א ברייטע אויפפאסונג פון לעבען, מייסטערס איבער זיך און דיענער פון דער מענשהייט.

„דער מאן, פארר, וועמען איהר נעהט איבערגעבען די סקול, פארשטעהט פיזיק און כעמיע ניט אלס מיטלען צו פאר־שטעהן זאכען, נאר אלס מיטעל צו האנד־לען מיט זאכען. ווען ער ארבייט אין אונזערע לאבאראטאריעס טראכט ער האר־

איהר הערט זיך גוט איין אין די דאזיגע ווער־טער, פארשטעהעט איהר, אז דאס מיינט: מילא, איך וועל מיט דיר חתונה האבען און מיר וועלען האבען קינדער און עסען זויער־קרויט און שטארבען פאר'ן פאטערלאנד.

און אז א רוס, פארקעהרט, זאגט „ליוב־ליו", קלינגט עס אזוי: איך וועל דיך פריהער דערשטיקען פאר ליעבע און וועל דיר נאכדעם אפדרעהען דעם קאפ, ווען דו וועסט זיך מיר דערעסען — וואס קאק!

און אזוי אויך דער רוסישער „דא זדראוו־סטוואויעט" געגען דייטשען „עס לעבע" און דער רוסישער „דאלאי" געגען דייטשען „ניי־דער."

די שפראך — דאס איז דער קוואל פון א פאלק'ס קראפט אדער שוואכקייט. און דאס איז דער אויסדרוק פון זיין כאראקטער.

וואריום — געדענקט! — ווען א דייטש הויבט אן א רעוואלוציאנערע פראזע, דארף ער הויפטזעכליך אין זינען האבען, אז ער זאל, חלילה, נים פארלירען דעם פרעדיקאט, וועלכער קומט צום סאמע סוף, און ציטער־דיג איבער'ן פרעדיקאט, פארגעסט ער דער־ווייל אן דער רעוואלוציע.

אבער: אז ער קומט בשלום אריבער מיט'ן פרעדיקאט, פארפלאנטערט ער זיך געוועהנליך אין די ווערטער „האבען, ווערדען, זאלען, מוזען, זיין," וועלכע ער ווארפט גע־וועהנליך צו „פאר גוט מעזשור" צו יעדער פראזע.

און דערפאר — זאג איך — די דייטשע מעסיגקייט, די דייטשע ליעבע צו ארדנונג, די דייטשע נידריגרעדיגקייט און מיין זי־כערקייט, אז כאטש די געשיכטע חזר'ט זיך געוועהנליך איבער, וועט דייטשלאנד נאכ'ן שלום נים אבגעשעקט ווערען פון רוסישען באלשעוויזם.

און אגב, דארפט איהר אין זינען האב־

בען נאך איין זאך: א דייטש איז „עפוי־שענט". א ליטוואק און א רוס — זאגט מען — זייבען גרייט אפילו זיך צו שטעלען פאר אן אם. דאס חויסט: זיי כאפען זיך צו אלץ און זיינען גרייט אלץ צו פארפו־שען (מאכען א באטש דזשאב, זאגט מען ביי אונז). און א דייטש איז „עפישענט". ער גרייט זיך לאנג און טוט אלץ ווי עס באדארף צו זיין — ווי א מאשין.

ווי שוין פריהער געזאגט, איז א ליט־וואק צו יעדער צייט גרייט זיך צו שטעלען פאר אן אם און א רוס — צו ווערען א באל־שעוויק, כאטש ער ווייסט נים מיט וואס מען עסט דאס דאזיגע מאכל. און א דייטש איז אנדערש. ווען ער זאל, למשל, באשליסען צו ווערען אן אם, וועט ער, זייט זיכער, פריה־ער זיבען יאהר זיין אין דער לעהרע ביי אן אם, נאכדעם וועט ער צוועלף יאהר זיין אן ארויסהעלפער ביי אן אם. און אז ער וועט צולעצט זיך א נעהם טאן צו דער דא־זיגער פרנסה, וועל איך אייך שווערען, אז ער וועט זיין די בעסטע אם אין דער וועלט.

און דעריבער ערווארט איך נים קיין סא־ציאלע רעוואלוציעס און קיין באלשעוויזם אין דייטשלאנד נאך דעם שלום, כאטש איך גלויב זעהר שטארק אין דעם כלל, אז די גע־שיכטע ווידערהאלט זיך.

כדי דער באלשעוויזם זאל זיך קענען איינ־ווארצלען אין דייטשלאנד, וועט נויטיג זיין, אז די רעגיערונג זאל וועגען דעם ארויסגע־בען א געזעץ און די פאליציי זאל שטרענג אכטונג געבען, אז דאס געזעץ זאל אפגעהיט ווערען, און פילאזאפען וועלען פריהער דאר־פען שאפען וועגען דעם גאנצע פילאזאפישע סיסטעמען און מען וועט דארפען בויען ספעצ־ציעלע קאזארמעס, וואו מען וועט סיסטעמא־טיש און וויסענשאפטליך „אויסדרילען" דעם דאזיגען מין דייטשען באלשעוויק.

אזוי דארף עס צוגעהן אין דייטשלאנד.

און דעריבער נאך אמאל:

די געשיכטע ווידערהאלט זיך טאקע. א סימן האט איהר: בריסק און פאריז.

אבער מיינט עס טאקע, אז נאך דעם ווער־סאלער שלום מוז אין דייטשלאנד קומען לע־ניניזם, ווי אין רוסלאנד? דער רוס איז א רוס און דער דייטש איז א דייטש. און עס פאר.גבב'עט זיך אין מיין הארץ א צווייפעל און איך שטעל צום אפשטימען:

ווידערהאלט זיך טאקע די געשיכטע שטענ־דיג און ארכעטער אלע אומשטענדען?

נעהמט זיך די פויליש-אידישע לאגע אויסלייטערן?

פון א. גלאנץ

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די פוילישע רעגירער האלטען נאך אלץ אין איין אפלייקענען די פאגראמען אויף אידען. פאן פאדערעווסקי האט נאך אלץ ליעב צו זאגען, אז די אידען אין פוילען איז גוט ווי די וועלט און צו ריידען וועגען דעם, וואס מען קאן שוין באין אופן נ י ט א פ ל י י ק ע נ ע ן ווי וועגען „אינצידענטען". דאך וועלען שוין די פוילישע ליגענס לאנג ניט קאנען אנהאלטען. זיי האבען ש ו י ן געפלאצט.

דער באשלוס פון פרעזידענט ווילסאן צו שיקען א קאמיסיע פון אמעריקאנער קיין פוילען אונטערצוזוכען די פאגראמען איז דער בעסטער ענטפער אויף די פוילישע ערקלערונגען, אז אין פוילען זיינען קיין פאגראמען ניטא. דער פאקט, וואס אן דער שפיץ פון דער קאמיסיע איז געשטעלט געווארען א איד ה ע נ ר י מ א ר ג ע נ ט ו י, און נאך צוויי אידען וועלען זיך אין איהר געפינען, שטרייכט נאך מעהר אונטער דעם אינטערעסאנטען פאקט, אז דער אמעריקאנער פרעזידענט האט אליין ניט קיין צוטרוי צו די פוילישע ערקלערונגען.

פון אט דעם שטאנדפונקט איז אזא קאמיסיע אן אמת אידישער זיעג. דער זיעג איז באזונדערס גרויס צוליעב דעם, וואס אויך דער אמעריקאנער געזאנדטער קיין פוילען, מר. יוה גיבסאן, האט געפונען פאר נויטיג צו גלויבען די ערקלערונגען פון די פוילישע רעגירער און אננעמען פאר גוט-געלט זייערע געשרייען, אז די אידען אליין טראכטען אויס די פאגראמען. מר. ווילסאן'ס באשלוס איז דעריבער א מין שטילע צוגעבונג, אז ער האט ניט קיין גרויסע אמונה אין דעם אמעריקאנער אמבאסאדאר'ס אומפארטייאישקייט אין באצוג צו די פארהעלטניסען צווישען די אידען און פאליאקען.

אז אט די קאמיסיע וועט ברענגען א רעפארט, וואס וועט זיין דער א מ ת, אין דעם קאן מען ניט צווייפלען. מר. מארגענטוי איז אפילו באקאנט אלס „יאהודי", אלס איינער, וואס האט ניט זעהר ליעב צו דערמאנען זיך און אנדערע אן זיין אידישקייט. א איד איז ער אבער פארט! צו לייקענען אדער אפילו צו פארקלענערען דעם שוידער פון די פאגראמען, האט ער קיין שום אינטערעס ניט. ער ווערט געשיקט אויסצוגעפינען דעם א מ ת, און דעם אמת וועט ער דארפען זאגען.

און נאך א זאך. דער באשלוס צו שיקען די קאמיסיע קיין פוילען איז זיכער געקומען אלס רעזולטאט פון דעם ריזיגען פראטעסט, וואס די אמעריקאנער אידען האבען אויפגעהויבען נעגען די פוילישע פאגראמען. מר. מארגענטוי ווייס די שטימונג פון די דריי מיליאן אמעריקאנער אידען. ער ווייס, אז די אמעריקאנער אידען ווילען עס, אז דער אמת וועגען די רציחות נעגען זייערע ברידער אין דעם פוילישען לאנד זאל באקאנט ווערען פאר דער גאנצער וועלט. דאס אליין וואלט געווען גענוג, אז מר. מארגענטוי זאל זיין פארזיכטיג און זעהן איבערצוגעבען בלויז די נויטיגע פאקטען. דאס וואלט געווען גענוג אפילו ווען מר. מארגענטוי זאל טאקע זיין גענייגט אנצונעמען דעם „פוילישען שטאנדפונקט", א זאך אין וואס מיר מעגען צווייפלען, ווייל צו וואס דארף ער דאס?

דער פאקט פון דער באשטימונג פון דער קאמיסיע אליין איז, אלזא, א מין ערקלערונג, אז מען גלויבט ניט זעהר שטארק אין די פוילישע אפלייקענונג פון די פאגראמען. גלייכצייטיג זיינען אבער אויך אנגעקומען עטליכע אנדערע ידיעות, וועלכע שטעלען ארוים אין א זאנדערבארקאמישען ליכט די פוילישע אפלייקענער.

דער פוילישער סאציאליסט דאשינסקי האט אין דעם ווארשעווער סיים (פארלאמענט) אריינגעטראגען א פראטעסט רעזאלוציע נעגען די פאגראמען און אט די רעזאלוציע איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. אמת, פאן-גענאסע דאשינסקי האט די רעזאלוציע אריינגעטראגען ניט אזוי צוליעב דער סימפאטיע צו אונזערע אומגליקליכע ברידער, ווי צוליעב דעם, וואס די פאגראמען שעדיגען פוילען גופא. אזוי ווייט ווי צו ווערען אנטריסטעט פון די מערדערייען נעגען אידען, איז דער פוילישער סאציאליסט ניט געגאנגען. אבער גוט איז די רעזאלוציע פארט. זי איז דאך דער בעסטער באווייז, אז פאגראמען זיינען י א פארגעקומען.

איז דאס נאך אלץ ניט גענוג. האט דער פוילישער קאמאנדיר האלער זיך געווענדעט צו זיינע סאלדאטען, אז זיי זאלען אויפהערען צו טשעפען אידען, ניט מאכען קיין פאגראמען א. ד. גל. קאן נאך אלזא, ווער עס איז צווייפלען ,אז פאגראמען זיינען טאקע פארגעקומען?

ווען מען שטעלט צונויף די אפלייקענונגען פון פאן פאדערעווסקי'ן מיט דער רעזאלוציע פון פאן-גענאסע דאשינסקי'ן און מיט דעם אויפרוף צו די סאלדאטען פון גענעראל האלער, מוז מען זיך דערמאנען אן שלום עליכם'ס א מעשה, וועגען דער אידענע, וואס האט געבארגט א טעפעל ביי א צווייטער אידענע, און איהר אפגעגעבען א צובראכענעם. „ערשטענס, האט אט די אידענע געזאגט, האב איך גארניט געבארגט קיין טעפעל; צווייטענס, האב איך אפגעגעבען א גאנצעס; דריטענס איז עס שוין פון פריהער געווען צובראכען".

נאך לאנגע מאנאטען ווילדע אויסאויפהערליכע רציחות מצד די פאליאקען נעגען אידען איז דאס געוויסען פון דער וועלט פארט אביסעל אויפגערודערט געווארען, און עס נעמען זיך שוין זעהן רעזולטאטען. עס איז שוין פארט דא א שטיקעל האפנונג, אז די לאגע פון די אידען אין פוילען וועט בעסער ווערען. דער פוילישער פאגראמשטשיק האט איבערגעכאפט די מאס. ער האט זיך אליין דערמיט געשעדיגט. ער האט שוין צופיעל פונאנדערגעפיהרט די הענט און מען האט איהם אנגעהויבען צו זעהן און פון איהם זיך אפצוקערען מיט עקעל.

מען דארף אויך האבען אין זינען אן אנדער זאך. די אינערליכע לאגע אין פוילען איז גארניט אזוי גלאט און איינפאך, ווי מען קאן האבען אן איינדרוק. עס איז גארניט אמת, אז א ל ע פאליאקען זיינען גלייך. אז אין פוילען זיינען אלע צופרידען, און אז די איצטיגע פוילישע רעגירונג איז אייזענפעסט.

אין דער ווירקליכקייט קומט אין פוילען גופא פאר פונקט אזא קאמף צווישען קלאסען, ווי אין אלע אייראפעאישע לענדער. די פוילישע סאציאליסטען זיינען ניט אלע אויסגעשטארבען. און כאטש מיר האבען גענוג אורזאכען ניט צו האָבען צו פיעל אמונה אין די פוילישע סאציאליסטען, וואס אנבאלאנגט זייער פריינדשאפט צו אידען, דאך מעג מען זיכער זיין, אז וואלט אין פוילען געווען א סאציאליסטישע רעגירונג, וואלטען קיין פאגראמען ניט פארגעקומען, יעדענפאלס ניט אין אזא שרעקליכער פארם, ווי ביי דער רעגירונג פון פאדערעווסקי'ן.

די פוילישע סאציאליסטען זיינען דא, און זיי ווארטען אויף זייער שאנס. דערווייל איז פוילען פאר'שכור'ט פון דעם נאציאנאלען זיעג. דערווייל זיינען ביים רודער די נאראדאווא דעמאקראטען, די פארטיי פון פאדערעווסקי'ן און דמאווסקי'ן. אבער צי זיי וועלען נאך לאנג בלייבען ביים רודער — איז א פראגע.

אין פוילען איז פאראן א שארפע אגראר-פראגע. ווי די מעהרסטע לענדער פון צענטראל- און מזרח-אייראפא איז פוילען א לאנד פון לאנדווירטשאפט. די גרויסע מאיאריטעט פון דער באפעלקערונג באשטעהט פון פויערים. די פויערים האבען אבער ניט קיין לאנד. די גרויסע שטרעקעס ערד געהערען צו די פריצים. ווי אין רוסלאנד און אוקראינא פארערען די פוילישע פויערים דעם באדען פאר זיך. ביי די וואהלען צום סיים האבען די נאראדאווא דעמאקראטען צוגעזאגט די פויערים זיי צו געבען ערד. אזוי שנעל, ווי זיי זיינען נאר ערוועהלט געווארען, האבען זיי אן זייערע פארשפרעכענס פארגעסען. זיי זיינען אויף דער זייט פון די פריצים און פארטיידיגען ז י י ע ר ע אינטערעסען, ניט די אינטערעסען פון די פויערים. וויפיעל מאל די פויערים האבען פארלאנגט, אז די אגראר-פראגע זאל פארהאנדעלט ווערען אין סיים, האבען די נאראדאווצעס זיך אנטזאגט. לאנג קאן דאס אבער ניט אנהאלטען. די פוילישע פויערים וועלען ארוים פון גדולד. ספעציעל, ווען זיי ווייסען גוט, אז אין רוסלאנד און אוקראינא זיינען שוין מעהר קיין פריצים און סתם רייכע לאנד-אייגענטימער ניטא. סמנים, אז די דאזיגע גדולד האט ש ו י ן אנגעהויבען פלאצען באווייזען זיך אלץ מעהר.

די פוילישע סאציאליסטען ווייסען דעם צושטאנד און די שטימונג פון די פויערים. זיי ווייסען אויך דעם צושטאנד און די שטימונג פון די פוילישע שטאדטישע ארבייטער, וועלכע געהען אויס פון הונגער און נויט, בעת די רייכע באדען זיך אפילו איצט — אין דער שווערער נאך-מלחמה צייט — אין לוקסוס און אין וואויל-טאג.

די סאציאליסטען ווארטען אויף זייער געלעגענהייט. נאך א קורצע צייט און די נאציאנאליסטישע היסטעריע וועט אין פוילען פאראיבער. א נייע רעגירונג וועט גערופען ווערען צום לעבען, און דאס וועט זיין יענע רעגירונג, וועלכע וועט די פוילישע פויערים געבען לאנד און די פוילישע ארבייטער — ארבייט און א בעסער לעבען.

אזא זאך איז איצט מעהר ניט ווייט. און דאן וועלען זיך אויך די אידישע צושטענדע בייטען. די פארהעלטניסען צווישען די אידען און פאליאקען וועט מער זען אויסגעגליכט ווערען. די אידישע באפעלקערונג אין פוילען וועט מוזען קריגען רעכט, שוץ און פרייהייט.

עס קען זיין, אז אפילו די איצטיגע פוילישע רעגירער וועלען באלד ווערען אנשטענדיגער אין באצוג צו אידען אויס מורא ערשטענס פאר דער וועלט, און צווייטענס — פאר די אייגענע אינערליכע צרות. אין יעדען פאל, שיינט עס, אז די צייט איז נאהענט, ווען דאס אידישע לעבען אין פוילען וועט מעהר ניט זיין אזוי הפקר און אומגליקליך, ווי אין דער צייט, וועלכע וועט אין דער געשיכטע זיין באַקאנט אלס דער פ א ד ע ר ע ו ו ס ק י - ר ע ז ש י ם.

ווידערהאלט זיך די געשיכטע?

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

מען זאגט, אז די געשיכטע ווידערהאלט זיך. און אז מען זאגט, איז עס מסתמא אמת.

דערמאנט מען זיך, אז דייטשלאנד האט שוין איין מאל געמאכט שלום אין בריסק און זי האט א צווייטען מאל געשלאסען פריעדען אין פאריז... נו, ווידערהאלט זיך ניט די געשיכטע?

דערמאנט מען זיך: אז אי אין בריסק, אי אין פאריז האט מען געזאלט שליסען א פריעדען אהן אנעקסיעס, אהן קאנטריבוציעס, אן עהרליכען, גערעכטען, דעמאקראטישען פריעדען... נו, זאגט אליין: ווידערהאלט זיך ניט די געשיכטע?

דערציהלט מען אזא געשיכטע וועגען בריסק: דער דייטשער גענעראל האפמאן האט גענומען א שווערד און האט אפגעשניטען א שטיק פון דער רוסישער לאנדקארטע. און ער האט געהייסען רוסלאנד באצאהלען ניין ביליאן דאלאר. און ער האט אריינגעשריבען אין די תנאים, אז רוסלאנד מוז זיין עקאנאמיש פארשקלאפט צו דייטשלאנד.

אזוי דערציהלט מען. און ווייטער דערצעהלט מען נאך פאלגענדע משיקאווע געשיכטע: ווען טראצקי האט זיך געגעבען א שטעל אוועק אין בריסק און האט געגעבען א שאס מיט זיינע באריהמטע רעוואלוציאנערע פראזען: פראלעטאריאט, קאפיטאליסטישע אָרדנונג, זעלבסט-באשטימונג און אזוי ווייטער, האבען איהם די דייטשע פריעדענס-שלוחים צערטליך בארוהיגט ווי א צופיעסטשעטע קינד און מען האט איהם, ווי אלע צובאלעוועטע קינדער, א סטראשע געטאן: אויב ער וועט ניט אויפהערען מאכען לעבער אין קאפ מיט זיינע געשרייען און וועט ניט געהן שלאפען ווי א „גוד באי", וועט גענעראל האפמאן ביי איהם צונעהמען דאס שפילכעל — פעטראגראד.

אזוי איז פארגעקומען אין בריסק. און איצט גיט א קוק, אויב די דאזיגע געשיכטע האט זיך ניט ווידערהאלט אין פאריז, נאר אביסעל פארקעהרט?

ווארים איהר הערט דאך, וואס מען האט געזאגט צו דייטשלאנד אין פאריז: א אינגעלע — האט מען דארט געזאגט — טאר זיך ניט שפיעלען מיט קאנאניעס, מיט סאלדאטלעך און שיפלעך. א אינגעלע קען נאך ארויסשמייסען א שיפעל אין נעזעל, אדער א קאנאניע אין אויערעל, אדער קען נאך, חלילה, איינשלינגען א סאלדאטעל, און דעמאלט וועט געהן בלוט.

און אז דאס דייטשע אינגעלע האט זיך גענומען מאָרדעווען און האט ניט געוואלט טאן, וואס גוטע און פרומע ליוט הייסען צו טאן און האט געפולדערט: פערצעהן פונקטען, זעלבסט-באשטימונג און אלע אנדערע זאכען פון דעם אמת'ן טראצקי-שמאך — האט מען איהם צערטליך א סטראשע געטאן: אויב ער וועט ניט אויפהערען מאכען לעבער אין קאפ מיט זיינע געשרייען און וועט ניט געהן שלאפען ווי א „גוד באי" וועט מען ביי איהם צונעהמען בערלין און מען וועט איהם קיין עסען ניט געבען און גארנישט ניט געבען.

און אט אזוי האט זיך ווידערהאלט די געשיכטע, נאר מיט דעם אונטערשייד, וואס דאס מאל האט דייטשלאנד דערפיהלט דעמזעלבען טעם, וואס רוסלאנד האט געפיהלט אין בריסק.

און אז די געשיכטע חזר'ט זיך שוין יא איבער, מענה'ן מענשען: וואס טוט מען, אז עס חזר'ט זיך אויך איבער אין דייטשלאנד דער רוסישער באלשעוויזם? ענטפער איך דארויף: נארישקייטען; די געשיכטע האט טאקע א פארדאמטע געוואוהנהייט זיך איבערצו'חזר'ן; זי ווייסט אבער וואו און ווען וואו אוים. זי ווייסט, אז וואס עס איז געזונט פאר א רוס, איז א מגירה פאר א דייטש, אדער פארקערט. און זי ווייסט, אז באלשעוויזם איז ניט אין דער דייטשער נאטור. דער דייטש איז גאר אן אנדער מענש ווי דער רוס — ער אליין, זיין שפראך, זיין שריפט, זיין כאראקטער, זיין אלץ.

איהר ווייסט דאך מסתמא, וואס יענער ליטוואק האט אמאל געזאגט? „אזוי זיך — מאכט ער — איז דער דייטש א גאנץ וואויל מענשעל. נאר וואס דען? דאס לשון לעגט איהם אין דר'ערד אריין."

איך בין זיכער: פלאנצט אריבער אין דייטשלאנד א פאר צעהנדליג פון די אמת'ע זאפטיגע רוסישע ווערטער און מיר וועלען דארט באלד האבען א סאציאלע רעוואלוציע, מיט באלשעוויזם, מיט אלע אנדערע רוסישע צרות און אנשיקעניִשען. ביז די איצטיגע דייטשע בוכשטאבען אויף מעהר מענשליכע, און דייטשלאנד וועט ווי דערוואכען פון א לעטארגישען שלאף, וועט נעהמען קריכען אויף די גליכע ווענט און — ווער ווייסט? — אפשר וועט ער ברינגען א נייע באלשעוויסטישע סכנה.

נעהמט, אדרבה, און קוקט זיך צו צו די דייטשע בוכשטאבען: אזעלכע לאנגע, דינע, שפיציגע. אז דו קוקסט לאנג אויף זיי, הויבסטו אן צו פיהלען, ווי קליינינקע שפילקעלעך שטעכען דיך אין מארך. נאכדעם הויבען מוראשקעס אן דיר צו לויפען פאר די אויגען. נאכדעם פיהלסטו, ווי א נעבעל פארציהט זיך דיר איבער'ן מארך. און ווען דו ווערסט אויף אזא אופן היפנאטיזירט, הויבט דיין גאנצער קערפער אן אנצונעהמען דאס אויסזעהן פון א דייטש-גאטישען בוכשטאב און אין רעזולטאט באקומט זיך — אן ארדנונגס-ליעבענדער דייטש.

כ'בלעבען, איך שפאס ניט... עס ליגט א כשוף אזא אין אותיות.

ווארים נעמט, למשל, א רוסישען בוכשטאב. זעהט איהר: א ברייטער שוואנג; ווי געגעהט אויף מאנדעט, דערפאר אבער איז פאראן וואו זיך א ריהר צו טאן, וואו זיך פאנאנדערצוואוארפען. און ווילסטו, מאכסטו דעם בוכשטאב מיט שפיצען. און ווילסטו, זעהט ער אויס ווי א פולקע. און מען דארף זיך ניט הימען, אז אויב א פאסיקעל אדער א שפיץ וואס ארויסקומען ניט ווי עס באַדארף צו זיין, וועט דאס שוין זיין גאר אן אנדער אות און די וועלט וועט נאך, חלילה, צוליעב דעם ארכטערגעהן.

אין דעם זעהט זיך קלאר דער חלוק צווישען דעם דייטשען און דעם רוסישען כאראקטער.

דאס איז וועגען די בוכשטאבען. און אזוי אויך וועגען דער שפראך.

„איש ליעבע דיש" — זאגט א דייטש אויף אונזער אידישען מאַמע-לשון, און אז

אין אבענד

פון א. ל. וואלפסאן

ווען די העלע זון
שטעהט הויך
אין ווייטען הימעל'ס־רוים,
דאן ווארעמט אונז
דער קינסטלער
מיט זיין דיכט־קינסט
און זיין טרוים.

און קומט דער אבענד
דונקעל, שטיל,
פארנעבעלט אלץ ארום,
דאן בלייבט דער קינסטלער
מיט זיין וועה,
פאר'יתום'ט, שטיל
און שטום.

עס קומט זיין זונען־אונטערגאנג
פארנעבעלט
זיין געדיכט;
דאן מוז דאס פאלק
אוים דאנקבארקייט,
דעם קינסטלער
געבען ליכט.

זעסען נעבען איהם אויף זיין ווייכען זיץ, האט פארשענד געקוקט אויף זיין שכן, און ווען דער אויטאמאביל האט זיך געריהרט פון ארט, האט ער זיך אנגערופען:

— ווען איך וועל אייך אנצייגען א וועג צו מאכען א שעהנע פאר דאלאר, וועל איך קריגען 10 פראצענט קאמישען?

מר. גאלדסמיט איז געזעסען מיט פארמאכטע אויגען ווי אין א דרימעל, מיט ביידע הענט אנגעשפארט אויפ'ן שטעקען און האט א לייכטען שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אויף יא.

— טא זייט אזוי גוט און שרייבט עס אונטער, — האט מר. סאלאמאן געזאגט און איהם דערלאנגט א צעטעלע, וואס ער האט ארויסגענומען פון פארטפעל.

מר. גאלדסמיט האט לאנגזאם ארויסגענומען פון וועסט־קעשענע א זילבערנע שיידעל, זי לאנגזאם געעפענט, ארויסגענומען פון דארטען א פאר גאלדענע פענסנע, אנגעטאן אויפן נאז און באטראכט דעם צעטעלע. אין צעטעלע איז געשטאנען, אז אויב מר. מאיער גאלדסמיט וועט אננעהמען אזא און אזא פראפאזישאן, וועלכען ער, מר. סאלאמאן, שלאגט איהם פאר, איז ער, מר. סאלאמאן, בארעכטיגט צו צעהן פראצענט פון דעם פראפיט.

דאס אלעס איז געווען אי שעהן, אי פיין, אי ביזנעסמעסיג, אבער דא איז געקומען דער שווערסטער פונקט: דאס צעטעלע האט מען געמוזט אונטערשרייבען. און דאס אי, פאר דעם ריעל־עסטייטניק גאלדסמיט געווען אזא אונטערנעהמונג, ווי אשטיינער אויפצוהויבען זיך אויף טרעפ צוויי שטאק די הויך. מען האט געמוזט דעם אויטאמאביל אפשטעלען, מר. סאלאמאן האט אונטערגעהאלטען דעם פארטפעל, אויף דעם פארטפעל האט מען אוועקגעלעגט דאס צעטעלע, און מיט גאט'ס און מר. סאלאמאן'ס הילף איז דאס צעטעלע ענדליך אונטערגעשריבען געווארען.

— און איצטער צו דער זאך, — האט מר. סאלאמאן אנגעהויבען רעדען, אריינלעגענדיג דאס אונטערגעשריבענע צעטעלע, ווען דער אויטאמאביל האט זיך ווידער געריהרט פון ארט. — איהר קענט דאך די מעק־דאנאלד ריעל־עסטייט אין לאנג איילאנד און אין די בראנקס?

מר. גאלדסמיט האט ווידער לייכט צוגעשאקעלט דעם קאפ אויף יא.

דער מעקדאנאלד געפינט זיך איצטער אין פאריז. אט איז זיין אדרעס, — האט מר. סאלאמאן פארטגעזעצט אריינשטופענדיג א קארד מר. גאלדסמיט'ען אין האנד. — ער טרעט דארטען אריין אין א גרויסער קארפאראציע, עפעס אין א גרויסער אונטערנעהמונג, און ער מוז האבען א סך קעש. ער וויל פארקויפען זיין ריעל עסטייט וואס גיכער, ווייל ער דארף דאס געלד. דערוואוסט האב איך זיך וועגען דעם ערשט היינט בייטאג פון מיין פאריזער אגענט. קיינער ווייס נאך דערווייל'ע ניט וועגען דעם. מען וועט זיך דא וועגען דעם דערוויסען ערשט אין א צוויי־דריי טאג ארום. אלזא — איצטער איז האלב נאך דריי. אין א שטונדע ארום פליהט אפ דער עקספרעס דירידזשיבעל נאך פאריז. ווען איהר זאלט באלד אוועקפאהרען נאך פאריז, קומט איהר אן אהין איבערמארגען אזייגער 6 אין דער פריה. אין דריי שטונדען שפעטער וועט איהר טרעפען מעקדאנאלד'ן אין זיין האטעל. און ווען איהר וועט איהם נאר פארשלאגען די קעש, וועט איהר ביי איהם קריגען א בארגיין. און אויב איהר וועט דערביי ניט מאכען א פערטעל מיליאן דאלער אין א צוויי־דריי וואכען צייט, איז מיין נאמען ניט מר. סאלאמאן.

מר. גאלדסמיט איז געזעסען אויף זיין ארט אביסעל אראפגעבויגען דעם קאפ און מיט פארמאכטע אייגעלעך, ווי ער זאל דרעמלען. זיין פנים איז געבליבען גלייכגילטיג, ווי ער זאל דא גאר ניט האבען געהערט. אבער מר. סאלאמאן'ס געניטער בליק האט באמערקט א מאמענט, ווען דער רויטער פעטער פנים האט ווי אפגעלעבט און ארום די ברעמען פון די ליפען און אויגען איז ווי א קליין ווינטעלע דורכגעלאפען עטוואס, וואס איז געווען עהנליך צו א טיעף פארבארגטע נייגעריגקייט.

א ווייל'ע איז מען געפאהרען שטיל. ענדליך האט זיך מר. גאלדסמיט א טאפ געטאן פאר דער זייט קעשענע און זיך אפגערופען:

— איך האב מיט זיך ניט גענוג קעש פאר א טיקעט און עקספענסעס.

— איך האב עס פארגעזעהן און האב איינגעריים טויזענד דאלאר אין קעש. דערווייל'ע וועט זיין גענוג, און אין פאריז, אויב איהר וועט דארפען, וועט איהר קריגען אנדערע. נאט אייך די קעש, און מאכט מיר אוים אויף דעם א טשעק.

און אזוי רעדענדיג האט איהם מר. סאלאמאן דערלאנגט צעהן פריישע, קנאקעדיגע הונדערטער.

— מען דארף אנזאגען דער ווייב, אז איך פאהר אוועק, — האט מר. גאלדסמיט געזאגט אריינלעגענדיג די הונדערטער אין זייט־קעשענע און האט אנגעהויבען אפדרעהען א האלבען קעפעל פון זיין שטעקען.

דער שטעקען איז געווען א געוועהנליכער, מיט וועלכע מען שפאצירט ארום אין גאס, און צו דער זעלבער צייט איז דאס געווען א דראטלאזער טעלעפאן צו רעדען אויף א ווייטקייט פון עטליכע צעהנדליג מייל. דער אפאראט, וואס קומט אין דער פארמע פון א שטעקען, רעגען־שירם, ביקס און אנדערע עהנליכע זאכען, איז ערפונדען געווארען ערשט מיט א יאהר אכט צוריק פון א יונגען אמעריקאנער. און איצטער איז דאס אן אינסטרומענט, אהן וועלכען קיין איין געשעפטס־מאן קען זיך ניט באגעהן, און דערמיט ערקלעהרט זיך, פאר וואס אלע — מענער און פרויען — געהען ארום אין גאס מיט שטעקענס. אבער אט דעם שטעקען־טעלעפאן דארף מען ניט צוזאמענמישען מיט דעם קליינעם דראטלאזען טעלעפאן, וואס קומט אין דער פארמע פון א קעשענע זייגער אדער פארטהיגאר, מיט וועלכען מען קען רעדען נאר אויף א 10—15 בלאק די ווייט.

מר. גאלדסמיט האט אפגעדרעהט א האלבען קעפעל פון זיין שטעקען, און דער רונדער קעפעל האט זיך צוטיילט אין צוויי העלפטען, ווי צוויי שיסעלעך. וואס זיינען געווען צווישען זיך פאראייניגט דורך א דינעם ווייכען בויגיגען דראט באדעקט מיט גרינע זיידענע פאדים. די אויבערשטע העלפט פון קעפעל האט ער צוגעלעגט צום אויער און אין דעם אונטערשטען העלפט האט ער אנגעהויבען אריינצורעדען.

— האלא! האלא? ווער איז דאס? דאס ביסטו, פעגעלע? איז מאמא אין דער היים? שיק זי צום פאן, פליעז.

און אין א ווייל'ע ארום האט ער ווייטער אנגעהויבען רעדען.

— האלא! יא, דאס בין איך. הער זיך איין, סיידעלע. איך מוז זיך דורכפאהרען קיין פאריז אויף א פאר טאג... זעהר וויכטיגע ביזנעס. איך וועל קומען צוריק, וועל איך דיר דערצעהלען... אבער יעה, למאנאשעס, קיינעם קיין ווארט ניט זאגען. קיינער טאר ניט וויסען... הא? וואס זאגסטו?... אבער אז איך קען ניט. דער דירידזשיבעל פליהט באלד אפ, און דאס טאר מען אייך מארגען ניט אפלייגען... הא?... טאקע א שאד... איך האב אויף דעם געווארט א גאנצען טאג... נו וואס זאל מען טאן... ביזנעס איז בעטער פלעזשור... אפשר קען מען עס אריינשטעלען אין אייז־באקס?... ווען? וואס איז היינט — דינסטאג? דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג... האר אוים... דאנערשטאג, פרייטאג, שבת, זונטאג... איך רעכען צו זיין צוריק אין דער היים ארום זונטאג אדער מאנטאג... אבער וואס קען איך טאן?!... (מר. גאלדסמיט האט זיך אנגעהויבען, פארזיכטיג צו בייר־זערען אין מאכען מיט דער איינציגער פרייער האנד אין דער לופטען, ווי ער זאל זיך מיט אימיצען דינגען.) עס איז

געגענט ער איהם מיט א פראגע, — עפעס טראבעל?

— טראבעל, קיין טראבעל ניט.

— אה, ביזט אודאי ווידער געקומען וועגען וואקיישאן, וועל איך דיר זאגען, אז ערשטענס איז יעצט ניט די צייט — דער זומער איז דאך שוין אוועק, און אז דו וועסט יעצט קומען אין קאנטרי וועט מען דאך לאכען פון דיר: פונקט ווען אלע פאהרען שוין אהיים וועסטו אנקומען. צווייטענס, וואס איז צוויי וואכען וואקיישאן? וואס פאר א באטרעף האט עס? ווארט אוים ביז נעקסטען יאהר, דאן וועט דיר קומען פאר 4 וואכען וואקיישאן, און אין פיער וואכען צייט קען מען א סך אויפטאן: א מאנאט צייט אז מען עסט און מען טרינקט, מען געפינט זיך אונטער'ן פרייען הימעל, מען ציהט אריין אין זיך די געזונטע פרישע לופט — דאס קען זיך אנזעהן פאר אזא שוואכען מענשעלע ווי דו ביזט. אי דארפסטו א וואקיישאן [illegible] יאהר וועט עס דיר בעסער צונוץ קומען...

ער האט זיך געלאזט איבעררעדען און האט נאך דעם באס געדאנקט פאר דער גוטער עצה.

די גאנצע צייט האט ער אזוי געארבייט מיט דער איינער האפנונג, אז איבער־א־יאהר זומער וועט קומען — וועט גוט זיין.

און דער שעהנער פריהלינג, נאך דעם שווערען ווינטער, איז געקומען.

דעם פריהלינג האט ער זיך געפיהלט גליקליכער פון אלע פריהלינגס, ווייל ער האט „געוואוסט" וואס עס ערווארטעט איהם. ער איז א שטאלצער און צופריי־ [illegible] אפים.

— וואס נוטס?

— וואקיישאן!

— וואס, אזוי פריה וואקיישאן? — עס איז דאך נאך ערשט מאי, וואס קלערסטו שוין פון א וואקיישאן? ווארט אוים ביז דער זומער וועט קומען, וועל איך דיר שוין אליין דערמאנען.

דער זומער איז געקומען, דער זומער איז אוועק, און ער האט איהם אליין ניט דערמאנט. איז ער ווידער געגאנגען צו איהם, און ער האט איהם ווידער איינגערעדט צו לאזען עס אויף „איבער־א־יאהר", וועט ער האבען אנגעקליבען 6 וואכען צייט אויף וואקיישאן.

איז זיך יענער יאהר אויך פארלאפען, יענער זומער איז אויך געקומען און אוועק, און — ער האט איהם ווידער איינגערעדט אפצולעגען זיין וואקיישאן אויף דעם אנדער יאהר, וועט ער האבען שוין צוויי מאנאטען צייט זיך אויסצורוהען.

און די יאהרען זיינען זיך אזוי געלאפען, מעקס ראטבלאט איז מאגערער און בלייכער געווארען, און זיין וואקיישאן האט זיך שוין אנגעקליבען אויף גאנצע דריי מאנאטען.

„ער האט רעכט געהאט, דער באס", האט ער זיך געטראכט, — וואס ווייטער ניטיג איך זיך אלץ מעהר אין וואקיישאן... זעקס יאהר אזוי אפגעארבייט, געביהרט איהם די ביזנעס, דאס געזונט געלעגט פאר איהם, און קיין איין רעיז מיר ניט געגעבען. היינטיגס יאהר מוז איך קריגען וואקיישאן, און די גאנצע דריי מאנאטען".

— מר. קוואסבערג! — האט ער אנגעפאנגען, ווען ער איז אריין אין זיין פריוואט צימער, — איהר האט מיר אימער געזאלטען אין איין צוזאגען א רעיז, און איך בין נאך אלץ געבליבען ביי די 12 דאלארקעס. די פרייזען זיינען אזוי הויך, עסען, קליידער.

— וועגען דעם ביזטו דאס געקומען צו מיר? — האט ער זיך פארוואונדערט.

— זעהסטו, ווען דו קומסט יעצט צו מיר איבערצורעדען וועגען א וואקיישאן, איז אנדערש, וואלט איך דיר אליין צוגערעדט צו דעם. דו מוזט האבען א שטיקעל וואקיישאן, אויב ניט אויף קיין גאנצע דריי מאנאטען, איז כאטש אויף דריי וואכען. נאר פארוואס טאקי ניט קיין גאנצע דריי מאנאטען, אז איך קום דיר פאר דריי מאנאטען א וואקיישאן? געה שוין און פאק זיך איין און פאהר. יעצט איז די ריכטיגע צייט דערפאר.

— וואס רעדט איהר, מר. קוואסבערג,

— האט זיך ראטבלאט ניט געקענט אפוואונדערן, — איהר מיינט עס ערנסט?

— אט דאס איז די צרה מיט אייך, ארבייטער, איהר ווילט אונז קיינמאל נישט נעהמען ערנסט. אז איך זאג געה, טא ווארט ניט און געה! אין קום צוריק ווען דו וועסט אפזיין די פולע דריי מאנאטען צייט וואס דיר קומט פאר 6 יאהר וואקיישאן.

— דאס געלט צאהלט איהר...

— זארג זיך ניט פאר דיין געלט, דו וועסט אפקריגען דיין געלט אזוי שנעל ווי דו וועסט צוריק־קומען. דאס איז דיין געלט, דו האסט עס פארהארעוועט און צו דיר וועט עס געהערען. דו קענסט מיר נאך אנטרויען אזוי פיעל געלט ווי פאר צוועלף וואכען צייט. וויפיעל איז עס?

— דאס איז הונדערט מיט פיער און פערציג דאלאר.

— טא לייה דיר צו אביסעל און פאהר טאקע, פאהר. גוד ביי, ענדזשאי!

ראטבלאט האט זיך נישט געקענט אפוואונדערן פון איהם, דערנאך אז ער האט זיך דערמאנט ער האט א וואקיישאן פון 3 מאנאטען צייט, האט ער אנגעליהען וואו ער האט געקענט, אנגעבארגט און איז אוועקגעפאהרען אויף די בערג.

דארטען האט ער געגעסען און געטרונקען פון דאס בעסטע וואס עס איז נור געווען צו קריגען, אבער צו די טייערע מאהלצייטען האט ער קיינמאל נישט פארפעהלט צו דערמאהנען מר. קוואסבערג'ן ווי א פרומער חסיד א גוטען אידען, און ער האט פאר יעדען דערצעהלט וואס פאר א גוט הארץ ער האט.

ערשט ווען ער האט זיך שוין געפיהלט אויסגערוהט. ער איז שוין געווען אפגעפאשעט, איז געווארען פעט פון די פרישע גוטע עסענס און פון די פרישע געזונטע לופט, האט ער זיך א גליקליכער צוריק־געקערט אין שטאדט.

ער איז גלייך אוועק זיך זעהן מיט זיין באס. אבער —

ווי ערשטוינט איז ער געווארען ווען ער האט אויף יענעם פלאץ מעהר נישט געפונען נישט קיין שאפ און נישט קיין באס.

מר. קוואסבערג האט איהם אנגעזעצט מיט א 6 יעהריגע וואקיישאן.

פילאדעלפיער אויפמערקזאם!

פארלארען

דער סעקרעטער פון די קאטערס יוניאן, ס. קייגעל, בעט אונז צו פארעפענטליכען אין דער „גערעכטיגקייט", אז ער האט פארלארען ביי דעם וואש־סטענד אין יוניאן אפיס, א גאלדענעם רינג מיט די איניציאלס „ס. קיי". דער געפינער וועט קריגען א באלוינונג, ווייל דעם רינג האט ער באקומען אלס פרעזענט און עס האט פאר איהם א ספעציעלען ווערטה.

גען עפעס א פעטענט, וואס זאל ברענגען א נוטען פראפיט. ווען ער זאל געפינען א בעסערע פרנסה, וואלט ער לעהרעריי אינגאנצען אויפגעגעבען. פאר איהם איז די ענגלישע מלוכה — א גרויסע האנדעלס קאנספיראציע. און ער דענקט, אז דערפאר האט מיין זוהן און די מיליאנען אנדערע קינדער אפגעגעבען זייער לעבען, כדי מיר זאלען פארנעהמען דעם פלאץ פון די דייטשען אויפ'ן האנדעלס־מארק. העכער געהט ער ניט מיט זיין געדאנק. ער האט ניט קיין רעליגיע, קיין גלויבען. צי איך וועל לעבען אדער שטארבען, איז אונמעגליך אז די סקול, מיין סקול זאל וואקסען אונטער זיינע הענט."

האסס' רעדע האט זיי אלעמען אויפגערעגט. באזונדערס זיינע טענות געגען גאט, אז ער איז אומגערעכט.

סער עליפאז האט זיך ניט געקענט צוריקהאלטען:

— איהר האט גערעדט ניט וועגען מענשען'ס אונדאנקבארקייט, נאר וועגען גאט. איך קען דאס קוים גלויבען מיינע אויערען, אבער איהר האט געזאגט, אז גאט איז אונדאנקבאר... וועדליג איהר שטעהט איצט ביים טויט, בעט איך אייך ערנסט צו באדענקען, וואס איהר האט דא געזאגט. ווען גאט איז אין אייער ארבייט, קענען מיר זי ניט צושטערען.

— איהר טוט דאס בעסטע צו שטערען זי... — האט איהם באלד דזשאב איבערגעהאקט זיינע ווערטער, — און איך בין ניט זיכער, אויב דאס וואס מיר דענקען וועגען גאט איז ניט מעהר ווי א פינסטערע פוסטקייט און א קאלטקייט, וואס איז ערגער ווי אכזריות... עס איז אלץ גוט, און אז אונזער לעבען, ווען מיר וואלטען ניט געווען זינדיג, וואלט געווען א גליקליכער...

און דזשאב האסס הויבט אן צו ווייזען ראיות פון דער נאטור.

„לאמיר זעהן אין דער ווירקליכקייט, וואס איז דער גורל פון לעבען? זיינען דען די ווילדע נאטור־חיות גליקליך? זיינען זיי געזונד? אט בין איך געגאנגען דורכ'ן וואלד און געזעהן א צוריסענע וועווערקע; פליגען, ווערים און זשאמער א קליינע מויז זיינען געלעגען פארצוקט פון א פויגעל; זיי זיינען געווען אזוי צוריסען, דאס מיט זייערע אפענע געדערים, האבען זיי צו מיר געשריען, אז איך זאל זיין דער שופט צווישען זיי און זייער באשעפער; א פאר טריט ווייטער האט זיך א קאץ געווארפען אויף א שעהנע, צארטע פויגעלע, און איהר קרבן האט זיך שוין מעהר ניט געקענט אויפהויבען אויף איהרע פליגלען; איך האב גענומען פאריאגען די קאץ, און א געדאנק איז מיר ארויפגעפלויגען, אז עס וואלט געווען מעהר בארמהערציג צו דעם פייגעלע, אז מען זאל איהם ערמארדען, איידער לאזען זיך אזוי מאטערען; איך האב גענומען טראכטען פון אנדערע באשעפענישען און איך צווייפעל, אויב איינע פון זיי איז א געזונטע און גליקליכע. איך האב ניט געזעהן קיין בוים וואס זאל ניט האבען וועלכען עס איז צופוילטען אדער אויסגעדארטען ווארצעל; באטראכט מען די גרעסערע חיות, זעהט מען אז דער טיגער פיהרט א לעבען פון שרעק, און די מעהרסטע טעג לעבט ער אין הונגער; זיין מויל איז אזוי קראנק, דאס יעדער ביס זיינער איז גיפטיג. די זעלבע שרעק, די זעלבע קראנקהייטען הערשען אויך צווישען פוינלען.

„איז עס מעגליך, פרעג איך אייך, פאר א מענשען ניט צו רעבעלירען געגען אזעלכע זאכען? ווי קען מען געטרויען א גאט, וועלכער שאפט אזא אונענדליכע צאהל פאראזיטען? דיעזע אלע זאכען זיינען דאך ניט געשאפען געווארען פלוצלונג. זיי האבען דאך אויך געמוזט דורכגעהן א לאנגען פראצעס פון עוואלוציאן און ענטוויקלען זיך פונקט אזוי ווי מיר. פאר וואס זאלען מיר פארמאכען די אויגען צו די אלע זאכען? איינס פון די צוויי: אדער די וועלט איז געשאפען פון עפעס, וואס איז באאיינפלוסט פון גרויזאמקייט, בייזקייט, קליינליכקייט; אדער די וועלט פיהרט זיך אהן עמיצענס זארג, מיט א גלייכגילטיגקייט און אהן וועלכער עס איז ריקזיכט פאר גערעכטיגקייט."

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 27, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

און מר. האסס שילדערט פאר זיי די גרויזאמקייטען פון דער איצטיגער מלחמה. ער דערציילט זיי פון די שוידערליכקייטען, וועלכע עס האבען דורכצולעבען די מאנשאפט פון א דייטשען סובמארין, די אלע וועלכע מיר רופען דא „מערדער" זיינען אין דער ווירקליכקייט בלויז די

קרבנות. זעלטען ווען די מאנשאפט פון א סובמארין מאכט דורך מעהר פון פינף רייזעס אויפ'ן ים. זיי שרעקען זיך פאר א שיף, מעהר ווי די שיף פאר זיי. ער האט געקענט צוויי דייטשע מאטראזען, וועלכע זיינען געשטארבען אלס געפאנגענע אין אן ענגלישען האספיטאל. יעדער פון זיי האט זיך פאר'ן טויט געשטעלט די פראגע: וואס האב איך געטאן? די וועלט האט מיך געמאכט פאר א מערדער, האט מיך אויסגעמאטערט און אוועקגעווארפען...

„די גאנצע וועלט איז א סובמארין", זאגט מר. האסס, „און מיר אלע זיינען די מאנשאפט. יעדען טאג זעהען מיר א וועלט טרינקען זיך אין ארימקייט, הונגער און נויט. מ י ר האבען צייט, פרייהייט און אינטעליגענץ. וואס טוען מיר אום דיעזע איבלען צו באקעמפפען?"

עס איז איבריג צו זאגען, אז זיי געפינען פאר איהם קיין ענטפער ניט, וועלכער זאל איהם צופריעדענשטעלען.

די אפעראציע געהט דורך זעהר ערפאלגרייך, און אונטער כלאראפארם פיהרט ער זיין ווייטערדיגען קאמף מיט גאט, און פאדערט פון איהם אן ענטפער אויף אלע זיינע טענות, און פאדערט פון איהם גערעכטיגקייט פאר דער וועלט.

„איך בין ניט מעהר מר. האסס, נאר א מ ע נ ש. איך בין י ע ד ע ר מ ע נ ש, וואס האט ארויפגעקוקט צו גאט נאך ליכטיגקייט. איך בין י ע ד ע ר מ ע נ ש וואס האט געדענקט און געארבייט פאר דער מענשהייט. איך בין די אויספארשער, די פיהרער, די לעהרער פון אלע דורות..."

און דורך דער צייט פון זיין שלאף ווערט אויסגעקעמפט צווישען גאט און דעם שטן דער גורל פון דער מענשהייט.

ווי אימער, האט גאט געוואונען. אין דריי וואכען צייט נאך דער אפעראציע ווערט מר. האסס געזונט, דאס רעדעל גיט זיך א דרעה און ניט נאר געווינט ער צוריק זיין סקול מיט זיינע אידעען, נאר אפילו זיין זוהן קומט צוריק א לעבעדיגער. ער איז בלויז געווען א געפאנגענער ביי די דייטשען...

מר. האסס מאכט שלום מיט גאט.

גאט — דאס איז פאר איהם דער אונשטערבליכער פייער אין מענשען, וועלכער קעמפט געגען חאאס אין געדאנק, געגען פינסטערניש, וועלכער מאכט פון אונזער לעבען א שרעקליכען תהום. געגען די אלע זאכען רופט אונז גאט צו קעמפען... ער שרייט אויס. אין אונזערע הערצער צו רעטען זיך פון די פינסטערע וועגען פון עגאאיזם, ברוטאליטעט; ער רופט אונז צו דעם ברייטען וועג פון ערלעזונג וואס פיהרט צו איינינקייט פון דער גאנצער מענשהייט.

און צו איהם געהט ער אוועק ווייטער דיענען.

די פארביטענע דרעס

(א טראגי־קאמעדיע פון דער נאהענטער צוקונפט)

פון ל. באראדולין

דריי אזייגער בייטאג איז מר. מאיער גאלדסמיט ארויס פון זיין אפיס און האט זיך געקליבען אריינצוזעצען אין זיין פארמאכטען אויטאמאביל און פאהרען אהיים פאר דינער. דאס איז געווען א מאן ניט קיין הויכער, נאר זעהר א גראבער, א פעטער און א שווערער; דער פנים א פעטער, א רויטער און א קיילעכדיגער מיט א דאפעלטען גוידער און מיט א לעכעלע אין מיטען דער מארדע. ער איז געווען אנגעטאן אין א לייכטען זומערדיגען אויבער־ראק און א ווייכען לייכטען הוט און אין האנד האט ער געהאלטען א גראבען שווארצען שטעקען מיט א גרויסען זילבערנעם קעפעל רונד, ווי א באל, און אין ווינקעל פון מויל האט געשטעקט א סיגאר.

ער האט שוין געהאט געעפענט דאס טירעל פון אויטאמאביל און האט זיך שוין געקליבען אויפצוהויבען דעם רעכטען פוס, ווען פלוצלונג איז נעבען איהם אויסגעוואקסען א הויכער דארער יונגערמאן, אויך אין א לייכטען אויבער־ראק און אויך מיט אזא שטעקען, ווי ביי מר. גאלדסמיט, און אויך מיט א סיגאר אין מויל. אבער ביי איהם איז דער סיגאר ניט געווען פארגליווערט אין איין ווינקעל פון מויל, ווי ביי מר. גאלדסמיט, נאר געהאלטען אין איין „ארוממופען" איבער דער גאנצער ליניע פון מויל. און אין האנד האט ער געהאלטען א טונקעל ברוינעם לעדערנעם פארטפעל.

— האו דו יו דו, מר. גאלדסמיט! — האט ער זיך אפגערופען און אנגעריהרט מר. גאלדסמיט פאר'ן ארבעל.

מר. גאלדסמיט האט זיך אפגעשטעלט, צוריק ארופגעלאזען דעם פוס און זיך אומגעקוקט.

— אה, האלא, האלא, מר. סאלאמאן, — האט מר. גאלדסמיט געענטפערט און אויסגעשטרעקט זיין גרויסע, ווייכע, פעטע האנד.

— איהר פאהרט אהיים?

— יא. שוין צייט עסען דינער.

— איך האב געוואלט מיט אייך רעדען א פאר זעהר וויכטיגע ווערטער.

— אלרייט, — האט מר. גאלדסמיט גלייכגילטיג געענטפערט און אנגעהויבען קריכען אין אויטאמאביל. — קומט אריין, וועלען מיר רעדען אויפ'ן וועג.

דער לאנגער מר. סאלאמאן האט זיך איינגעבויגען און אנגעהויבען קריכען אין אויטאמאביל, און קריכענדיג גערעדט:

— איהר הייסט איהם אבער טרייבען ניט אהיים, נאר צו דעם „איירעפפען איירדראם". איך וועל אייך אויפ'ן וועג ערקלעהרען.

מר. גאלדסמיט האט גאנץ גוט געקענט מר. סאלאמאנ'ען און האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אויב מר. סאלאמאן האלט איהם אפ פון דינער און הייסט איהם פאהרען צום איירדראם, איז מסתמא דארף מען אזוי. אבער אין דער היים האבען אויף איהם געווארט: 1) הייסע קנישעקלעך געפרעגעלט אויף הירנערשע שמאלץ; 2) א געפילטע קישקע, און 3) א קאלטער שטשאוו מיט א סך צוקלאפטע אייער און מיט א סך גרינע ציבעלעס, — דער ערשטער שטשאוו פון סיזאן. די אלע מאכלים גרייט פאר איהם צו די ווייב אליין; זי פארלאזט זיך ניט אויף דער קעכין. און אזעלכע מאכלים גרייט זי פאר איהם צו נאר איין מאל אין וואך, נאר אין די דיענסטאגס. וואס איז שייך צו זאגען, — די געפילטע פיש מיט א סך כריין, וואס זי גרייט צו אין די פרייטאגס; אדער דעם בארשטש מיט א סך טאמייטאס, וואס זי גרייט צו אין די מאנטאגס, אדער די געבראטענע ספרינג טשיקענס, וואס זי גרייט צו אין די מיטוואכס, אדער די אלע אנדערע מאכלים, וואס זי גרייט צו אין די אלע אנדערע טעג פון וואך — יעדער טאג אן אנדער מאכל — פעהלט אויך גאר ניט. ער זאגט דען עפעס? פארקעהרט — זיין „אידענע" ווייס שוין ווי אזוי צוצוגרייטען זיינע געליעבטע מאכלים, אז עס זאל איהם ניט ציהען אין די רעסטאראנען און האטעלען. אבער היינט זיינען דאך קנישעקלאך און דער ערשטער שטשאוו פון סיזאן, וועגען וועלכע ער האט געקלעהרט א גאנצען פריהמארגען און וועגען וועלכע ער האט זיך נאכגעפרעגט דורך'ן טעלעפאן ערשט מיט א האלבע שטונדע צוריק. און פלוצים אזא זאך....

מר. גאלדסמיט האט אויף א ווילע פארמאכט זיינע קליינע אויגעלעך און האט זיך פארטראכט. א ביטערער קאמף איז פארגעקומען אין איהם. פון איין זייט ביזנעס, און פון דער צווייטער זייט — געפילטע קישקעס און א קאלטער שטשאוו, דער ערשטער אין סיזאן. אבער ענדליך האט ער באשלאסען.

— ביזנעס בעפאר פלעזשור, — האט ער שטיל אויסגעזיפצט מיט א לייכטען זיפץ און געהייסען דעם שאופער טרייבען צו דעם „איירעפפען איירדראם".

די גאנצע צייט, וואס מר. גאלדסמיט האט געטראכט, איז מר. סאלאמאן גע־

ער נעהמט וואקיישאן...

(הומארעסקע)

פון באנקיר פאן יאסעלדארף

מאז קוואסבערג איז געווען א באס איבער דריי הונדערט מיט פופצעהן ארבייטער. זיין ערשטע שאפקע האט ער געהאלטען אויף א טאפ פלאר ערגעץ אין א יארד, צו וועלכען צוקומען פלעגט מען דורך אזא הילצערנעם לייטער.

ווען ס'האט אבער אויסגעבראכען א פייער אין זיין שאפ און די ארבייטער האבען זיך געראטעוועט דורך שטריק, מיט וועלכע זיי האבען זיך ארונטערגעלאזט דורך די פענסטער, — ערשט דאן איז ער געצוואונגען געווען זיין שאפ אריבערצומופען. אין יענער צייט האט ער נאר געהאט עטליכע און צוואנציג שוירט־מאכער, וועלכע האבען אמאל געסטרייקט ביי איהם פאר א 78-שטונדיגע ארבייטס־וואך. ער איז צוליעב דעם איינגעגאנגען אז מען זאל ביי איהם ארבייטען פון שטיק, און יעדער האט פארדיענט א דורכשניטליכע געהאלט פון 12 דאלאר א וואך.

זינט ער האט אפגענומען די פייער־אינשורענס, האט ער זיין שאפקע איבערגעפיהרט אויף בראדוויי, האט אלע זיינע ארבייטער מיטגענומען און צוגענומען יעדע ווייל צו ביסלעך, ביז ער איז געווארען דער באס איבער מעהר ווי דריי הונדערט ארבייטער.

צוליעב דעם האט זיך שוין אויך געלוינט צוצופיקסען א רעגעלען אפיס און אריינגעמען א בוך־האלטער, וועלכער זאל איהם פיהרען די ביכער, מחמת ער אליין, כאטש ער איז געווען א פולער ברייטער איד, מיט א קאפ פון א העלפאנט, האט ער זיך אבער נישט אויסגעטויגט אויף די ציפערלעך. דאס ביסעל וואס עס האט יא געקענט רעכענען, איז אויף די פינגער. און וויפיעל פינגער האט עס א מענש?

האט ער אריינגענומען א בוך־האלטער, א יונגעמאן מיט'ן נאמען מאקס ראטהבלאט. דאס האט פאסירט מיט א 6 יאהר צוריק.

— מר. ראטהבלאט! — האט ער זיך צו איהם דאן געווענדעט, ווען ער האט איהם אנגעשטעלט, — איהר געפעלט מיר! איהר זעהט זיך אויס צו זיין א שטילער בחור, און שטילע בחורים גלייך איך זעהר. זיי זיינען נישט קיין ליידאקעס, ווי מיינע ארבייטער זיינען. ביי זיי איז רעיז און רעיז און גיב און גיב און טראג זיי אונטער. אי פון וואנען? און פון וואס? ארבייט גענוג שטונדען אין טאג און גענוג טעג אין וואך וועט טראגען אויף אלעם. דערצו זוכען זיי זיך סטרייקס, יוניאנס, סעטלמענטס, קאנטראקטען, גאנצע געשיכטעס — איהר זענט נישט קיין יוניאן מאן און מען קען מיט אייך האנדלען.

— פארשטעהט זיך, — זאגט ראטהבלאט מיט א שמייכעל, — צוועלף דאלאר איז קיין געלט ניט, און איהר וועט שוין מסתמא אליין רעיזען.

— זעהסטו, דאס איז פיין פון דיר! אז דו פארלאזט זיך נאר אויף מיר, וועט אלעס גוט זיין!

— איהר דארפט אייך וויסען זיין — זאגט איהם ראטבלאט, — אז אין אפיסעס פיהרט זיך, אז א בוך־האלטער קריעגט יעדען יאהר צוויי וואכען וואקיישאן. אזוי האב איך אימער געקראגען.

— דאס דוקא ווייס איך ניט, — זאגט מר. קוואסבערג, — נאר אז דו זאגסט וואקיישאן, ווערסטו האבען וואקיישאן.

איז זיך געלאפען א מאנאט נאך א מאנאט און ראטבלאט איז געווארען מעהר ביזי מיט די ציפערן, די חשבונות זיינען לענגער געווארען, די ביכער געדיכטער, די טעג הייסער, און ער האט זיך גענומען פיהלען אויסגעמאטערט. ער וואלט בעסער געוואלט שוין איצט נעמען זיין וואקיישאן.

און איין פריהמארגען איז מר. ראטבלאט אריין אין אפיס פון מר. קוואסבערג.

— וואס נוטס?

— אט גארניט, איך האב אייך נאר געוואלט דערמאנען אן מיין וואקיישאן, — האט דער בוכהאלטער געשטאמעלט.

— נו, אודאי, וואקיישאן, ווי דען? דאס וואס דיר קומט, וועסטו קריגען.

— אבער אז פאהרען, וואלט איך שוין געפאהרען. וואס איז צו ווארטען?

— וואס! ? — גיט זיך קוואסבערג א צאפעל, — יעצט וואקיישאן? ווער פאהרט עס אין דזשון אויף וואקיישאן? מען פאהרט אין קאונטרי ווען דער זומער שטעלט זיך איין. אגוסט — דאס איז די צייט פון וואקיישאנס. נאר מענסט זיך ארבייטען רוהיג און זארג זיך ניט — איך וועל דיר שוין אליין דערמאנען ווען צו פאהרען.

איז זיך פארלאפען דזשון, דזשולי, אוגוסט און דער באס האט איהם נאך אלץ ניט דערמאנט וועגען פאהרען. האט ער זיך מישב געווען — וואס וועט ער ווייטער ווארטען? ער וועט ווידער מיט איהם א רעדט טאן. איז ער צו איהם ווידער אריין אין אפיס.

— וואס איז ווידער נייעס? — באר

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

א. ל. שווארצבערג. — וועט פארעפענט־ליכט ווערען גאר אין קורצען. די זאך גע־פעלט אונז, אויב איהר האט נאך אזעלכע, מעגט איהר עס צושיקען.

ז. — מיר האלטען ניט פון געבען אונ־זערע לעזער איבערגעניצעוועטע סחורה, דאס הייסט זאכען, וועלכע זיינען שוין געווען גע־דרוקט אין אנדערע צייטונגען, נאר אביסעל אפגעפרישט פאר אונז. ווען עס וואלט שוין געווען ביי אונז אזא דוחק, וואלטען מיר בעסער געגעבען איבערזעצונגען פון די בעס־טע שריפטשטעלער, וואס מיר האבען.

ה. סילווער. — ניט איהר קענט שרייבען און ניט איהר האט עטוואס נייעס צו זאגען. ווענינסטענס אין א פארמע וואס זאל זיין אנציהענד. איהר קענט זיך דארום פארשפא־רען די וויייטערע מיה פון צושיקען אונז עטוואס פון אייער פעדער. מיר גלויבען ניט, אז איהר וועט אמאל אנשרייבען אזעלכעס, וואס זאל זיין דרוקבאר.

י. אווערבוך. — עס קען זיין, אז דאס איז א זעהר גוטע זאך, אבער מיר קענען עס ניט איבערלייענען. עס דאכט זיך אונז, אז איהר האט עס אזוי אבזיכטליך געשריבען, אום צו מאטערען אונז, און זעהען, אויב מיר וועלען טרעפען וואס איהר האט געמיינט. אבער, דעם אמת זאגענדיג, האבען מיר זיך ניט געמא־טערט. ווי נאר מיר האבען איבערגעלייענט די ערשטע שורה, וועלכע לויטעט ווי פאלגט: „איך, אייק פון 11טען יוניפי צימער", הא־בען מיר שוין מעהר ניט געלייענט.

מ. סאממער. — אייער בריעף מיט דעם אדרעס וועלען מיר איבערגעבען צום מענע־דזשער. ווען איהר שרייבט אבער גלייך אויף דעם אדרעס: „מענעדזשער גערעכטיגקייט", וואלט דער בריעף גלייך אנגעקומען אין די ריכטיגע הענט. איהר וואלט זיכער גיכער גע־קראגען די צייטונג און אונז וואלט איהר אויך פארשפארט איבריגע ארבייט.

א. — דאס איז ניט פון קיין ליטעראריש־ען ווערטה, כאטש לאנגוויליג איז עס אזוי, אז די איינציגע ענטשולדיגונג פאר דעם וואלט געווען, ווען איינער וואלט געקענט זאגען וועגען דעם: „וואס ווילסטו, עס איז דאך ליטעראטור!" מיר האפען, אז איהר וועט דערפון ניט דרינגען, אז אויך מיר האלטען „ליטעראטור" פאר עטוואס זעהר לאנגווייליגעס. פארקעהרט, אכת גוטע ליטעראטור איז דער שענסטער און גרעסטער גענוס פאר אן אינטעליגענטען מענשען. אבער די צרה איז, וואס פיעלעס, וואס פארדיענט גארניט דעם נאמען, זעגעלט איצט אונטער דעם פלאג: „ליטעראטור", און נאר דערפאר, ווייל עס איז פון קיין אינטערעס פאר קיינעם.

ס. ס. — מיר האבען אייך אין לעצטען נומער ערקלערט, וואס מיר האבען געהאט אויסצוזעצען געגען אייער ארטיקעל. געוויס האט איהר מיט קיין זאך זיך ניט פארזינ־דיגט, און אפילו ווען יע, וואלטען מיר דאך געוויס זיך באמיהט צו זיין גערעכט צו אייך, אבער פאר אונז זיינען די אנגעגעבענע אור־זאכען אין לעצטען נומער געווען א גענוגענ־דער גרונד, ווארום דער ארטיקעל זאל ניט פארעפענטליכט ווערען. און מיר גלויבען, אז נאכדעם, ווי איהר האט שוין איבערגע־לייענט אונזער ענטפער, און אייער כעס איז פאראיבער, האט איהר געוויס אנערקענט, אז מיר זיינען געווען גערעכט.

מ. פ. — דורך א העדליין זאל אויעקגע־הרג'עט ווערען עטוואס, וואס איז עכט און ניט קינסטליך אויפגעבלאזען, דאס איז עטוואס, וואס מיר קענען זיך קוים פארשטעלען. וויי־טער איז געטאן געווארען אלעס, וואס איהר האט פארלאנגט, און מיר קענען אייך פארזי־כערען, אז ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, וועלען מיר געוויס טאן אלעס אין אונ־זערע כחות אייך צו העלפען. מיר ווילען אייך אויך אויפמערקזאם מאכען, אז איהר מאכט א טעות, ווען איהר מיינט, אז דאס „אנדערע" איז ניט ווערט קיין אויסגעבלא־זען איי. מיר זיינען אביסעל אנדערש אינ־פארמירט. יעדענפאלס, האבען מיר גענוג „פאלווער" פאר אלע פראנטען, און עס איז ניט געפעהרליך, ווען מען גיט אמאל אן אי־בעריגען שאס. געזעהען אויך אייערע בילד־לעך, אבער, ווי אונז שיינט, לוידען זיי פון איבערטרייבונג, און וועלען ניט מאכען די געוואונשטע ווירקונג.

ל. ב. — מיר האבען איבערגעלאזען אינ־סטרוקציאנען. יעדענפאלס, ווען איהר וועט לייענען די דאזיגע שורות, וועלען מיר שוין זיין צוריק אין ניו יארק, און מיר וועלען זיך קענען פערזענליך דורכריידען, אויב עס וועט נויטיג זיין.

ז. ל. — מיר האבען נאך ניט באשטימט וועגען דעם. עס איז א סברא, אז די דאזיגע „פיטשור" זאלען מיר אין גאנצען אויפגעבען, ווייל, ווי עס שיינט, האט עס ניט געפונען דעם נויטיגען אפקלאנג צווישען די לעזער. אבער דערווייל וועלען מיר עס לאזען, ווי עס איז. מיר וואלטען אייך געענטפערט דורך א בריעף, איז אבער אייער אדרעס, לוידער, אונז פארלארען געגאנגען. האפענטליך וועט איהר עס ניט נעהמען פאר אומגוט.

י. ליפמאן — ניין, מיר האבען מיט דער אפטיילונג גארניט וואס צו טאן. ווענדעט זיך צום מענעדזשער, ע. ליעבערמאן, 31 יוניאן סקווער. די צייטונג, אויב אייער אדרעס איז נאר דער ריכטיגער, דארף צו אייך אנ־קומען. נאטירליך, קענט איהר ניט ערווארטען, אז דיזעלבע וואך, וואס איהר בייט אום אייער אדרעס, זאל איהר שוין קריגען די צייטונג מיט דעם נייעם סטענסאל. דאס נעהמט עטוואס צייט. דאס גלייכסטע איז, דאס איהר זאלט אויך אין פאסט אפיס אנגעבען אייער נייעם אדרעס, דאן קען קיין פארהאלטונג ניט זיין.

מ. באזלי. — יענעם'ס, נאך וועלכען דאס איז א נאכאהמונג, איז טאקע זעהר גוט, און וועט בלייבען איינס פון די פאפולערסטע אי־דישע לידער, אבער אייער נאכמאכעכץ, אדער ריכטיגער, אייער פירוש טויג צו גארנישט, און טאקי נאר דערפאר, ווייל יענעס געדיכט נויטיגט זיך ניט אין קיין פירוש.

ב. לעוויצקי. — ניין, מיר האבען ניט אי־בערגעגעבען די געשיכטע אזוי, ווי זי איז געדרוקט. דער פאקט איז, אז מיר האבען איהר ניט געדענקט אין אלע איינצעלהייטען, נאר אין די אלגעמיינע שטריכען. דערפאר האבען מיר טאקי געשריבען: „עס טומעלט זיך", אדער עס פלאנטערט זיך אין אונזער מוח. אבער דער עיקר איז דאך ניט געווען פאר אונז די מעשה, נאר דער מוסר השכל איהרער. מיר האפען, אז ער האט ניט פאר־פעהלט צו מאכען א ווירקונג אויף מאנכע, אזוי אז זיי וועלען זיך כאפען באצייטענס, אז עס איז ווירקליך ניט קלוג, אויב ניט גע־פעהרליך, אזא סארט האנדלען, וועלכער רע־כענט זיך ניט נאר מיט דער ווייטער, נאר זאגאר ניט מיט דער נאהענטער צוקונפט.

ל. גרין. — איהר קענט קומען אין אפיס כמעט יעדען טאג צווישען 10 און 1 נאכמי־טאג. נאר גלייכער און לייכטער וואלט גע־ווען פאר אלע צדדים, ווען איהר וואלט אונז געשריבען וועגען דעם. אבער, ווען איהר שרייבט, שרייבט צום פונקט, הויבט ניט אן פון אדם הראשון. איהר ווייסט דאך, עס איז הייס, און עס קומט אן שווער איבערצולייע־נען א גאנצען בריעף.

אפרים. — אונזער עצה איז אין אייער פאל ניט צו זיין צו האסטיג. עס איז א געוואגטער שריט, וועלכער קען ברענגען מיט זיך גאנץ וויכטיגע רעזולטאטען סיי פאר אייך און סיי פאר אייער איינציג קינד. איז דער־פאר גלייכער איהר זאלט זיך איבערלייגען איין מאל און ווידער אמאל. ווען אבער איהר וועט שוין האבען זיך ענטשיידען צו האנדלען, דאן האנדעלט מיט מוטה, פעסט. לאזט ניט איבער דעם מינדסטען צווייפעל וועגען אייער פעסטען ענטשלוס, און, מיר גלויבען, אז איהר וועט דאן האבען געהאנ־דעלט ריכטיג מיט דער מינדסטער מאס פון אונאנגענעהמליכקייטען און צרות אין אזא פאל. ווען אלעס וועט זיין צו ענד, און איהר וועט פיהלען, ווי„ זיך אראפצורייסען פון הארצען", קענט איהר אונז שרייבען. אפשר וועט דאס אליין אייך העלפען אריבערטראגען די שווערע צייט.

מ. וויינבערג. — אונזערע איינדריקע וועגען דער קאנווענשאן פון דער „א. פ. און ל." אין אטלאנטיק סיטי, וועלען מיר פאר־עפענטליכען אין א רייה ארטיקלען אין דער גאר נאהענטער צוקונפט. מאטעריאל איז דא גענוג פאר שרייבען און שרייבען. אבער מיר וועלען זיך געוויס באגרענצען מיט דאס סא־מע, קאמע וויכטיגסטע.

זומער קלאסען אין די ארבייטער רינג שולען

זעהר א גרויסער טייל פון דער אי־דישער ארבייטערשאפט איז נאך גארניט אדער זעהר וועניג באקאנט מיט דער טע־טיגקייט פון די אידישע ארבייטער רינג שולען. אבער עס איז זיכער, אז אט די שולען זיינען א גרויסער טריט פאראויס אויפ'ן געביט פון ערציהען די קינדער פון די אידישע ארבייטער אין אמערי־קא. די קינדער ווערען באקאנט אין אט די שולען מיט דער שפראך, מיט דעם לע־בען און מיט די אידעאלען פון זייערע עלטערן און פון די אידישע ארבייטער־מאסען בכלל. זיי באקומען אין די אר־בייטער רינג שולען אן ערציהונג אין א פרייהייטליכען גייסט, און עס ווערט דאר־מען איינגעפלאנצט אין זיי דאס שטרע־בען צו עהרליכקייט, צו אמת און בכלל צו אלץ, וואס עס איז גוט.

איצט, ווען די פאבליק סקול גיט זיך אזוי פיעל אפ מיט איינפלאנצען אין די קינדער איבערטריבענעם שאוויניסטישען פאטריאטיזם און שנאה צו אנדערע פעל־קער — מעגען דאס אפילו זיין דייטשען, — און ווען מען פילט דארט ממש אן די קעפ פון די קינדער מיט די פאלשסטע און פארדרעהטסטע באגריפען און פאר־שטעלונגען וועגען די סאציאליסטען, באלשעוויקעס, א. ד. גל., איז פאר דעם אידישען ארבייטער מעהר ווי נויטיג, אז זיין קינד זאל כאטש א קורצע צייט, א קליינעם טייל פון טאג געפינען זיך אין א פרייערער אטמאספערע, וואו עס זאל קאנען אויסלופטערן א ביסעל זיין מוח'ל פון אט דעם טשאד. און גיט מען נאך צו, אז די פאבליק סקול, ווען זי בלייבט דער איינציגער ערציהונגס־פאקטאר פאר־פרעמדט סוף כל סוף און רייסט אין גאנ־צען אפ דאס אידישע קינד פון זיינע על־טערן, אזוי אז עס הערט אויף זיי צו פארשטעהן און ווערט אפטמאל אפילו פיינדליך געשטימט בנוגע זיינע עלטערן און זייערע אידעאלען, — מוז מען קומען צום שלוס, אז א אידישער ארבייטער טאר ניט בלייבען אזוי נאכלעסיג צו דער פראגע פון ערציהען זיינע קינדער, ווי ער איז געווען ביז איצט.

מיט'ן אנקומען פון די וואקאציעס שטעלט זיך פאר יעדען אידישען ארביי־טער נאך בולט'ער די פראגע. די קינדער באקומען גאנצע אכט־צעהן וואכען, פרייע פון פאבליק סקול. און יעדער פאטער און מוטער דארף זיך געבען אן ענטפער; צו איז טאקע ווינשענסווערט, אז אין משך פון אט דער גאנצער לאנגער פרייער צייט זאלען זייערע קינדער בלויז ארומלויפען, און ארומשלאגען זיך צווי־שען־אנאנד אויף די אנגעברענטע שטוי־ביגע גאסען פון שטאדט? אפשר איז כדאי, אז די קינדער זאלען כאטש א טייל פון דעם גאנצען פרייען טאג בעסער פאר־ברענגען אונטער דער אויפזיכט פון קאמ־פעטענטע לעהרער און עפעס לערנען אין א פאסיגער שול און הערען דארט א גוט ווארט? אפשר איז בעסער, אז די קינדער זאלען אויסנוצען אט די פרייע צייט אויף אנצופילען כאטש וויפיעל עס איז דעם פוסטען חלל, וועלכער איז פאראן אין זייער ערציהונג אלס קינדער פון ארביי־טער און פון אידען? א שעה, אנדערהאל־בען א טאג לערנען אין א באקוועמען קלאס קאן זיכער ניט שאדען דעם געזונט פון'ם קינד, קאן אבער גרויס נוצען ברענ־גען דער גייסטיגער און מאראלישער אנטוויקלונג זיינער.

די אידישע ארבייטער־רינג שולען אין הארלעם, וויליאמסבורג און בראנז־וויל, וועלכע האבען ביז איצט געגעבען אין זייערע קלאסען א געהעריגע ראדיקא־לע אידישע ערציהונג פאר א פינף הונ־דערט ארבייטער־קינדער, האבען איצט באשלאסען צו עפענען נייע ספעציעלע זומער־קלאסען פאר קינדער, וואס ווילען לערנען אין דער צייט פון וואקאציעס. אין די ארבייטער־רינג שולען האט מען ביז איצט געלערנט די אידי־שע שפראך, און צוגענגליכע פראגמענ־טען פון דער אידישער ליטעראטור; די אידישע געשיכטע און עפיזאדען פון דער געשיכטע פון די פרייהייטס־באוועגונגען; ביאגראפיעס פון אידישע און ניט־אידי־שע גרויסע לייט און קעמפער פאר'ן אמת און פאר פרייהייט, מען האט דארט אויך געשמועסט מיט די קינדער וועגען זא־כען וואס אינטערעסירען זיי און וועגען פראגען, וואס די ארומיגע סביבה רופט ביי זיי ארויס, און מען האט מיט זיי גע־זונגען אידישע פאלקס און פרייהייטס־לידער. איצט, זומער, וועט די שול אוי־סער איהר געוועהנליכער ארבייט נאך איינארדנען איינמאל אין וואך ארויס־פאהרונגען פאר די קינדער אין א פארק. דארטען וועלען די קינדער פארברענגען דעם טאג; עס וועלען פאר זיי איינגעאר־דענט ווערען שפילערייען, שמועסען אויף נאטור־וויסענשאפטליכע און אנדערע טעמעס און ד. גל.

דער אידישער ארבייטער, וועלכער האט א חוש פאר יעדער נייער שענער אידעע, וואלט זיך געדארפט ניט וועני־גער ווי מיט אנדערע זאכען פאראינטע־רעסירען מיט דער אידישער ארבייטער־רינג שול, וועלכע גיט איהם די מעגליכ־קייט אויף א פאסיגען און צופרידענ־שטעלענדען אופן צו לעזען די פראגע וועגען דער אידישער און אין א גרויסער מאס אויך אלגעמיינער ערציהונג פון זיינע קינדער.

לעצטענס האבען אלע דריי אידישע ארבייטער־רינג שולען פון ניו יארק גע־שאפען א פאראייניגטע קאמיסיע וועלכע דארף זעהן, אז די לימודים און דאס ארט פון לערנען אין די אלע שולען זאל זיין אן איינהייטליכער און אין איינקלאנג מיט די פרינציפען וואס די ארבייטער־רינג־שולען האבען זיך געשטעלט.

די שולען געפינען זיך אין פאלגענ־דע פלעצער:

1) הארלעם: 143 איסט 103טע סט.
2) וויליאמסבורג: 6 טרופ עוו.
3) בראנזוויל: 105 טהאטפארד עוו.

די רעגיסטראציע פון די קינדער (פון 7 יאהר און עלטער) פאר די זומער־קלא־סען וועט אנהאלטען די לעצטע וואך אין יוני און די ערשטע וואך אין יולי.

וועכענטליכע דיוס אין דער טשילדרען דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50 געהעכערט פון 20 סענט אויף

25 סענט

די טשילדרען דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 50 א. ל. ג. וו. י. מאכט בעקאנט צו אלע איהרע מיטגליעדער, דאס

פון דעם ערשטען דזשולי 1919 וועט די דיוס זיין 25 סענט א וואך

צו אלע מעמבערס פון אונזער יוניאן:

איהר ווערט אויפגעפאדערט צו ווערען גוטשטעהענד ביז דעם 1טען דזשולי איידער דער נייער געזעץ געהט אריין אין קראפט. די יעניגע וועלכע וועלען ניט גוט־שטעהענד ווערען ביז דער צייט, וועלען מוזען באצאה־לען די ריקשטעהענדע שולדען לויט דעם נייעם געזעץ 25 סענט א וואך.

ספעשעל נאטיס צו די טשערליידיעס

די איינטריטס געלד פאר נייע מיטגליעדער וועט פון דעם 1טען דזשולי געהעכערט ווערען פון 3.45 דאל. צו 5.50 דאלאר.

טשילדרען דרעסמייקערס יוניאן

אודאי אן עבירה... מען קען ניט, זאג-
סטו, אין אייזבאקס אזוי לאנג?... נו,
וועסטו מאכען אנדערע... איך וועל דיר
ברענגען פון פאריז א פיינעם פרעזענט.
וואס ווילסטו?... שא! איך וועל דיר
נאר ברענגען א דרעס. אן אמת'ע פא-
ריזער דרעס, לייטעסט סטייל, מיט א
לייבעל פון דער בעסטער פאריזער מא-
דיסטען!... ווי געפעלט עס דיר, הא?...
וואס הייסט? דו וועסט זיך אליין אויס-
קלייבען, וועלכע דו וועסט וועלען... וואס
הייסט — ווי אזוי? זיי האבען דען ניט
קיין טעלעפאטאפאן אין פאריז? איך
וועל הייסען קאנעקטען לאנג דיסטענס
מיט אונזער הויז, און שוין! וועסט זיך
אויסקלייבען וועלכע דרעס דו וועסט ווע-
לען, און זיי וועלען אויף דיר א קוק טאן,
וועלען זיי שוין וויסען, וואס פאר א סייז
דו דארפסט. וואט דען האסטו גע-
מיינט, נארעלע?... (נאך דעם „נארע-
לע“, האט מר. סאלאמאן פארשטאנען,
אז ביי דער מיט. גאלדסמיט האט דער
כעס אנגעהויבען אפצוגעהן). עס וועט
שוין זיין אלרייט פאדלאז זיך נאר
אויף מיר. דו וויסט דאך, אז מר. גאלד-
סמיט זאגט א ווארט איז א ווארט. נו,
זיי געזונד. גוד באי. גריס די קינ-
דער... סיידי! סיידעלע! ווארט! נאך
אויס א מינוט. הער זיך איין. אז מען
וועט מיר מארגען אפרופען פון אפיס,
זאלסטו זאגען, אז איך פיהל ניט גוט און
קען ניט ארויס פון הויז. זאלסט למא-
נאשעם ניט זאגען, אז איך בין אפגע-
פאהרען קיין פאריז. קייענר טאר עס
ניט וויסען. איך וועל דיר שפעטער אפ-
רופען פון דירידזשיבעל, וועל איך מיט
דיר רעדען דורך דעם טעלעפאטאפאן,
איך וועל דיר שוין דעמאלט זאגען. נו
גוד באי. זיי געזונט. גריס די קינדער.

מר. גאלדסמיט האט זיך נאך אבי-
סעל איינגעהערט, און דערנאך פאר-
שרויפט צוריק דעם קעפעל פון שטעקען.

דערגוויילע איז דער אויטאמאביל צו-
געפאהרען און האט זיך אפגעשטעלט ביי
דער ריעזיגער בילדינג פון דער „איירא-
פעאן איירדראם“. דא האבען זיך ביי-
דע געזעגענט. מר. סאלאמאן איז אוועק-
געפאהרען אין זעלבען אויטאמאביל צו-
ריק אין שטאדט אריין און מר. גאלד-
סמיט איז אריין אין בילדינג.

די געביידע פון דעם „אייראפעאן
איירדראם“ איז זעהר א גרויסע, איינע
פון די גרעסטע אין שטאדט. זי איז
צוויי בלאק די לענג, איין בלאק די ברייט
און 40 גלייכע שטאק די הויך, אהן א
טורם. די גאנצע געביידע איז פול מיט
אפיסעס און געשעפטען און מיט מענ-
שען שווימעלט דא און גריבעלט ווי אין
א מוראשעניק. אבער די הויפט-אויפ-
גאבע פון אט דער גרויסער געביידע איז
צו דינען אלס א סטאנציע פאר דעם
דירידזשיבעל, וואס מאכט זיינע רעגולע-
רע לופט-רייזעס צווישען ניו יארק און
פאריז.

מר. גאלדסמיט איז צוגעגאנגען צו
דער קאסע, אוועקגעלעגט אויפ'ן פענ-
סטערעל פינף פרישע קנאקעדיגע הונ-
דערטער און געהייסען זיך געבען א „רי-
טורן“ טיקעט קיין פאריז. פון דער קא-
סע איז דער וועג געווען א שמאלער, און
מר. גאלדסמיט איז קוים דורכגעגאנגען.
אויפ'ן וועג, ביי א טירעל, איז געשטא-
נען א הויכער, געזונטער מאן אין א
נייעם יוניפארם. ער האט באטראכט
דעם בילעט, איהם דורכגעשטאכען מיט
א צווייגעל און דורכגעלאזט איהם. עט-
ליכע טריט ווייטער איז געווען די אפע-
נע טירעל פון עלעוויי טער. מר. גאלד-
סמיט איז אריין אינעווייניג, זיך אנגע-
שפארט אן זיין שטעקען און געווארט ביז
מען וועט איהם אויפהייבען. דער עלע-
וויי טאר-באי האט איהם באטראכט, האט
איהם אפגעמאסטען און אפגעוואויגען
מיט די אויגען, ווי ער זאל זיך מישב
זיין צו ער זאל ווארטען אויף נאך פא-
סאזשירען, אדער דער אליין איז גענוג.
ענדליך האט ער הפנים באשלאסען, אז
דער אליין איז גענוג לאה פאר א טריפ,
האט ער פארמאכט דאס טירעל און א
דרעה געטהאן א הענטעל. און פלוצים
האט מר. גאלדסמיט דערפיהלט, ווי דאס
גאנצע בלוט פון קערפער האט זיך איהם
א גאס געטאן צו די פיס. עס האט איהם
פארכאפט דער אטעם און די קניע הא-
בען זיך א בויג געטהאן. ער איז אבער
איינגעשטאנען אויף זיין ארט און גע-
בליבען שטעהן די גאנצע אנדערהאלבען
מינוט, וואס דער עלעוויי טער איז גע-
פליגען אין דער הויך. ענדליך האט
דער עלעוויי טאר אפגעשטעלט, דאס טי-
רעל האט זיך געעפענט און מר. גאלד-
סמיט איז ארויס אויף דער פלאטפאר-
מע, אויף דעם דאך פון דער געביידע.

(פארטזעצונג פאלגט)

דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאק. 25

א זיצונג פון'ם עקזעקוטיוו באארד
פון דער לײדיס וויסט און דרעסמיי-
קערס יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאל-
טען געווארען דינסטאג אבענד, דעם
17טען יוני, אין פיפעלס האוז, 7 איסט
15טע סט., שוועסטער דזשעני מאטיאס,
טשערמאן.

עס ווערט אויסגעהערט דער בא-
ריכט פון דער אפיעל קאמיטע, און דער
עקזעקוטיוו באארד גיט ארויס זיינע ענט-
שיידונגען אין די אפיעלס, וועגען וועלכע
די קאמיטע באריכטעט.

די פינאנס און רעליעף קאמיטע
שטעלט צו איהר באריכט, וועלכער ווערט
פון'ם עקז. באארד אויסגעהערט און פאר-
האנדעלט.

בה. יודעל שיקט אריין זיין רעזיג-
נאציע אלס בעאמטער פון דער יוניאן,
וועלכע זאל אריין אין קראפט דעם 28טען
פון דיזען מאנאט. אלס גרונד פאר זיין
רעזיגנירען גיט בר. יודעל אן דעם פאקט,
וואס די אכט יאהר צייט, וועלכע ער האט
אפגעארבייט פאר דער ארגאניזאציע הא-
בען זיך שלעכט אפגערופען אויף זיין גע-
זונט, און ער איז איצט ניט בכח ווייטער
צו דיענען דער ארגאניזאציע מיט דער
זעלבער פיזישער און גייסטיגער אנ-
שטרענגונג, וועלכע זיין אמט אין דער יו-
ניאן פאדערט. בר. יודעל פארזיכערט
דערביי דעם עקזעקוטיוו באארד, אז
ארויסטרעטענדיג פון דער יוניאן אלס א
באצאהלטער בעאמטער, בלייבט ער דאך
טריי און איבערגעבען צו די אינטערעסען
פון דער יוניאן, און ער וועט תמיד זיין
בארייט צו העלפען דער ארגאניזאציע
מיט אלץ וואס ער וועט קענען. דער עק-
זעקוטיוו באארד נעהמט אן זיין רעזיגנא-
ציע מיט גרויס באדויערען, און באשטימט
א קאמיטע פון די ברידער הײמאן, גוז-
מאן און רייזבערג אויסצודריקען צו ברו-
דער יודעל דעם באארד'ס דאנק און
אנערקענונג פאר זיין גוטער ארבייט,
וואס ער האט געלייסטעט דער ארגאני-
זאציע דורך דער גאנצער צייט, וואס ער
איז מיט איהר געווען פארבונדען.

בר. זיידמאן שיקט אריין א צו-
שריפט, אין וועלכען ער מעלדעט דעם
עקזעקוטיוו באארד, אז ער רעזיגנירט פון
זיין אמט. ער ערקלערט אין זיין צושריפט
אז ער מאכט דעם דאזיגען שריט נאך א
זעהר פארזיכטיגער איבערלעגונג, און אז
ער איז מיט דעם שריט ניט אויסען אויס-
צומיידען די קאמפליצירטע פליכטען, וואס
זיין ווייטערער בלייבען אין אפיס וואלט
אויף איהם ארויפגעלעגט. ער וועט, ער-
קלערט ער, אויך ווייטער זיין גרייט צו
העלפען דער ארגאניזאציע מיט וואס ער
וועט קענען. ער בעט אז זיין רעזיגניישאן
זאל גלייך אריין אין קראפט.

דער צושריפט רופט ארויס א לענ-
גערע דיסקוסיאן. דער עקז. באארד דריקט
דאן אויס זיין באדויערען איבער בר. זייד-
מאן'ס אוועקגעהן פון'ם אפיס, און אינ-
סטרואירט די קאמיטע פון ברודער הײ-
מאן, גוזמאן און רייזבערג אויסצודריקען
אויף א פאסענדען וועג דער יוניאנס
אנערקענונג פאר זיידמאן'ס איבערגעבענ-
הייט אין ארבייט צו און פאר דער יוניאן.

שוועסטער דזשעני מאטיאס שטעלט
צו דורך א צושריפט איהר באריכט אי-
בער דער ארגאניזאציאנס ארבייט אין די
שעפער פון ניו דזשוירזי, וואו זי איז אר-
גאנייזער. זי מעלדעט, אז פיעלע נייע
שעפער ציהען אריבער אהין פון ניו יארק,
און אז דאס פאדערט מעהר אויפמערק-
זאמקייט און טהעטיגערע ארגאניזאציאנס
ארבייט. זי ווייזט אן, אז אינדיווידועלע
שאפ-סטרייקס איז דער פאסענדסטער
מיטעל אונטער די אומשטענדען.

א קאמיטע, באשטעהענד פון די
שוועסטער דזשוליצקי, רייך, קראנהארדט,
און ברידער שאפירא און קאהען, ווערט
ערוועהלט, אז זי צוזאמען מיט דעם מע-
נעדזשער פון'ם אינדעפ. דעפארט. בר.
רייזבערג, זאלען מאכען א גענויע אונטער-
זוכונג אין דער לאגע פון די שעפער אין
ניו דזשוירזי, און זעהן צי עס וואלט זיין
פאסענד איצט דארט אנצוהויבען א טיכ-
טיגען ארגאניזאציאנס קאמפיין.

דער באריכט פון דער פינפער קא-
מיטע, וועגען דער איצטיגער לאגע אין
אונזער ארגאניזאציע, ווערט אויפגענו-
מען, עס ווערען באטראכט איינציגע פלע-
נער פון דיזער קאמיטע. אין פארבינדונג
מיט די דאזיגע פלענער ווערט אויך רע-
קאמענדירט, אז דער טערמין פון דעם
איצטיגען עקזעקוטיוו באארד האט זיך
שוין לאנג געענדיגט, זאלען איצט אפגע-
האלטען ווערען שאפ טשערלייט דיס-
טריקט עלעקשאנס פאר א צייטווייליגען
עקזעקוטיוו באארד. דאס הייסט: עס זא-
לען גערופען ווערען עלעקשאן מיטינגען
אין די באזונדערע שאפ-דיסטריקטען,
לויט זייער פארטיילונג צווישען די ביזי-
נעס אייגענטס, און אין די עלעקשאנס
זאלען זיך באטייליגען די שאפ טשער-
לייט פון די באטרעפענדע דיסטריקטען.
די ערוועהלטע דורך דיזע עלעקשאנס זא-
לען פארבלייבען אין אמט ביז די רעגולע-
רע אלגעמיינע וואהלען וועלען אפגעהאל-
טען ווערען.

די קאמיטע פון פינף, פון וועלכער
בר. זיידמאן האט מיט זיין אוועקגעהן פון
אפיס זיך איצט צוריקגעצויגען, ווערט
פארגרעסערט און דער עקזעקוטיוו באארד
זעצט צו נאך דריי מיטגלידער. זיי זיי-
נען: שוועסטער דזשוליצקי, מינטץ און
קראנהארדט.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

די פילאדעלפיער יוניטי הויז פון דער וויסט מאכער יוניאן געעפענט מיט גרויס באגייסטערונג

די מיטגליעדער פון דער פילאדעל-
פיער וויסט און דרעסמאכער יוניאן לא-
קאל 15 האבען שוין פיעלע מאל ארויס-
געצייגט זייער באוואוסטזיין. זיי הא-
בען שוין א סך מאל געוויזען א ביישפיעל
פון אייניגקייט, און א דאנק דעם האבען
זיי אזא מעכטיגע ארגאניזאציאן; א
דאנק דעם האבען זיי אן אייגענע שעהנע
לייברערי, א מאנדאלין ארקעסטער, א
כארוס, א יוניטי הויז, און זיי וועלען
באלד האבען א קאאפעראטיווען רעסטא-
ראנט אין זייער בילדינג.

אבער די וויסט און דרעסמאכער אין
פילאדעלפיא שטעלען זיך נאך דערביי
ניט אפ. ביי דער ערעפנונג פון דער
יוניטי הויז, דעם 15טען יוני, האבען זיי
באשלאסען צו ארבייטען א האלבען טאג
צו גונסטען די פארשעהנערונג און פאר-
בעסערונג פון זייער קאנטרי זומער-היים.
זיי וועלען דעם האלבען טאג ווידזשעס
אוועקגעבען צו גונסטען זייער שעהנער
און רייכער היים. דער האלבער טאג
וועט אויסקומען שבת, דעם צווייטען
דזשולאי.

עס איז א שעהנע טאט פון די מיט-
גלידער פון לאקאל 15, און דיזע האנד-
לונג זייערע וועט ארויסרופען גרויס בא-
גייסטערונג ביי די טויזענדער אנדערע
ארבייטער.

עס איז צו האפען, אז קיין וויסט
און דרעס מייקער וועט זיך ניט ענטזא-
גען אין דיזען הינזיכט. זיי האבען אלע
יאהרען געארבייט צו מאכען שענער, בע-
סער און באקוועמער זייערע אייגענע היים
אין דער פרייער נאטור.

אלזא, זונטאג דעם 15טען יוני איז
מיט גרויס באגייסטערונג זייער יוניטי-
היים געעפענט געווארען. ווי א ברויזענדע
כוואליע, וואס ווערט פריינעלאזען נאך
א צוריקהאלט, האט געשטראמט די יונגע
לעבענס-לוסטיגע מאסע וויסט און דרעס
מייקערס אין זייער אייגענע זומער היים
די „יוניטי האום“. דער גאנצער געגענד
ארום דער „יוניטי הויז“ איז, דוכט זיך,
ביז יענעם טאג געווען ווי מיט אייז בא-
דעקט. דיזער פראכטפאלער פלאץ איז
געשטאנען איינזאם און שטיל, און זונ-
טאג דעם 15טען יוני האט זיך דארט דער
לעבענס-שטראם באוויזען און זיך פריי
און ברייט באוועגט אין דער שענער זומער
היים פון דער וויסט און דרעס מייקערס
יוניאן.

פון גאנץ פריהמארגען שוין האבען
אנגעפאנגען צו שטראמען מעמבערס און
געסט און אלע זיינען געווען באהערשט
פון א נייעם יום-טוב-גייסט, פארגעסען-
דיג אן אלע טעגליכע זארגען.

דיזען יאהר זיינען אין דער „יוניטי
האום“ צוגעקומען פיעלע נייעסען, ווי א
ביהנע פאר קאנצערטען און אנדערע בא-
קוועמליכקייטען, אבער דאס שענסטע איז
דאס ווארט „יוניטי“ אויסגעזעצט אין
בלומען, וועלכעס באגעגנט אייך באלד
ביי אייער אריינקומען.

גענאסע ח. בארענשטיין האט אפי-
ציעל ערעפענט דעם זומער גן עדן פאר
ארבייטער. ער האט אין קורצע ווערטער
געגעבען אן איבערבליק וועגען דער ענט-
וויקלונג פון דעם געדאנק פאר א זומער-
היים, וועלכער האט זיך אזוי גלענצענד
רעאליזירט און מיט וועלכען אלע וויסט
און דרעס מייקער שטאלצירען יעצט. ער
האט פארגעשטעלט מיס ראקאוו, פון דער
ניו יארקער יוניטי האוס, וועלכע האט
באגריסט די וויסט און דרעס מייקערס
מיט זייער וואונדערבארער ארגאניזאציאן
און איהרע גרויסע אויפטואונגען.

קורצע באגריסונגס-רעדען האבען
אויך געהאלטען מיס קאטז, פון דער שי-
קאגא'ער וויסט און דרעס מייקערס יו-
ניאן און גענאסע מ. פאלין. מר. ראזענ-
היימער, דער מענעדזשער פון די קאנ-
צערטען פאר דער יוניאן, האט אויך בא-
גריסט די אנוועזענדע.

מיט פיעל באגייסטערונג איז אויפ-
גענומען געווארען מרס. ניבסאן, די מע-
נעדזשערין פון דער „יוניטי האום“, וועל-
כע איז צוזאמען מיט מרס. ראגען אויך
געוועזען מענעדזשערין לעצטען יאהר.

אונטער א שטורם פון אפלאדיסמענ-
טען איז דאן פארגעשטעלט געווארען א.
סילווער, דער מענעדזשער פון דער וויסט
און דרעס מייקערס יוניאן. ער גיט אי-
בער, אז די ארבייטער פון פייגען'ס שאפ
האבען געבראכט אן אריענטאלישען צו-
דעק פאר דער פיאנא, א סעט גוטע פא-
נאגראף רעקארדס פון עקומע וויסט קא.,
א גומען ראג און נאך און נאך פארשיי-
דענע ארטיקלען, און זיי ווערען אלע אפ-
לאדירט. אבער אן אויסנאם פון די אלע
פרעזענטען איז געווען פון די ארבייטער
פון הייבער און ווייס. זיי האבען פרעזענ-
טירט דער „יוניטי“ מיט א גרויסע בילד
פון דעם אלטען טרייען ארבייטער קעמ-
פער, יודזשין וו. דעבס. ווען מר. סילווער
האט די בילד אויפגעהויבען אין דער הויך
האט אויסגעבראכען א דעמאנסטראציע,
וועלכע האט אנגעהאלטען איניגע מינו-
טען.

בר. סילווער האט דאן אנגעוויזען אויף
די פיעלע אויסבעסערונגען וואס זיינען
געמאכט געווארען און וועלכע קענען נאך
געמאכט ווערען. צום שלוס האט ער
אויפגעפאדערט די מעמבערס צו באשטי-
מען ווי גרויס עס זאל זיין זייער ביי-
שטייערונג צום „יוניטי פאנד“ דיזען
יאהר. און עס ווערט איינשטימיג בא-
שלאסען, אז א האלבער טאג ווידזשעס
זאל זיין די ביישטייערונג צום „יוניטי
פאנד“.

האנס קינדלער, דער בארימטער
טשעליסט, האט דורכגעפיהרט א זעהר
אינטערעסאנטע מוזיקאלישע פראגראם,
אין וועלכער עס האט זיך אויך באטיי-
ליגט א לינגערין. דיזער טייל פון דער
ערעפנונגס-פייערונג איז ארגאנזירט גע-
ווארען פון מר. ראזענהיימער, פון דער
פילאדעלפיער מוזיקאל ביורא.

דעם גאנצען אבענד האבען פארשי-
דענע גרופען פארבראכט אין זינגען רע-
וואלוציאנערע און אידישע פאלקס-ליע-
דער, וועלכע זיינען אויך פארטגעזעצט
געווארען פאהרענדיג אין דער ספעציעל
טריין ביז אין שטאדט אריין.

רעקאמענדאציע פון איטאליע-נישען בר. פון די וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאק. 25.

די איטאליענישע שאפ-טשערלייט פון
דער וויסט-מאכער יוניאן, לאקאל 25,
האבען דעם 17טען דזשון אפגעהאלטען א
מיטינג אין 16 וו. 21טע סט. אויף דעם
מיטינג איז באטראכט געווארען דער קרי-
זיס וואס די יוניאן מאכט איצט דורך, פאר-
אורזאכט פון א גרופע פערזאנען וואס
רופען זיך „ארבייטער קאונסיל“. דיזע
גרופע, אנשטאט צו זעהן עס זאל דורכגע-
פיהרט ווערען נויטיגע רעפארמען,
שטרעבט, אפשר ניט פרייוויליג, צו דער
פארניכטונג פון דער ארגאניזאציאן, וועל-
כע איז נאך יאהרען פון שטענדיגען העל-
דישען קעמפען געווארען, אלץ שטארקער
און פעסטער.

„זייענדיג איבערצייגט אז די אגיטא-
ציע פון יענער גרופע איז ניט אין איינ-
קלאנג מיט דער גרויסער מאסע מיטגלי-
דער פון אונזער יוניאן, רעקאמענ-
דירט יענער מיטינג צו
אלע איטאליענישע מיטגלידער זיך צו
פערהאלטען אין זעלבען גייסט ווי ביז
איצט און זיך צוריקהאלטען פון יענער
ניט-נויטיגער באוועגונג, וועלכע, ביי דער
צייט קאן ברענגען רואינע פאר דער יו-
ניאן צום בענעפיט פון די מאנופעקטשו-
רערס.

עס ווערט באשלאסען אויפצופאדערן
דעם עקזעקוטיוו באארד צו זעהען אז ארד-
נונג זאל הערשען אין דער יוניאן; עס זאל
געארבייט ווערען אהן אירגענד וועלכע
פאראורטיילע, צום נוצען פון דער יוניאן,
און צום פארטשריט פון די ארגאניזירטע
ארבייטער מאסען.“

פינסקער לאנדסלייט פון גאנץ אמעריקא און קענעדע!

ראטעוועט

פינסק!

די דזשאינט פינסקער רעליעף

א פאראייניגונג פון אלע פינסקער שוהלען און ארגאניזאציעס פון גרייטער ניו יארק, מאכט איצט א דרייוו פאר א

פערטעל מיליאן דאלאר

צו ראטעווען אונזערע טיעף פארומגליקטע און געפייניגטע טאטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער פון אונזער אלטער היים.

פינסקער לאנדסלייט! וואו איהר זאלט זיך ניט געפינען, הערט דעם פארצווייפעלטען רוף פון אונזער פלייש און בלוט און רופט זיך אפ. שטעלט זיך גלייך אין פערבינדונג מיט אונזער ארגאניזאציע, וועלכע וועט אייך העלפען מיט אינפארמאציע, ליטעראטור און רעדנער.

פינסקער! ראטעוועט פינסק אידער עס ווערט צו שפעט! ארגאניזירט קאנפערענצען, מיטינגען און קאמיטעס. מאכט פון הויז־צו־הויז קאלעקשאנס. טוט אלעס מעגליכע צו שאפען דעם פערטעל מיליאן דאלאר פאנד.

אכטונגספאל,

די פינסקער דזשאינט רעליעף

אברהם שאמער, פרעזידענט.

צ. ה. מאסליאנסקי, טרעזשורער.

אלע בריעף און אנפראגען זאלען אדרעסירט ווערען דירעקט צו אונזער פרעזידענט:

A. SHOMER 200 East Broadway, New York.

געלדער פאר דעם פערטעל מיליאן דאלאר פאנד זאלען געשיקט ווערען צום טרעזשורער פון פינסקער דזשאינט רעליעף:

Z. H. MASLIANSKY 278 East Broadway, New York.

אלע געלדער וועלען קוויטירט ווערען דורך רעסטים און דורך די צייטונגען.

טשאקאלאד דורך און דורך

עקס-לאקס

דער פאפולערער אבפיהר־מיטעל

איז געשמאק פון אנפאנג ביז ענדע, עס ענטהאלט ניט קיין שעדליכע שטאפען, און מען קען דאס געבען מיט זיכערהייט אפילו צו די קלענסטע בייבעלע.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

מונלייט עקסקורשאן

די איינציגע דיזען סיזאן — אלע וועלען דארט זיין

געגעבען פון

סוירקעלס 1 און 13 יאנג פיפלעס סאשעליסט ליעג

צו גרייט בעער מאונטיינס און צוריק, 75 מייל פון ניו יארק אויף דעם פראכטפולען סטימער

„סיריאוס"

וועט פארלאזען מארקעט סט. דאק אום 2.30 נאכמיטאג

שבת, דעם 12טען דזשולאי, 1919.

דענסינג און רעפרעשמענטס. טיקעטס: 85 סענט. ביים שיף $1.00 פאר ארגאניזאציאנען וואס קויפען 50 אדער מעהר — 75 סענט.

צו באקומען אין 180 הענרי סטריט און אין 255 גרענד סטריט.

גרויסארטיגע פייערונג פון דער יוניטי הויז ערעפנונג

די ערעפנונג פון דער

„יוניטי הויז"

פון דער

ליידיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן

וועט געפייערט ווערען

דעם 4טען, 5טען און 6טען דזשולי, אין פארעסט פארק, פענסילווייניא.

רייכער קאנצערט, אונטערהאלטונגען און רעדנער

פלאץ איז צוגעגרייט געווארען אין דער יוניטי הויז פאר הונדערט שאפ־טשערליידיס, אויף א ספעשעל־רייט פון $5.00 פאר די דריי טעג: פרייטאג, שבת און זונטאג, דזשולאי דעם 4טען, 5טען און 6טען.

טשערליידיס, וואס ווילען זיין צווישען די גליקליכע הונדערט, מוזען באלד אנגעבען זייערע נעמען אין די העדקוואַרטערס פון דער יוניטי הויז, אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סטריט.

קויפט א יוניטי באנד! רעגיסטרירט זיך איצט פאר אייער וואקעישאן אין דער יוניטי הויז

4 זאכען מוזט איהר האבען
אום הנאה צו האבען פון אייער וואקיישאן
גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעל־שאפט.
דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען ווען איהר פאהרט אויף אייער וואקיישאן צו אייער באקאנטע

A. ELLNER & M.WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. די הויז און קאטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפּרואוומענטס, געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, אייגענע קיה טשיקענס און גארטען וואס סופּליים אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און וועדזשע־טייבעלס. די עסענס ווערען געקאכט פון אן עקספּערט שעף. פיעלע אמיוז־מענטס, בייטהינג און פישינג, דענס האל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ביי די מאהלצייטען, טעניס קאורט, לייברערי, א. ז. וו.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פּראפּ־רייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו
A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

באַרנעט
ל. בּעקער
אפּטאמעטריסט און אפּטישען
215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

דיזע צייטונג
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענ־גלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפּ־טו־דייט פּרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

די לעגארד פּרעס
טעלעפאן גרעמערסי 2441
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

וואס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעל־דעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטי־גען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באַרד, גיט אן דעם נאמען ביי וועמען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספּיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספּיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל גע־מאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאַ־דזשען אדער פאראיינען וועלען פּאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האבען איינגע־צאלט אמווינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויף'ן 10טען טאג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ח. וואנדער, מענעדזשער.

האט רחמנות!

לאזט ניט אייערע פריינד און קרובים אין פוילען אויסגעהן פון הונגער

שיקט זיי געלט

די יונייטעד סטייטס העלפט מיט. אונזער רעגיערונג האלט אן אן אפיס אין ווארשא, אויף סענאטארסקא גאס אונטער דעם נאמען „אמעריקאן רעליעף אדמיניסטריי־שאן" צו העלפען די וואס וואהנען אין יונייטעד סטייטס זיי זאלען קענען שיקען געלט צו זייערע נויטליידענדע קרובים און פריינד, אין אלע שטעדט און שטעדטלעך, וואו פוילען הערשט יעצט.

טהוט אייער פליכט, העלפט זיי!

שיקט זיי געלד דורך

די סטייט באַנק

מיר וועלען שיקען אייער געלט דורך דיעזען רעגיערונגס אפיס אין ווארשא און מיר וועלען אייך רעכענען זעהר א קליינעם פּרייז. איהר קענט זיין זיכער, אז דאס געלט וועט ריכטיג אפּגעגעבען ווערען אייערע קרובים. דארויף קריגט איהר אונזער גאראנטי.

THE STATE BANK

376-378 GRAND ST., NEW YORK

BRANCHES:

100 Essex Street, New York — 5th Avenue and 155th St., N. Y.
158th Street, Union and Weschester Aves., Bronx, N. Y.
Graham Ave. and Varet Street, Brooklyn, N. Y. — Pitkin Ave., Cor. Stone Ave. Brooklyn, N. Y.

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פּ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק



A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484־90 6טע עוועניו, ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טשאטהאם פּרינטינג קא.
2 איסט בראדוויי
קריגט אונזער עסטימייט.

די יוניאן־קאאפּעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך
וזייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָ ווילסאָן.

אפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. I., No. 25 — New York, Friday, July 4, 1919 — פרייטאג, דער 4טער דזשוליי, 1919. — PRICE 3 CENTS

די גאַנצע קאָונטרי אין אַ פלאַם פון קלאָוק סטרייקס

מיטוואָך, 10 אוהר פריה, זיינען אַרויס אין א דזשענעראַל-סטרייק די קלאָוק מאַכער פון שיקאַגאָ, די קלאָוק מאַכער פון מאָנטרעאַל, און די קלאָוק מאַכער אין טאָראָנטאָ. די אויסזיכטען אויף א גרויסען און באַלדיגען זיעג זיינען גלענצענדע.

ב. שלעזינגער פון שיקאַגאָ טעלעגראַפירט: שיקאַגאָ קלאָוק און סקוירט מייקערס זיינען אַרויס אויף אַ דזשענעראַל סטרייק מיט דער העכסטער באַגייסטערונג. פאָלשטענדיגער זיעג זיכער אין איינינע טעג.

קאָלדאָפסקי פון מאָנטרעאַל טעלעגראַפירט:

דזשענעראַל סטרייק ערקלערט היינט 10 אוהר פריה. אַלע שעפּער פּוסט, גרויסע באַגייסטערונג. א שטאַרקער גלויבען אין א באַלדיגען זיעג.

י. שוברט, פון מאָנטרעאַל, טעלעגראַפירט:

דזשענעראַל סטרייק אויסגעבראָכען היינט, פאָלשטענדיגע דיסציפּלין. אַגרימענטס שוין אונטערשריבען פון די פּראָמינענטסטע מאַנופעקטשורער. א פאָלשטענדיגער באַלדיגער זיעג פאַר אַלעמען.

און איצט האָט געשלאָגען די שטונדע פון באַפרייאונג פון דעם פארשאָלטענעם סיסטעם פון שטיק ארבייט, פון סוועטעריי, פון קנאה-שנאה צווישען די ארבייטער גופא פאר די קלאָוק מאכער פון דער קאַנטרי.

דעם אנפאנג האָט געמאכט אין א מזלדיגער שעה די קלאָוק מאכער יוניאָן אין ניו יאָרק. דאן האָט זיך ווי א וואלד-פייער דער סטרייק-חשק פארשפּרייט ווייטער איבער פילע שטעדט, צוערשט אין דער איסט, אין באָסטאָן, אין באַלטימאָר, וואו דער זיעג איז שוין זיכער און איצט האָט זיך דער פייער אריבערגעכאַפּט ווייטער וועסט.

עס סטרייקען די קלאָוק מאכער אין שיקאַגאָ פאר די אַלע פאָדערונגען, וועלכע עס האָבען געשטעלט די ניו יאָרקער קלאָוק מאכער, און זיי וועלען זיכער געווינען.

דאָרט האָט עס געהאַלטען, אז די מאַנופעקטשורער זאָלען סעטלען אָהן א סטרייק. פילע קאָנפערענצען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, אָבער אם ענדע האָט דער סטרייק דאָך געמוזט אויסברעכען.

די שיקאַגאָער מאַנופעקטשורער האָבען געוואָלט האַנדלען א מציאה דורך די איינפיהרונג פון דער וואָך-סיסטעם, אָבער שלעזינגער האָט זיי גלייך קלאָר געמאַכט, אז זיי וועלען ביי איהם קיין מציאה ניט האַנדלען, אז די וואָך-סיסטעם ווערט איינגעפיהרט אום צו פארבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער. שלעזינגער האָט געפאָדערט א מינימום לוין פון א באָטען-נעהערין פון 18 דאָלער און פאר א פינישער 32 דאָלער א וואָך. און ביי דעם פונקט האָבען זיך די פארהאַנדלונגען אָפּגעבראָכען.

די מאַנופעקטשורער קענען עס גאָרניט באַגרייפען אז א באָטען נעהערין זאָל פאַרדינען אַזוי פיעל געלד.

שלעזינגער איז אָבער פונקט פון א פארקעהרטער מיינונג. 18 דאָלער איז דאָס [illegible] וויינציגסטע וואָס א מענש מוז פאַרדינען. ער האָפט אָבער, אז די באָטען-נעהערינס וועלען פאַרדינען פיעל מעהר.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז אַלע סטרייקס וועלען גאָר קירצליך געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג. די באָסעס אין שיקאַגאָ וועלען איינזעהן, אז אַנדערש קען ניט זיין, און זיי וועלען זיך אונטערגעבען. דאָסזעלבע וועט אויך געוויס זיין דער פאַל אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. די זיכערהייט אויף א באַלדיגען זיעג שפּראָצט ארויס פון יעדען וואָרט פון די טעלעגראַמען. די זיכערהייט פון א זיעג איז גאַראַנטירט דורך די גרויסע באַגייסטערונג פון די סטרייקער אין אַלע דריי שטעדט. די זיכערהייט פון זיעג איז גאַראַנטירט דורך די פעהיגע פיהרערשאַפט פון די קלאָוקמאַכער, די זיכערהייט פון זיעג איז גאַראַנטירט, וואָס הינטער די אַלע סטרייקס שטעהט די מעכטיגע אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און דאָן די גאַנצע פאַראייניגטע ארבייטער באַוועגונג פון אמעריקאַ.

אינהאַלט-פאַרצייכניס

נומער 25 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואָך — ש. י.
זייט 3. בריעף פון אַטלאַנטיק סיטי — דזש. העללער.
זייט 4. דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאַל 25 — י. שעהנהאָלץ.
זייט 5. דער גרויסער שנעלער זיעג אין באָסטאָן — א. ראָטשטיין און ב. קורלאַנד.
זייט 6. די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע ביי דער ארבייט — ל. פינקעלשטיין.
זייט 7. די פרויען-וועלט — ראָזע בעררדיק-בלינדער. די קונסט פון רעדען (פעליעטאָן) — עליאס ליבערמאַן.
זייט 8. אינגעבאָרג (ראָמאַן) — ב. קעלערמאַן
זייט 9. ראָמאַן. טרייד און אָרגאַניזאַציאָנס פראַגען — ה. מעניז.
זייט 10. פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיז-ביכעל.
זייט 11. רעקאָנסטרוקציאָנס פּראָבלעמען — א. זעלדין.
זייט 12. צום פערטען דזשוליי — נ. ב. רעכטס אָדער לינקס? (פעליעטאָן) — א. וואַהלינער.
זייט 13. די פארביטענע דרעס — ל. באַראַדולין.
זייט 14. אין וואשינגטאָן קאָכט זיך וועגען ארבייטער פאָדערונגען — ב. מיימאַן. נו, א וואָך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. קורצע שמועסען. „לעדלאָרדס" און ליסטעדלאַך — באַנקיר פאַן יאָסעלדאָרף.
זייטען 16, 17, 18 און 19 אַדווערטייזמענטס.
זייט 20. פילאַדעלפיער דזשאָינט באָארד [illegible] — א. ניבאָוער.

צו די זיעגרייכע קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק

איצט, אז דער זיג פון דעם קלאָוקמאַכער-סטרייק איז שוין פאָלשטענדיג, איצט, ווען איהר ארבייט שוין אין די שעפּער — און מיט פיעל מעהר רוה און געמיטליכקייט, ווי ווען עס איז פריהער, קענט איהר אַליין גאַנץ גרינדליך אָפּשעצען די גאַנצע גרויסקייט פון אייער זיעג. מיט דעם לויף פון דער צייט וועט איהר עס נאָך בעסער פארשטעהן. ווירקליך, מיר זיינען איבערצייגט, אז וואָס ווייטער, וועט איהר אַלץ בעסער קענען ווירדיגען און אָפּשאַצען די גאַנצע גרויסקייט פון דער שטילער רעוואָלוציע אין אייער טרייד, פון דעם מאָמענט, ווען איהר זיינט ארויס אין סטרייק, דעם 14טען מאַי 1919, ביז דעם מאָמענט, ווען די פּראָטעקטיוו אסס'ן און דאָן די סאָב-מאַנופעקטשורערס אסס'ן, די דזשאָבערס אסס'ן און דאָן די אינדעפּענדענטס האָבען נאָכגעגעבען אַלע אייערע פאָדערונגען.

אָבער גראַדע איצט, אין דעם סאַמע רויש פון זיעג האַלטען מיר פאַר נויטיג אַנצוּוייזען אויף איינינע נויטיגע פונקטען, וועלכע, אויב זיי זאָלען ניט אָפּגעהיט ווערען, קענען דעם זיעג באַדייטענד אָפּשוואַכען. נעהמט-זשע עס ניט פאַר אומנוט, און הערט אונז אויס.

פריהער פון אַלץ מוז אָנגעוויזען ווערען, אז אַן אַגרימענט אַליין איז נאָך גאָרנישט „איי סקרעפּ אָוו פּייפּער", אויב איין צד פון די ביידע איז נאַכלעסיג און פּאַסט ניט אויף מיט דער גרעסטער אייפערזוכט אויף אַלע רעכטע, וועלכע דער אַגרימענט גיט איהם.

פון ערפאַהרונג ווייסען מיר, אז די בעסטע אַגרימענטס האָבען גאַנץ ווייניג געשטערט די באָסעס צו עקספּלואַטירען די ארבייטער אויף דעם העכסטען גראַד, ווען די ארבייטער אַליין זיינען געווען פון דעם סאָרט, וואָס לאָזט זיך לייכט עקספּלואַטירען.

צו א גוטען אַגרימענט איז ערשט העכסט נויטיג א גוטער יוניאָן-מאַן. און וועלכער איז א גוטער יוניאָן-מאַן? ניט דער, וואָס לאָזט זיך פארבלענדען און פאַרדרעהען א קאָפּ פון א מאָמענטאַנעם פאָרטייל, נור, וועלכער זעהט אביסעלע ווייטער, האָט א שטיקעלע איינבליק אין די צוקונפט, און פארשטעהט, אז דער מאָמענטאַנער פאָרטייל קען איהם טייער קאָסטען.

לאָמיר זיין גאַנץ קאָנקרעט. לויט דעם אַגרימענט, למשל, טאָר קיין ארבייטער ניט ארבייטען מעהר, ווי א געוויסע צאָהל שטונדען אָווערטיים. נו, קומט צו צו אייך דער באָס, און שלאָגט אייך פאַר צו ארבייטען נאָך א פּאָר שטונדען. דער נסיון איז גרויס: פאַר וואָס ניט פאַרדינען נאָך א פּאָר דאָלאַר? און די יוניאָן וועט זיך אויך ניט דערוויסען, זי האָט דאָך ניט קיין טויזענד אויגען אויפצופּאַסען, און וועמען קען עס שאַדען? און דאָך, אז קליינער פעהלשריט קען באַדייטענד אָפּשוואַכען און פאַרשוועכען אייער גאַנצען זיעג. מיט אָט דעם פעהלשריט מאַכט איהר אייער שאַפּ ווידער פאַר א סוועטשאַפּ, זיך מאַכט איהר ווידער פאַר דעם אַלטען קלאָוקמאַכער, וואָס ווייס ניט אין ביזי צייט פון קיין לעבען און פון קיין אַפרוה, און, וואָס איז נאָך ערגער, מיט אייער ארבייטען מעהר וויפיעל עס איז באַשטימט, לויט דעם אַגרימענט, נעהמט איהר אַוועק די ארבייט פון אַנדערע, און מיט געוואַלד טרייבט איהר זיי אין די קלאָטשעס פון דעם אמאָליגען סוועט-שאַפּ.

נעהמט א צווייטען ביישפּיעל:

איהר האָט אויסגעפיהרט צו קריגען א גאַנץ שעהנעם מינימום-לוין פאַר אייער ארבייט פון 44 שטונדען א וואָך. מען קען, נאַטירליך, גאַרניט האָבען קעגען איינעם, ווען ער וויל פאַרדינען אביסעל מעהר, ווי דער מינימום-לוין. די הוצאה איז דאָך איצט אַזאַ גרויסע. אָבער די געפאַהר איז, אין דער איבערטרייבונג.

גרויס איז דער זיעג פון דעם קלאָוקמאַכער דורך דעם איצטיגען סטרייק, וואָס ער קען איצט ארבייטען, ווי א מענש, ניט ארויסיאָגענדיג זיך די נשמה ביי דער ארבייט. דער זיעג אָבער וועט צורונען ווערען, ווען ער וועט אָנגעהן מיט דערזעלבער נשמה-יאָגעניש, מיט דערזעלבער עקספּרעס-שנעלקייט, אום צו קריגען אַלץ מיט עטליכע דאָלאַר מעהר, ווי דער מינימום-לוין. וואָס וועט דער קלאָוקמאַכער דאַן האָבען געוואונען?

מיר מיינען ניט צו זאָגען, אז דער ארבייטער זאָל ניט געבען דעם באָס א טאָג עהרליכע ארבייט. דאָס קומט דעם באָס, און דאָס דאַרף ער קריגען. אַן אַגרימענט קען נור גילטען און ווירקען, ווען ביידע צדדים גלייך ערפילען איהם. וועט דער ארבייטער פון זיין זייט ניט האַלטען דעם אַגרימענט, איז שווער צו ערוואַרטען, אז דער באָס זאָל איהם האַלטען. יע, דער ארבייטער דאַרף געבען, לויט זיין פאַרשפּרעכען, אַן עהרליכען טאָג ארבייט פאַר אַן עהרליכע ווידזש, אָבער ער טאָר איהם ניט געבען מעהר, וויפיעל ער קען, מעהר, וויפיעל זיינע כוחות, אָהן אָנגעשטרענגטקייט, אָהן איבערשפּאַנונג, ערלויבען עס.

די קלאָוק-אינדוסטריע, דורך די נייע גרויסע ענדערונגען אין איהר, איז איצט געוואָרען אַזאַ, אין וועלכער ניט נור דער מאַנופעקטשורער האָט אַן אינטערעס, אז זי זאָל עקזיסטירען, און בליהען, נור אויך דער ארבייטער.

א קלאָוק-אָפּערייטאָר, א פינישער, א פּרעסער, אָדער אירגענד אַן ארבייטער אין דער קלאָוק-אינדוסטריע מאַכט, מוז מאַכען אין איהר א בכבוד'יגען לעבען. עס איז דאַרום אויך זיין אינטערעס, אז די קלאָוק-אינדוסטריע זאָל האָבען א קיום, א פעסטען באָדען, און דער פעסטער באָדען איז עהרליכע ארבייט, פ א ר ד י נ ע ן די ווידזש, וואָס דער ארבייטער קריגט. ניט וועלען דעם באָס אָפּנאַרען און קריגען עפּעס פאַר גאָרניט.

אָבער אין דערזעלבער צייט, צוליעב אייער געזונד, צוליעב דעם וואוילזיין פון אייערע אַנדערע מיטאַרבייטער, און צוליעב דעם אז די קלאָוק-אינדוסטריע זאָל ווידער ניט זיך צוריקקערען צו דעם אמאָליגען צושטאַנד פון סוועטעריי, טאָר קיינער ניט, צוליעב עטליכע דאָלאַר מעהר, ארבייטען איבער די כוחות.

באַרעכענט נור, אז האַבענדיג געאַרבייט איבער די כוחות און פאַרדינענדיג שוין די פּאָר דאָלאַר מעהר, האָט איהר נור זיך אַליין אָפּגענאַרט. צוליעב אייער יאָגען זיך וועט דער סעזאָן מוזען געדויערען ווייניגער, ווי ווען איהר וואָלט געאַרבייט מענשליך. ארבייטענדיג לויט אייערע כוחות, פאַרלירט איהר פּראַקטיש גאָרניט. מעהר ניט דער סעזאָן [illegible]

ערשטע באָרדערס אין דער יוניטי זומער היים פון לאָקאַל 25 העכסט באַגייסטערט

די באזוכער פון די יוניטי קאָלאָניע קאָנען זיך קוים געגוג אפלויבען פון דער גאַנצער אומגעבונג פון דעם וואונדערשעהנעם פלאַץ. — דריקען אויך אוים די העכסטע מיינונג וועגען די געשמאקע עסענס וואס מען גיט דאָרט.

ווערטער פריינד רעדאקטאָר: —

לעזענדיג אין „גערעכטיגקייט" וועגען **דער שענקייט** פון דער פראכטפולער זומער **יוניטי**-היים פון דער וויסטמאכער יוניאָן, **לאָקאל** 25, האבען מיר זיך געטראכט: **עס!** מאלע וואס מען קאן אנשרייבען! **אודאי** א סך איבערטריבען.

וועל, ווערטער פריינד רעדאקטאָר, **מיר**, א גרופע פון די ערשטע באָרדערס **אין דער** יוניטי זומער היים, מוזען צוגעבען, אז מיר האבען געזינדיגט אין געדאנקען, ווען מיר האבען בעפאר אזוי געטראכט. ווען מיר זיינען אנגעקומען אויף **דעם פלאַץ**, האבען מיר גלייך געזעהען, אז **וויפיעל** אין די „גערעכטיגקייט" איז געשריבען געוואָרען וועגען די שעהנקייט פון **דעם פלאַץ**, איז אפילו ניט א צעהנטעל פון **דער** ווירקליכקייט!

מיר ווילען זיך אפילו ניט אונטערנעמען צו שילדערען דעם אמת פראכטפולען **פלאַץ**, דאס איז ניט פאר אונזער טאלאנט... מיר קאָנען זיך אָבער ניט צוריקהאלטען פון אויסדריקען אונזער אייגינסטע ענטציקונג. מען מוז ווערען באגייסטערט ווען מען קומט **אהין!** אין קורצען וועלען מיר זאגען, דאס ארבייטער-מיידלעך און ארבייטס-מענער האבען קיינמאל ניט געקענט **אפילו** טרוימען פון פארברענגען זייער **וואקיישאָן** אין אזא רייכען פראכטפולען **פלאַץ**. ערשט דאָרט קען מען קריגען א **באגריעף** פון דעם גוטען לעבען פון די **רייכע**.

שטעלט אייך פאָר! יעדער צימער **האט** עלעקטרישע באלייכטונג; איהר **ליעגט זיך** אויף א ווייכער, ציכטיגער בעט, **אין א** שעהנער לופטיגער רום מיט אן **עלעקטרישען** לאמפ איבער אייער בעט **און** איהר לעזט זיך א בוך. יעדע רום **האט** הייסע און קאלטע וואסער. וואו איהר **ניט** זיך א ריהר, טרעט איהר אויף דיוואנען, **אויף** קארפעטס, און ניט ווילענדיג **כאפט** זיך ארויין א געדאנק: האבען מיר **ניט אמאל** פארבלאנדזשעט ערגעץ אין א **ווילא** פון א מיליאָנער?... זיינען מיר **ווירקליך** אין אונזער היים? איז דאס **ווירקליך** די זומער יוניטי היים פון אן **ארבייטער** ארגאניזאציאָנען, פון דער **וויסט** און דרעסמאכער יוניאָן??!

און ניט בלויז אינוועניג, אין די רומס, **דעם** גרויסען, די פרייע נאטור ארום איז **נאָך שעהנער**. דאָ זעהט איהר גרינע קארפעטס, שעהנע לאנקעס און בלומען, שמעקעדיגע ראָזען, וואו נאָר איהר וואָרפט **אייער** בליק! היינט דער שפיגעלדיגער **טייך** מיט די שיפלעך גלייך לעבען די **קאטעדזשעס**? און דער געדיכטער, שאָטענדיגער וואלד, וואס ווינקט צו אייך **וואו נאָר** איהר גיט זיך א קעהר? קורץ, **עס איז א** צויבער-בילד! ניט פאר אונזער כח צו שילדערען.

און איצט קומט דאס עסען. די שפייזען זיינען צוגעפאסט צו דער רייכקייט פון'ם פלאַץ. דאס עסען איז אין אלע הינזיכטען גוט און געשמאק. מיר גלויבען קוים אויב עס קאן זיין בעסער.

נאָך א גוטען געשמאקען סאפער, קומט מען זיך צוזאמען אין אן „אָפען עיר" קאפע-פאוויליאָן, וואו א חוץ די עלעקטרישע לעמפלעך פאלען אויף אייך די שטראהלען פון דער זילבערנער לבנה און ארום און ארום שמעקט פראכטפול פון די פיעלע בלומען וואס רינגלען ארום דעם פאוויליאָן.

אלזא, ווערטער רעדאקטאָר, עס איז ניט געווען א האָר איבערטריבען, וואס עס איז געווען געשריבען אין די „גערעכטיגקייט" וועגען אונזער זומער-היים. גיכער איז נאָך א סך ניט דערזאגט געוואָרען. אין דעם וועלען זיך איבערצייגען אלע באָרדערס, וואס וועלען קומען אהין.

מיט גרוס,
פעגני פארבער,
לינא שאָר,
אבראם קוזנעצאוו,
קאליא גינזבורג,
סערעה סוועטניק



די יוניטי קאטעדזשעס אונטער'ן שאָטען פון בוימער.

דער ביידינג פאוויליאָן ביים טייך.

וועגען דער יוניטי קאָלאָניע.

רעדאקטאָר פון די „גערעכטיגקייט"!
ווערטהעער הערר!

ווען א מענש איז גליקליך איז פאר איהם גאנץ נויטיג זיין פרייד אויסצודריקען צו זיינע מיט-מענשען. זיין אינערליכע פרייד מאכט לויז זיין צונג און באצווינגט איהם צו אויספלעקען פאר זיינע פריינד ווי גליקליך ער איז, און ווארום. איך געפין זיך זעכצעהן הונדערט פוס אין דער הויך, אויף די „בלויע בערג", אין דער קאלאניע אין פארעסט פארק, פא., וואס מען רופט י ו נ י ט י ה ו י ז, און איך בין זעהר, זעהר גליקליך! און אזוי ווי איך בין א גאנץ געוועהנליכער בשר ודם ווילט זיך מיר דורכשמועסען מיט די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" און זיי באקאנען מיט דער אורזאכע פון מיין פרייד.

איך האב דעם פלאַץ אנגערופען „קאלאניע", ווייל אין א קאלאניע קלייבען זיך געוועהנליך אויף מענשען, וועלכע האבען דיזעלביגע, געמיינשאפטליכע, אינטערעסען, באטראכטענדיג די באָרדערס וואס געפינען זיך שוין דאָ, מעג איך זאגען נביאות דאס דיזער יוניטי הויז איז באשערט צו ווערען דער פלאַץ פאר אן אמת'ער קאמעראדענשאפט, א היים פאר יענע ארבייטער, וואס ווען זיי זיצען און שקלאפען אין די שעפער, טרוימען זיי וועגען דעם אנקומען פון'ם טאג פון אן אלוועלטליכער ברידערליכקייט.

צו זעהן די יוניטי הויז און דאָרט פארברענגען א פאר וואכען מאכט אז איהר זאלט נאָך מיט מעהר חשק שטרעבען צו דאס אנקומען פון יענעם טאג. דאָ קאנט איהר האבען דעם לוקסוס און באקוועמליכקייט פון דער שטאָט און די וואונדערבארע שענקייטען פון די נאטור. דאָ קאן זיך צוזאמענטרעפען דער מיעדער ארבייטער און דער באנאבטער פאעט; די ליעבהאבער פון „ספארטס" און דער טרוימער, דער אייביגער דעבאטאנט און דער נאטור-פארשער, — קורץ, אלע קאנען אהער קומען און דאָ געפינען די ריכטיגע אומגעבונג פאר זייערע פארשידענע, איינענטליכע טעמפעראמענטען און פארלאנגען.

די יוניטי הויז איז געבענשט מיט גאָר א סך מעלות. איהרע צוועלף הייזער, געבויט אין א גרופע ארום אן אפענעם סקוועער, געפינען זיך אין פארעסט פארק. יעדער צימער איז גרויס און ליכטיג, מיט עלעקטרישער באלייכטונג און באציערט מיט קארפעטס, מיט „ווינדאָו סקרינס", מיט סאניטארי בעטען, מיט ווייכע קאנאפעס און „ראָקינג טשערס", מיט מאכיווע קליידער שראנקען, באד-צימערען מיט הייסע און קאלטע וואסער, און נאָך א סך אנדערע באקוועמליכקייטען, — זיי זיינען צופיעל אין צאָל זיי דאָ אלע אויסצורעכענען.

היינט דער גאסט-צימער! עס בעט זיך דעם צימער באזונדער צו באשרייבען. דאס געפינט זיך אין דעם הויפט-צימער און איז ווי אפגעטיילט אין צוויי באזונדערע טיילען. אין איין טייל שטעהט א גרויסארטיגע פיאנא און אין'ם צווייטען געפינט זיך א רעדזשיסטרי-אפיס און א פאסט אפיס, — יא, א ריכטיגער יונייטעד סטייטס פאסט אפיס, מיט אלע אויסשטאטונגען. דאָ געפינט איהר א גאנץ באקוועמע לייברערי רום, מיט סאפעס און ווייכע טשערס, מיט שרייב-טישען פאר לעזען און שרייבען, מיט ביכער, זשורנאלען און צייטונגען צו לעזען — קורץ, א רעגעלע מאדערנע לייברערי.

דער פלאַץ מיט אלע בילדינגס איז א שטעטעל פאר זיך אליין! אלעס איז גרייט פאר די געסט וואס וועלען קומען אהין.

וועגען די יוניטי קאלאניע קאן איך גאָר אנדערש ניט דענקען, ווי וועגען א שטעטעל פאר זיך אליין. טראכט נאָר וועגען דעם: א מאדערנע לאָונדרי, באטריבען דורך עלעקטריציטעט, אן אייגענע בעקעריי, א מאדערנע סאניטארע קיטשען, א פאוער הויז, א קאפעטעריום אין דער פרייער לופט, אייז-קרים פארלאר, סווינגס, טעניס און בייזבאל גראונדס, דענקט וועגען דעם אלעם, און איהר וועט פארשטעהן וואס דאס מיינט.

היינט די נאטירליכע שענקייטען! דער פראכטפאלער טייך פאר באָדען און שיפען זיך, די 50 שיפלעך און די 75 באָדע-פלעצער. עס איז אפילו דאָ א פראפעסיאנעלער „לייף סייווער" צו לערנען אייך שווימען. פאר די טרוימער און ליעבהאבער פון שטילקייט איז פאראן דער וואלד, מיט זיינע הויכע בוימער און שטילע וועגען, דער געזאנג פון די פייגעל און דאס מורמלען פון די לויפענדע וואסערען, און די שטילע לבנה-נעכט, — דענקט נאָך וועגען דעם אלעם!

ווירקליך, ווען עס קאן שוין איצט געמאכט ווערען אזא גן עדן פאר ארבייטער איז דער בעסטער סימן אז די וועלט ווערט רעוואלוציאָניזירט. די וויסט און דרעס מאכער יוניאָן דארף זיכער שטארק געלויבט ווערען פאר'ן פארשאפען די ארבייטער אזא גרויסארטיגען פלאַץ פאר אזא קליינער סומע וואס מען רעכענט דאָרט פאר באָרד אין גאנצען 13.50 ד. א וואך. איך קאן דאס בלויז באגרייפען, ווען איך דערמאָן זיך, אז דער צוועק פון די יוניטי קאלאניע איז קאאפעראציאָן און ניט פראפיט. עס איז א פערגעניגען און פריווילעגיום צו קאנען זיין דאָרט! איך אליין שעץ מיך העכסט גליקליך, וואס איך בין איינער פון די וואס האט געהאט דאס גליק צו זיין דאָרט.

נאָך איין ווארט.

די דערקוויקענדע, ריינע לופט און די אמת גוטע און געשמאקע עסען, קאן יעדען איינעם געזונד מאכען. מען קאן דאָרט אנשעפען נייע כוחות, און אויך באקומען פרישען מוט ווייטער פאָרטצוזעצען דעם קאמף פאר די באפרייאונג פון'ם ארבייטער קלאס. איך גלויב קוים אויב איך דארף וועמען צורעדען צו פאָהרען אהין. איך וואָלט אָבער וואָרענען אלע קאמעראדען זיך צו רעדזשיסטרירען אין צייט, צו קאנען זיין דאָרט. דער זומער איז קורץ און בעלנים צו פאָהרען אהין וועלען זיכער זיין אַזוי פיעל! אמת, די יוניטי הויז איז זעהר גרויס, דער פלאַץ איז דאָך אָבער באשרענקט, און ניט אלע וועלען דאָך האבען דאס גליק צו קאנען זיין דאָרט.

מיט ברידערליכען גרוס,
אייער,
בענדזשאמין גרינבערג.

נייע קארדס פאר די טשערלייטע פון דער וויסט מאכער יוניאן לאקאל 25

די וויסט און דרעסמאכער יוניאן האט יעצט געלאזט דרוקען נייע קארדס פאר די טשערלייטע פון זייערע שעפער. עס איז וויכטיג אז יעדער שאפ-טשערמאן זאל זיך גלייך באזארגען מיט אזא קארד. אום דאס צו טאן איז וויכטיג אז דער שאפ-טשערמאן אדער טשערליידי זאלען קומען אין אפיס פון דער יוניאן און מיטברענגען דעם יוניאן בוך.

עס האט פאסירט אין דער פארגאנגענהייט אז מאנכע מעמבערס, ניט זייענדיג קיין טשערלייטע, האבען זיך דאָך באנוצט מיט קארדס פון די טשערלייטע. אום דאס צו פארמיידען ווערען יעצט די נייע קארדס ארויסגעגעבען, **אויף וועלכע עס וועט זיך אויך געפינען דער לעדזשער נומער פון מעמבער. אלזא, ניט פארגעסט, און באזארגט זיך גלייך מיט דיזע קארדס.**